STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00990

YIDISHE YON-TOYVIM

B. Rivkin

Permanent preservation of this book was made possible by
Rhoda Gordon Weinstein
in memory of
Harold S. & Beatrice W. Gordon

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. ריווקין

יידישע יום-טובים

צענויפגעשטעלט פון
מינא ריווקין

משה-שמואל-שקלאַרסקי

ניו-יאָרק, 1950

B. RIVKIN

YIDISHE YOM-TOVIM
(Jewish Holidays)

Copyright, 1950, by
MINNA RIVKIN
Bronx, New York

Published by
Morris S. Sklarsky
10 Monroe Street
New York 2, N. Y.

Printed in U.S.A. by
The Shoulson Press, New York
255

אין בוך „יידישע יום־טובים" גייען אַריין ב. ריווקינס ע"ה אַרבעטן פון די יאָרן 1926—1945. אייניקע אַרטיקלען וועגן יום־טובים האָב איך פאַרעפּענטלעכט אין „טאָג" אין משך פון 1945—1950.

דער צווייטער טייל איז אַ פראַגמענט פון בוך „נאַטור און וואונדער". געשריבן פון ב. ריווקין אין די יאָרן 1912—1929.

אַט־דאָס בוך ווערט אַרויסגעגעבן פון מיר מיט דער מיט־הילף פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד אין פאַרלאַג משה שמואל שקלאַרסקי.

מינא ריווקין

דעצ. 1950

אינהאַלט:

תפלה זכה 7

ראש השנה און יום־כיפור

אַ לעבעדיקער געשיכטלעכער יום־טוב רעדט צום מאָדערנעם יידן 13
דאָס רעטעניש פון יידישן פאָלק 18
די וועלט שטייט פאַרן יום־הדין 22
ווי הויך איז דער יידישער נשמה־באַרג אום יום־כיפור 26
דער גרויסער הייליקער סוד פון יום־כיפור 31
דער כוח פון גייסט 35
קאָן ליטעראַטור מאַכן יום־טוב? 40

סוכות

די אייביקע נייע סוכה 49
דעם יידנס אינעווייניקסטע סוכה 54
שמחת תורה 60

חנוכה

חנוכה דער נאַטירלעכער נס 67
נסים פון אַמאָל 72
דער נס חנוכה 76
גיט קינדער חנוכה־געלט 80

פורים

אויפשפילן די פורים־מגילה אויף דער וועלט־בינע 89
פון המן הרשע ביז היטלער 92

פסח

מיר וועלן שפילן די ראָלע פון אליהו־הנביא ביים וועלט־סדר 101
אונדזערע פסח׳דיקע כלים 107
דער דריטער סדר 113
זאָל אליהו הנביא ענטפערן 116
וועגן פסח און דעם סדר דאַרפן מיר ריידן מיט אַ צוקונפט־שפּראַך 121
דער פסח׳דיקער סדר אין קונסט 124
גאולה־שפיל 129
אליהו־הנביא אין אונדזער שטוב 135
אליהו הנביא׳ס כוס 138

ה ב י מ ה

הבימה־קינסטלער מיט זייער הייליקן שפּילן 143
אויב ניט העכער פון מאָסקווע 147
פאַר אַ צערעמאָניאַל טעאַטער מיט דער הבימה 151
דער צווילינג וואָס קען ניט פאַנאַנדערגעטיילט ווערן 158

ש ב ו ע ו ת

מתן תורה און כיבוש הארץ 165
באַרג סיני אויפן וועג קיין ארץ־ישראל 169
אַ נייער באַרג־סיני 173
אַ יידישע רעליגיע ווערט געבוירן אונטער דעם שאָטן פון אליהו הנביא׳ס באַרג 177
גאָט און מענטש אין דעם ליכט פון אונדזער טראַגישער צייט 182
די פלאַקער פייערן פון באַרג־סיני פאַרברענען איצט דייטשלאַנד 187
דער אמת פון באַרג־סיני און דער אמת פון בערכטעסגאַדן 191
דער יום־טוב ספּעקטאַקל 201

צווייטער טייל

נאַטור און וואונדער 213
חשבון־הנפש 217
משיח קומט אין שפּיל 221
אַ יידישער אָדער אַן אינדישער משיח 225
די גוטע און שלעכטע מלאכים 230
דער כישוף פון דעם נאָמען 235
משיח־געשטאַלט 251

תפלה זכה

אַ ריין האַרץ באַשאַף מיר, גאָט,
און אַ פעסט געמיט באַניי אין מיר.

(תהלים נ״א, י״ב)

אויף דעם שאַרפן ראַנד צווישן גייסט און אורשטאָף, וואָס איז אין מיר, דעם מענטשן — אויף דעם ראַנד, וואו וועלט־באַשאַפונג גייט כסדר אָן, שטעל איך מיך און רוף:

דו, אורקוואַל פון לעבנס פלאַקער, וואָס אַ פונק פון דיר איז אין מיר פאַראַן; וואָס קאָן ווערן די פייערדיקע בריק, וואָס פירט מיך צו דיר; און קאָן ווערן דאָס געפעס אויף צו שעפן, שעפן פייער־פלאַמיקן לעבנספלוס אָן ענד — אָן ענד אין צייט, אָן ענד אין פאַרנעם;

דו, אורקוואַל פון לעבנס סוד, דו, כסדר זיך אַנטפּלעקנדיקער סוד שבסודות, דו, אומגעהייער, אומענדלעך זיך געשטאַלטנדיקע וועלטס אור־רעטעניש; דו, אורקוואַל — נעסט פון אור־נס, פון וועלכן אַלע נסים נע־מען זיך ארויס; דו, אורקוואַל פון מוז און געזעץ, פון זיין און ווערן — וואָס יעדער בויטוואונטש, וואָס דער מין מענטש האָט צו דיר געווענדט, ווערט גאָט־געזעץ, גילטיק און שעפעריש ווירקזאַם; וואָס מאַכט בטל די אַלע פריערדיקע, פון גאָט דערוויטערטע, גאָטלאָז־געוואָרענע, דערנידעריקטע, פאַרגליווערטע מאַטעריעלע פיזישע געזעצן; און דעקט זיי אַלעמען צו, און נעמט זיי אַלעמען אַריין אין זיך, און זיי זיינען דאָ, און זיי זיינען נישטאָ; און עס מיניעט זיך אַ וועלט דורך אַ וועלט, אַ בלישטשדיק קנויל פון וועלט, אַלע איינגעפאַסט איינע אין דער אַנדערער — ניט בלויז פון דריי, נאָר פון פיר, פינף, זעקס, זיבן דימענסיעס — אַן איינשטיינישער אוניווערז פון אַלץ שטייגנדיקע, זיך אַליין איבערשטייגנדיקע רעלאַטי־וויטעטן — אורשטאָף כסדר ראוי פאַר אַ נייער בריאת עולם צו וועלכער דער מין מענטש זאָל אַ שותף זיין—דו, אומאויפהעריקער וועלט־באַשאַפער, אומעטומיקער, אַלמעכטיקער, אַלץ דורכדרינגנדיקער אַל־אמת, אַל־גנאָד, אַל־ליבע, אַל־לעבן! דו, ביז צום אומצאָליקסטן גראַד אַנגעקוואָלענע רעאַ־ליטעט, וואָס איז אומענדלעך רעאַלער, אמתער, גנעדיקער, ליבנדיקער, לע־

בעדיקער און נעענטער צו מיר ווי איך צו מיר אַליין, מיט מיין קערפּער צוזאַמען — וואָס יעדע רגע האַלט איך זיך אויף דיר און יעדע רגע נעם איך זיך אַרויס פון דיר און ווען איך גיי זיך אויף אַ רגע אָפּ פון דיר, בין איך ווי גאָרנישט: ווי ניט געווען...

דו, וואָס אַנטקעגן דיר איז דער שטאָף פון וועלט־באַשאַף, די מאַטעריע מיט אַלע אירע נעגאַטיוון, באַגרעניצונגען, קראַנקהייטן און טויט — איר שאָטן, נישטיקייט, אומעקזיסטענץ; עצם־לאָז, האָפּטלאָז און קראַפּטלאָז; פאַרשווינדעניש, פאַרבלענדעניש, אייגן־נאַרעריי, חושים־רייץ —

צו דיר ווענד איך זיך: דו, וואָס דו ביזט אַלצדינג צו יעדן איינעם; וואָס דו ווייזט זיך צו יעדן לויט זיין זעאונג; און באַוויליקסט צו יעדן לויט זיין ווינטשונג; דו, וואָס מיר אין גאַנצן ווי מיר זיינען, זיינען בלויז דיין ענטפער אויף אונדזער פרעגן און מאָנען; באַוויליק מיך אַנצורופן זיך דיין קינד, דו, זיי מיר אַ פאָטער — און אין קינדישן פאַרטרויען, בעט איך דיך, פאָטער: שאַף אָפּ דעם גזר וואָס דאָס מענטשנקינד, וועלכעס איז איינס מיט מיר, האָט אַרויפגעלייגט אויף זיך, ווענדיק נאָכקומען דיין גאָט־געזעץ מיט זיינע אייגענע אָרימע פיזישע מיטלען — אַ גזר, וואָס פיזיקער, געלערנטע, טעאָלאָגן און אַלע וואָס גלויבן אין זיי, האָבן פאַרשטאַרקט ביז צו דער קללה־פאַרבלענדעניש פון טויט — בעט איך דיך, אין קינדישן פאַרטרויען, פאָטער, פיר דורך דעם נס פון מעשׂי־בראשית אין דעם מענטשנקינד פונדאַסניי.

מאַך בטל די גזרה און די קללה, און פריער פון אַלץ מענטשנס אייגענע איינגעגלויבטקייט אין דער גזרה־קללה; שליס אויף און פיר אים אַרויס פון דעם פאַרשאָלטענעם קרייז פון די גאָט־ווייטע, גאָט־פרעמדע, באַגרעניצנדיקע מוזן און נויטווענדיקייטן, וועלכע האַלטן זיך בלויז דורך דעם פאַלשן גלויבן — דורך זייער אָפּגעגרעניצטקייט און אָפּגעשלאָסנקייט; דורך זייער שיינבאַרן צוזאַמענהאַנג; דורך זייער אויגן־נאַרנדיקער איינשטימיקייט — צעברעך דעם רינג פון פאַרבלענדענישן, וואָס האַלטן דעם מענטשן געפאַנגען; צערייס די קייט פון די איינגערעדטע, איינגעבילדעטע אַזוי־גערופענע פיזישע געזעצן, וואָס זוכן צו מאַכן אַ חורבן אין מענטשן.

נעם אים אַרויף אויף דיינע גאָט־נאָענטע, אינטימע, מאָראַל־מענשן און וועלטן שאַפנדיקע, באַפרייענדיקע, דערלייזנדיקע געזעצן; אויף דיינע הייליקע, היילנדיקע בויענדיקע און גאַנץ מאַכנדיקע, ספּיריטועלע „גייסט איז כּוח"־נויטווענדיקייטן — און טראָג אים אין אַ געטלעכער אייביקייט אויף דיינע שיצנדיקע און מונטערנדיקע פליגלען און טו אויף אים אַן

די אײדעלע געשטאַלט, וואָס איז לכתחילה פאַר אים צוגעגרייט געװען, װען ער האָט זיך נאָר װאָס פון דיר אַרויסגענומען, צו באַטראַכטן זײן ערדישן לעבנס־וועג —

די גאָט־קינדישע, גאָט־מענטשישע מעשי־בראשית־געשטאַלט, וואָס הויערט און לויערט איבער אים אין דער גאָר טיפסטער נאָענטקייט, וואָס פאַרשטעלט זיך פאַר „וױיט" און מענטשן רופן עס הימל —

די געשטאַלט, וועלכע לאָזט זיך נאָך איצט דערקענען אויף אים; צו וועלכן עס טײטלען די שטריכן אויף זײן פּנים, די אַנצוהערענישן אין זײן נשמה און שפּירונגען פון זײן האַרצן — און פאַרבײט די אײנגע־שרומפּענע, פאַרדאַרטע אברים מיט די מוסטער־גלידער און מוסטער־אָדערן, וואָס זײנען לכתחילה צוגעמאָסטן געװען צו זײן הימלישער מוס־טער־געשטאַלט —

בעט איך דיך נאָך אַמאָל, אין קינדישן פאַרטרויען, אָ פאָטער אין הימל: פיר דורך דעם נס פון מעשה־בראשית אין מענטשקינד פונדאַסניי, זײ אים מחדש — מאַך אים מיט יעדער רגע געלײטערטער, געבענטשטער און געהײליקטער —

און זאָל עס פאַרקערפּערן אַלץ מער די הײליקע, די דערלײזנדיקע גאָט־מענטש־געשטאַלט, וואָס וואַכט איבער אים אין דער וואונדערלעכער הימלישער נאָענט־וױיט, פאַרקערפּערנדיק די געשטאַלט אַלץ רײנער, עכטער, גאַנצער, פעלערלאָזער און די אַלע צוזאָגן, וואָס זײנען אינדיווידועל אין מענטשנקינד פאַרזיגלט, זאָלן געעפנט און וואָרווירקלעך געמאַכט װערן —

ביז מענטש וועט אָנגעלאָדן ווערן מיט דער פולער פרייד, מיט דער עקזאַלטאַציע פון אַ שפּאָגל נײַ באַשאַפענעם פאַרוקנדיק יעדע שפּור פון מורא־טרויער, וואָס דריקט אויף אים מיט שווערער לײדיקייט . . .

און טו עס גלײַך, אומגעזאַמט ניט פּרואונדיק מער אונדזער גלויבן און בטחון מיט אַזעלכע שווערע פרואוון. ברענג אונדז ניט צו דעם שווערסטן פּראוו! מעסט אונדז לויט דער מאָס פון אונדזער גלויבן. מיר האָבן געהאַט דעם גלויבן־אויסדויער און די געדולדיקע זיכערקײט, וואָס איז אויסגעשפּרייט אויף יאָרן — דעם געדולדיקן גלויבן פון בטחון, אַז סוף כל סוף, דורך פאַרלויף פון צײַט, וועט גאָט פאַרנעמען אונדזער געבעט און אונדז צוטײלן דעם באַשערטן גורל. דו, וואָס די לענגסטע צײַט קלעמסטו אַרײַן אין דעם דויער פון אַן אויגנבליק — דו, שיק אונדז די איבערגעשטאַל־טונג אויגנבליקלעך... כדי עס זאָל באַשײנפּערלעך זײן אַז דער נס פון מעשה בראשית איז געשען!... אָ, גאָט, די איבערגעשטאַלטונג איז

אונדזער גורל, אונדזער ניי־לייב איז אונדזער לעבן. אָן אָט דעם נס איז פאַר אונדז קיין גורל און קיין לעבן!

טו עס פון אונדזערטוועגן — מיר פאַרדינען דעם נס: מיר האָבן געטריי געזוכט נאָכצוהאַלטן דעם אידעאַלן מוסטער וואָס איז אונדז אויפֿגעגעבן געוואָרן. שאַרף און שרפֿהדיק, אַנגעשטעלט אויף וואונדער־רעטעניש און יום טוב גדול, זיינען מיר תמיד גרייט געווען אויף מסירת נפש און אויף יעדן קרבן, וואָס ליבע־פליכט האָט פון אונדז פאַרלאַנגט. טו עס גאָט פון אונדזערטוועגן: אַ לעבנסלאַנג האָבן מיר געגאַרט נאָך דעם נס און לויט אונדזערע כוחות געווירקט פאַר דעם נס — און וואו מיר זיינען הינטערשטעליק געווען, זיי מוחל, פאָטער, אונדז, דיינע קינדער...

אונדזער שבועה איז צו דיר, גאָט — דעם נס פון מעשה בראשית צו פאַרווענדן, לויט אונדזערע כוחות, אין דינסט פון פיל געפּלאָגטן ידישן פאָלק, וואָס לעבט ווידער דורך אַ קריטישן מאָמענט פון זיין געשיכטע און נויטיקט זיך אין נס, דערלייזונג און דערלייזנדיקער גאָט־מענש־געשטאַלט, מער ווי אין לעבן — און דורך דעם ידישן פאָלק וועלן מיר דעם לעבעדיקן נס פאַרווענדן, לויט אונדזערע כוחות, אין דינסט פון דער וועלט, וועלכע יאָמערט איצט אַריין בראָך־שטיל . . .

אַ, גאָט, באַוויליק — אונדז באַהילפיק צו זיין! מיר ציטערן מיט אַלע אברים, אין קינדיש־פאַרטרוילעכער דערוואַרטונג, אַז דער נס גייט געשען! . . .

מיר פילן גאָר קיין מורא ניט! . . .

מיר פילן פריידיקע זיכערקייט, אַז דער נס וועט געשען —

מיר דאַנקען דיך, פאָטער אין הימעל, פאַר דער הילף וואָס דו שיקסט! . . .

ראש השנה און יום כיפור

אַ לעבעדיקער געשיכטלעכער יום-טוב רעדט צום מאָדערנעם יידן

און אַזוי, גאָט, גיב כבוד צו דיין פאָלק, לויב צו די וואָס פאָרכטן דיך און גוטע האָפענונג צו די, וואָס פאָרשן דיך און אַ דערמוטיקונג וואָרט צו די, וואָס טרויען זיך אָן צו דיר.

פרייד צו דיין לאַנד, לוסטיקייט צו דיין שטאָט, און אַן אויפשפראָץ פון האַרץ פון דוד דיין קנעכט, און אויפריכטונג פון ליכט פון ישיס זון, דיין משיח, אינגיכן אין אונדזערע טעג — — —

אונדזער פאָטער און קיניג, אַנטפּלעק די ערע פון דיין קיניגרייך אויף אונדז אינגיכן, דערשיין און ווער דערהויבן איבער אונדז פאַר די אויגן פון אַלץ וואָס לעבט, און נעם צונויף אונדזערע פאַרשפּרייטע פון צווישן די פעלקער און קלייב אויף אונדזערע פאַרוואָגלטע פון די עקן פון דער ערד, און ברענג אונדז צו דיין שטאָט ציון מיט געזאַנג און צו ירושלים ,דאָס הויז פון דיין הייליקטום.

(ראש השנה תפילה פון מוסף).

דיווירקלעכקייט שרייט צום יידן: „חבלי משיח” — די ליידן, וואָס דאַרפן פאָרויסגיין משיחס קומען — זיינען דאָ. הייסט עס, אַז יידן דאַרפן זיך פרייען, וואָרים די פריידיקע דערוואַרטונג פון משיחן איז אַ סגולה צו פאַרקירצן, אָדער פאַרמינערן די ליידן.

מיר ווילן וויסן גענוי דאָס יאָר און דעם טאָג ווען משיח קומט. אָבער דאָס מוז דערווייל בלייבן אַ סוד. דער סוד איז פאַרשלאָסן אין דער תורה גופא. דער תנאי אָבער איז, אַז צוערשט דאַרף קומען אַ פולע, הונדערט־פראָצענטיקע תשובה, מיט אָננעמען אָן פרעגעניש אַלע מצוות פון דער תורה. ווי די תנאים און גאונים האָבן זיי אויסגעטייטשט, ערשט צו אַזאַ בעל תשובה וועט די תורה דעם סוד, ווען גענוי משיח קומט, אַליין אַנט־פּלעקן.

און אַ לעבעדיקער געשיכטלעכער מאָמענט רעדט צו אונדז; ער רעדט

פון זיין געשיכטלעכער לעבנס־דערפאַרונג אַרויס; שפירט ער טיפער די וועלט־געשיכטלעכקייט און איז גערעכטער פון די אַלע, וואָס רעדן אַנט־קעגן.

אַט די גרויסע קאָלעקטיווע שאַפונג פון יידישן פאָלק, וואָס האָט פאַרגעשטאַלטיקט דעם סך־הכל פון זיין געשיכטלעכן לעבן, דעם גאַנצן סכום פון זיינע דערלייזערישע אידייען, בענקשאַפטן און האָפענונגען — האָט די מעלה, וואָס איר אָביעקטיווער עפעקט לאָזט זיך ממש אָפּוועגן און אָפּמעסטן. ווי יעדע קינסטלערישע פאַרגעשטאַלטונג האָט זי דאָס פאָלק אַקטיוויזירט. זי האָט דערלאַנגט פון זיך אַ ריי באַוועגונגען, וואָס איז גאָר ניט נויטיק זיי איצט אויסצורעכענען.

די משיח־געשטאַלט האָט געפורעמט און פורעמט נאָך עד־היום דאָס פּנים פון פאָלק און מאָדולירט זיין כאַראַקטער. זי האָט דערלאַנגט לע־גענדאַרע מוסטערן: אליהו הנביא, בעל שמס, צדיקים — וואָס האָבן זיך אַריינגעפלאַנצט אין לעבעדיקן שטייגער.

די לעבעדיקייט פון רעליגיעזער דערפאַרונג, פון איבער צוויי טויזנט יאָר, האָט געאייבט דאָס פאָלק אין יום־טובדיקער עלית נשמה. עס איז בענוג געוען אַנטקעגנצושטעלן — די שמחה פון קבלת שבת פון איין זייט, און די גראַנדיעזע דערשיטערונג, פון ראש־השנה און יום־כיפור, די ליכ־טיקע התלהבות פון סוכות און שמחת תורה.

אַט די איבונגען, וואָס יידן מאַכן אין די צוויי טעג ראש השנה און יום־כיפור, האָבן זיך איינגעקריצט אין דעם גייסט פון יידישן פאָלק און האָבן איבערגעלאָזט מערקבאַרע שפורן, און האָבן פאַרמירט קאַרבן, ריינע־לעך, קאַנאַלכעלעך, פאַר געוואוינהייטן, צערעמאָניאַלן אויף טריט און שריט, פון באַגינען ביז חצות. די גאַנצע יידישע געשיכטע ווערט אויפגע־שפּילט, פון פאַרצייטן ביז משיחס צייטן — אַ שפּיל, אָנגעלאָדן אויף להבא, מיט נבואה אויף גאולה, מיט גאָטס שבועות און נדרים, די זעלביקע, וואָס דער ייד אונטן חזרט איבער אין זיינע יום־טובדיקע טעג. ער זויגט די אַריין אין זיך, קלעקן אים די איבונגען אויף אַ יאָר.

דאָס איז די תלמודיש שולחן־ערוכדיקע יידישקייט, וואָס האָט אַריינ־געשפּילט דעם יידן אין גבורה.

וואָס ווייטער פון דעם אור־קוואַל, פון די ערשטע זעער, וואָס האָבן גאָט מיטן האַרצן דערזען און דערקענט און אָנטפּלעקט — וואָס ווייטער אין לויף פון דער צייט, איז דער צערעמאָניאַל אַלץ צוגעשמידטער גע־וואָרן צו אייזערנע פאַרשריפטן.

צו גאָט קען מען זיך נישט יאָגן מיט די אויגן, און נישט ברעכן זיך

צו אים מיטן געדאַנק. מיטן מוחן זיך צו דערפאַרשן, אַפילו דערוויזן, אַז ער איז דאָ, קען מען ניט.

דער מענטש מוז צו אים ריזיקירן, צו אים זיך דערשפּילן, געמען צו אים האַנדלען אין דער אינדערפאַרויס־זעאונג, אַז ער איז דאָ — — — ערשט דעמאָלט דערקענט ער, אַז ער איז דאָ... אַלע רעליגיעזע־ריזי־קאַנטן וויסן, אַז ער איז דאָ.

נאָר די באַגרענעצטע אין וויסן, וועלכע האָבן קיינמאָל ניט געוואַגט אַן אייגענעם געדאַנק אויפצוהויבן, וועלכע טראַכטן און נעמען אידייען אויף באָרג, טענהן, אַז גאָט איז ניטאָ!

און די איינציק מעגלעכע באַציאונג צו אָט דעם וואונדער, צו אָט דער אומבאַגרענעצטקייט, וועלכע צעוואַקסט זיך אַלץ וואונדערלעכער און אומ־באַגרענעצטער — פון ווילדן ביז צו די מאָדערנע פאָרשער — די איינ־ציק־מעגלעכע באַציאונג איז שפּילן צו דעם אומבאַגרענעצטן וואונדער — אַ סימבאָלישן צערעמאָניאַל שפּיל.

אַזוי איז רעליגיע געבאָרן געוואָרן — צוזאַמען מיט דער צערעמאָניע, איינציגטיק מיט דעם שפּיל. ניט אויף אַ רגע פריער.

עס קען קיין אַנדער גאָט־דערקענען, קיין אַנדער גאָט־דערפילן ניט זיין, ווי נאָר דורך אַרויפשפּילן זיך צו אים. ניט דורך גריבלען זיך, ניט דורך פילאָזאָפירן.

ווען איר פרעגן צו וואָס דאָס אַרויפשפּילן זיך, צו וואָס דער ענין גאָט אינגאַנצן? ווייל אַזוי שפּילט־זיך דער מענטש אַרויף אויף כוח, אַזוי לייזט זיך דער מענטש ביסלעכווייז אויס פון זיין אָרעמער באַגרענעצטקייט, פון זיין צוגעבונדנקייט צו די „נאַטור־געזעצן"... ער געווינט אַ צוגאָב פון כוח צו דעם חלק וואָס ער האָט געירשנט.

אַזוי איז דער מענטש געוואַקסן פון מדרגה צו מדרגה. פאַר דעם יידן גילט עס נאָך טויזנט מאָל מער. ווייל קיינער האָט ניט געשפּילט פאַר גאָט אַזעלכע אינטימע ספּעקטאַקלען, ווי דער ייד. ער האָט אים אַריינגעשפּילט אין זיין געשיכטע, אין זיין פאָלקס־שיקזאַל, ער האָט אים אַריינגעשפּילט אין אַ נאַציאָנאַלן בונד מיט זיך — אין אייביקן צוזאָג, אין אַן אומצעשטערבאַרן נדר, און ניט באַנוגנדיק זיך מיט גאָט אַליין, האָט דער ייד געריסן פון אים געשטאַלט נאָך געשטאַלט — משה רבנו, די נביאים, משיחן, משיחס־פאָרלויפער, ל"ו — און אויף די געשטאַלטן זיך אַרויפגעשפּילט און זיך אויף זיי אַרויפגעוואַקסן.

דער ייד טראָגט זיי אַלעמען אין זיך, און דורך זיי האָט ער געלעבט און לעבט נאָך איצט און וועט ווייטער לעבן.

ב. ריווקין

מיר האָבן געשפּילט אויף אויסלייזונג — און מיר ברעכן די טויערן.

דאָס איז דער גרויסער נס, וואָס איז מיטן יידן געשען. — כוח, דאָס איז אַ נס. פון געפּאַלנקייט צו דערהויבונג, דאָס איז אַ נס. דאָס וואַקסן פון דער נשמה איז אַ נס. קיינמאָל נישט אונטערגיין, דאָ איז דער גרויסער נס. דערוואַכן פון טויט, תחית־המתים, איז דער גרעסטער נס, אַזאַ נס שטייט שוין ביי די טויערן פון ארץ־ישראל. און דער נס וועט נאָך געשען. אַזעלכע ניסים געשעען, ווען מען שפּילט־צו דעם בעל־נס.

און געשפּילט האָבן מיר אויף די ניסים פון בעל־נס טאָג־טעגלעך, שעה־איין, שעה־אויס אין יעדן לעבנסווינקעלע, אין הויז, אָבער הויפּט־זעכלעך אין שול אין דעם גרויסאַרטיקן צערעמאָניאַל, וואָס איז געווען דורכויס ניסים און מיסטעריען־שפּיל.

אָבער אפשר זיך פאַרט צווינגען, אַריינבלאָזן לעבן אין טויטע פאַר־מען, אָפּלעבן די יום־טובים, מחיה מתים זיין זיי. דער צערעמאָניאַל איז געשטאָרבן אַן אומנויטווענדיקן טויט.

די האַרמאָניע איז געווען ווען די יידישע קהילה האָט געלעבט איר אייגענעם לעבן, אין איר אייגענער אָפּגעצאַמטקייט און די שטורעמס פון דרויסן האָבן די קהילה נישט דערגרייכט, און ווען יאָ, מיט אַ חלף איבער די העלדזער, מיט אַ גרויזאַמער שחיטה — פלעגט די קהילה אויסשטרעקן די הענט צו גאָט און ווייטער אָנגעגאַנגען מיט דעם פאַרצייטיקן שפּיל.

די קהילה האָט אָנגעהאַנגען איר לעבנס־אָנשויאונג אויף אַ געשיכט־לעכן מאָמענט פון פאַר צוויי טויזנט יאָר. אין דער לעבנס־אָנשויאונג האָט זי זיך באַוועגט: מיט וואָס די גרויסע גויאישע וועלט האָט גערודערט, איז איר נישט אָנגעגאַנגען: די וועלט האָט פאַר איר זיך אָפּגעשטעלט — און די סימבאָלן פון פרומען צערעמאָניאַל האָבן דערום געקענט איינהאַלטן זייער אָריגינעלע כוונה, און האָבן געוועקט, גערעגט און געמאַכט מיט־שפּילן די הערצער.

מיר לעבן אין אַ צייט ווען דער געשיכטלעכער מאָמענט פרייכט מיט דערלייזונגס־שטורם. אָרדענונגען און מלוכות פלאַטערן ווי שפּין־געוועבס. משיח־דופק קלאַפּט אין אַלע וועלט־אָדערן, און דאָס יידישע פאָלק ווערט געשטויסן אין ארץ־ישראל אַריין און די געפאַר שפּאַרט אויף אונדז פון אַלע זייטן. און די פעלקער פליקן פון אונדז שטיקער פליש און טרייבן אונדז מיר זאָלן זיי דעם דערלייזער ברענגען.

און דער פרומער צערעמאָניאַל פון פאַר צוויי טויזנט יאָר זאָגט נאָך אַלץ: „וקרב פזורינו מבין הגוים ונפוצותינו כנס מירכתי ארץ!"

מיר קענען זיך וועקן און רעגן, מיר קענען מיטשפּילן דעם דאַוונען

אין האַרמאָניע מיט אונדזער לעבנס־געפיל, מיר קענען אַריבערשפּילן דעם געוואַלט־ריס צווישן פּאַרטיקולאַריסטישן צערעמאָניאַל און דער לעבעדיקער ווירק־לעכקייט.

מיר פילן נישט קיין ווידערשפּרוך, די סימבאָלן פון צערעמאָניאַל זייַנען נשמה־פול: נישט נאָר וואָס זיי דערוואָרימען אונדז, זיי פירן אונדז צום שפּיל אויף ניסים, אויף כוח, אויף גאָט און אויף זיין משיחן; אָן דעם איז אויס געוווינס, אויס יום־טוב און אויס פרייד — טרוקענער פּראָסט.

איז דער צוזאַמענבונד צווישן שול און טעמפּל — אַ ניי־באַשאַפענער צע־רעמאָניאַל. אַ נישט געבונדענער צו אייזערנע פאַרשריפטן, אַ פריי־קינסט־לערישער, אין שעפערישן שוואונג אימפּראָוויזירטער, אויף אונדזער צייט און אויף אונדזער וועלט אַרויפגעשפּילטער רעליגיעזער ספּעקטאַקל... און אַט וואָס ער זאָגט אונדז:

„איך נעם צונויף אונדזערע פאַרשפּרייטע פון צווישן די פעלקער און קלייב אויף אונדזערע פאַרוואָגלטע פון די עקן פון דער ערד".

דאָס רעטעניש פון יידישן פאָלק

דער יידישער גורל ווערט געפירט לויט אַ טאָפּלטן חשבון: לויט אַן אויבערשטן נשמה־חשבון פון מסירת נפש און פאַרדינסטן, און לויט אַן אונטערשטן מאַטעריעלן חשבון פון הוילע נויטווענדיגקייטן, ווייל מיר לעבן אויף צוויי פּלעינען. און יעדער פּלעין האָט זיך זיינע באַזונדערע געזעצן. דאָס געזעץ פון אויבערשטן פּלעין איז מאָראַלישער געבאָט: „דו זאָלסט!" דאָס געזעץ פון אונטערשטן פּלעין איז פיזישער מוז: סיבה און פּעולה. מיט יעדן יחיד איז אַזוי. מיט יעדן פאָלק איז עס אַזוי. מיר זיינען דערמיט אַנדערש, וואָס ניט האָבנדיק כמעט קיין מאַטעריעלן אָנשפּאַר, האָבן מיר מער ווי אַלע אַנדערע פעלקער געדאַרפט זיך אנטרויען דעם אויבערשטן מאָראַלישן חשבון. האָבן מיר כסדר געדאַרפט האַרעווען מיט דער נשמה. און קיין נשמה־ האַרעוואַניע גייט ניט פאַרלוירן. האָבן מיר דור נאָך דור זיך צוגעגעבן שטיקער נשמה יתירה און אַלע די שטיקער האָבן זיך אַריינגעאַרבייט אין אַ ריזיקן נשמה־כוח, וואָס האָט געהאַט פאַר זיין איינפאַס די גאַנצקייט פון יידישן פאָלק. און לעבעדיק איז אַט דער געשיכטלעך אָנפאַרדינטער ריזיקער נשמה־כוח, ווייל אַלץ, וואָס שלאָגט זיך אָפּ פונם מענטשנס לעבעדיקן גייסט לעבט. אפילו אַ פשוטע גע־וואוינהייט, וואָס דער מענטש האָט אויסגעהאָדעוועט אין זיך, ווייל ווערן אַ לעבעדיקער נפש צו באַלאַבאַטעווען איבער אים, בפרט אַ כוח, וואָס דאָס פאָלק האָט געהאָדעוועט אין משך פון טויזנטער יאָרן, און אין זיין געשיכטלעכער נויט כסדר געשיקט צו אים תפילות און געשוואוירן צו אים שבועות, און באַשטעטיקט זיינע שבועות מיט הייליקע מעשים ביז צום קידוש השם — אוודאי לעבט אַט דער אַנגעזאַמלטער כוח. ער האָט איינ־געזויגן אין זיך דעם פאָלקס גאַנצן נפש. ער איז דאָך דעם פאָלקס אייגענער לעבעדיקער גייסט, וואָס לעבט מיט דעם קאָנצענטרירטן לעבן פון דעם פאָלקס אַלע דורות.

פאַר אַט דעם לעבעדיקן היסטאָרישן כוח זיינעם האָט דאָס פאָלק פאַר־שיידענע נעמען: גאָט, דער אויבערשטער, דער שר פון ישראל, וועלכער

האַלט השגחה איבער אים, טרייבט אָן מיט די געשעענישן מיט אים און אַרום אים, פירט דעם פאָלקס מאָראַלישן חשבון אויף דעם אויבערשטן פלעין, וואָס דאָס באַשטימט דעם פאָלקס גורל אויף דעם אונטערשטן פלעין. און טאָמער האַלט דאָס פאָלק דעם מאָראַלישן עקזאַמען ניט אויס אויפן אויבערשטן פלעין, צאָלט עס דערפאַר מיט קאַטאַסטראָפעס.

דאָס איז דאָס רעטעניש פון יידישן גורל — דאָס, וואָס דאָס פאָלק באַוועגט זיך אויף צוויי פלעינען — היינט ווי אַלעמאָל, דורך די גאַנצע צוויי טויזנט יאָר. ווער באַוועגט? אָט דער ריזיקער נשמה־כוח, וואָס מיר האָבן אָנגעזאַמעלט; דער בעל־כוח, וועלכן מיר האָבן אַרויפגעאַרבייט, וועלכער איז דער שר פון ישראל, וועלכער איז אויך די השגחה, וואָס איז לעבעדיק. וואוהין באַוועגט ער? — צו דעם ציל, וואָס דאָס פאָלק האָט זיך אויפגעגעבן דורך זיין משיח־שבועה, וואָס וועגן דעם רעדט זיך אין די פסוקים פונם ראש־השנהדיקן דאַוונען: „כי תעביר ממשלת זדון מן הארץ" — דו וועסט אָפּשאַפן די הפקר־הערשאַפט פון דער ערד. „ויעשו כולם אגודת אחת" — און אַלע באַשעפענישן וועלן ווערן איין פאַרבאַנד. „לתקן עולם במלכות שדי" — די וועלט זאָל זיך איבעראַרבעטן אין אַ מלוכה פון אַלמעכטיקן.

דאָס איז דער ציל: איבערצוקומען די בלינדע נויטווענדיקייטן, צו פאַרבייטן די נאַטור־געזעצן מיט מאָראַל־געזעצן אין גאַנצן וועלט־באַשאַף. וואָס דאָס איז דער זין פון „לתקן עולם" — דער רעליגיעזער פסוק, וואָס איז פאַראויסגעלאָפן ענגעלס־מאַרקס, פסוק: „איבערצופירן די מלוכה פון נויטווענדיקייט אין דער מלוכה פון פרייהייט". איז דאָס די פאַרענט־פערונג פאַר דעם אומזין פון די קאַטאַסטראָפעס, כדי אונטערצוזאיילן דעם מענטשן, און פריער פון אַלעמען דעם יידן, דעם „בלוטיקסט פאַראינטערעס־סירטסטן", צו אַרבעטן פאַר דעם וועלט־איבערבוי. אַזוי, אַז דער אונ־טערשטער פלעין פון בלינדער נויטווענדיקייט איז בלויז אַ געצייג פון אויבערשטן פלעין מיט זיין אָנגעצילעוועטקייט צו אַ פרייער מאָראַלישער אָרדענונג. אַזוי, אַז דער אויבערשטער און אונטערשטער חשבון פאַלן צונויף.

אויב דאָס איז אונדזער בעל־כוחס כוונה, פאַרוואָס־זשע דערפירט ער ניט צו אָט דעם ציל? מעגן מיר מיט־זאָגן מיט די פרומע אין די שולן: „לשנה טובה תכתבו — מיט דערזעלבער אמונה, אַז די כוונה פון אונדזער בעל־כוח איז צום גוטן און צום בעסטן, און מיטזאָגן מיט זיי די תפילה: „פאַרשרייבט אונדז אין בוך פון לעבן — פונדיינעטוועגן, לעבעדיקער גאָט! דער יידישער שטריך אין דעם יידן האָט זיך אויסגעאַרבעט אין אים

דורך זיין פֿערמאָגנענטער היסטאָרישער סיטואַציע. ער האָט שטענדיק זיך געדאַרפֿט אויפֿהייבן מיט אַ וויזיע איבער דער עקאָנאָמישער מאַטעריע, וועלכע איז ניט געגונג אויפֿצוהאַלטן אים. האָט ער זיך געדאַרפֿט הויבן צו אַן אָנהאַלט איבער אים. האָט דער „הויב" זיך אַריינגעאַרבייט אין זיין פֿלייש און געביין. און דורך דעם „הויב" האָט די השגחה געאַרבייט, אַנ־פֿירנדיק מיטן ייִדישן היסטאָרישן פּראָצעס.

אָנעמענדיק אפֿילו די עקסטרעם־מאַרקסיסטישע אויסטייטשונג פֿון דער געשיכטע, איז לייכט איינצוזען ווי אַזוי דער וויזיאָנערישער „הויב" אין ייִדישן געמיט, דער טרעגער פֿון דער השגחה, האָט אויסגעצייכנט אַריינגעשפּילט אין דעם קאַפּיטאַליזירונג־פּראָצעס פֿון איראָפּע. עס זיינען געווען ייִדן יחידי סגולה, וויזיאָנערן, מקובלים, משיח־טרוימערס. און עס זיינען געווען נאָך מער ייִדן פּשוטע בשר־ודמס, וואָס וויזיאָנערישקייט איז ביי זיי אַריינגעדרונגען אין דער בריהשקייט פֿון זייערע פֿינגער. זיי האָבן וויזיע אַריינגעטראָגן אין דער צוקונפֿט־פּראָיעקציע פֿון ספּעקולאַציע און קרעדיט. און זיי האָבן געגרינדעט דאָס באַנק־געשעפֿט. דורך זיי האָט דער ייִדישער „משיחיזם" פּראָדוצירט קאַפּיטאַליזם. און אַז עס פֿלעגט ווערן ענג אין איין אָרט, פֿלעגן ביידע מינים ייִדן מיט האַק און פּאַק זיך אַריבערטראָגן אין אַ נייעם ישוב — די יחידי סגולה מיט זייערע משיח־טרוימען, און פּשוטע בשר־ודמס מיט זייער פּראַקטישע וויזיעס.

אַזוי האָבן זיי זיך געשפּרייט פֿון דייטשלאַנד קיין פּוילן, פֿון פּוילן קיין אוקראַינע. געגרינדעט שטעט און געטריבן האַנדל צווישן פּריץ און פּויער. אַז עס איז געוואָרן ענג אין אוקראַינע, זיינען ווידער אַרויסגעטראָטן אויף דער סצענע די משיח־זעערס, די הייליקע שניידערלעך, און האָבן „געראַטעוועט די סיטואַציע" — זיי האָבן דערלאַנגט די באַלאַגערונג פֿון טולטשין, וואו אַ גאַנצע עדה אידן מיט כלי־זין אין די הענט האָבן זיך מקריב געווען אויף קידוש־השם, ווי שלום אַש דערציילט עס וואונדערלעך אין זיין ראָמאַן. דער קידוש־השם האָט אָנגעלאָדן מיט נייעם בטחון און מיט פֿרישן כוח צו צעשפּרייטן זיך איבער דער וועלט, שפּרייטנדיק משיחיזם און קאַפּיטאַליזם. אַזוי האָט די השגחה פֿון אויבערשטן פֿלעין זיך קאָמבי־נירט מיט די מאַטעריעלע כוחות פֿון אונטערשטן פֿלעין, אַנטרייבענדיק דורך דער קאָמבינאַציע דעם ייִדישן היסטאָרישן פּראָצעס.

און אַז עס איז די ייִדן שטאַרק ענג געוואָרן אין איראָפּע, איז עס געווען דער פּיאָנערישער „הויב" אין ייִדנס געמיט, וואָס האָט געהויבן דעם ייִדן צו גייסטיקער און מאַטעריעלער אונטערנעמערישקייט — איז עס געווען דער „הויב", וואָס האָט אַריבערגעטראָגן אַ היבשע צאָל פֿון זיי

אויפן נייעם קאָנטינענט. ניט אומזיסט האָבן די פּיאָנערן, די מאַראַנען, די פאַרשטעלטע יידן־קריסטן, און דער ערשטער פון זיי, דער מאַראַן־אָפּ־שטאַמלינג קאָלומבוס, געבאָדן אַלע זייערע פּלענער אין משיח־חלומות. עס האָט זיך זיי געדוכט, אַז זיי האָבן אַנטדעקט אין די אינדיאַנער די פאַר־לוירענע צען שבטים, וואָס דאָס איז ביי די געווען אַ פאַרבאַדינג צום יידישן אומקער קיין ארץ ישראל. גלויביקע קאָנען זאָגן, אַז דאָס האָט די השגחה אַנטדעקט אַמעריקע פאַר יידן, און זיי זאָגן עס טאַקע. אַזוי ווי יעטווידעס פאָלק איז באַרעכטיקט צו האַלטן זיך פאַר דעם צענטער פון דער וועלט, קומט עס ביי זיי אויס, אַז דאָס איז פון אָנהויב־אָן געווען דער השגחהס כוונה מיט יידן: אַזוי ווי משיח קאָן ניט קומען אין איין ווינקעלע פון דער וועלט, האָט זי געשפּרייט די יידן, שפּרייטנדיק די וועלט, ביז די גאַנצע וועלט וועט אַרומגעכאַפּט ווערן און ראוי ווערן פאַר משיחס קומען.

כי תעביר ממשלת זדון מן הארץ . . .
ויעשו כולם אגודה אחת. . .
לתקן עולם במלכות שדי . . .

די וועלט שטייט פאַרן יום הדין

„אין צענטן טאָג פון דעמדאָזיקן זיבעטן חודש איז דער טאָג פון פאַרגעבונג... מכפר צו זיין אויף אייך".

(ויקרא, כ"ג).

„האָרך! אַ טומל אויף די בערג, גלייך ווי פון אַ פאָלק אַ סך. האָרך! אַ גערויש פון מלוכות, פון אומות פאַרזאַמלטע. גאָט פון צבאות באַפעלט אַ חיל פון מלחמה. זיי קומען פון אַ לאַנד אַ ווייטן, פון עק פונ'ם הימל — גאָט און די געצייג פון זיין צאָרן, די גאַנצע ערד צו צעשטערן.

„יאָמערט, וואָרים נאָנט איז דער טאָג פון גאָט, ווי אַ בראָך פון אַל־מעכטיקן וועט ער קומען. דערום וועלן אַלע הענט שלאַף ווערן, און איטלעך האַרץ פון אַ מענטשן וועט צעגיין. און זיי וועלן דערשראָקן ווערן; יסורים און ווייען וועלן זיי קריגן, ווי אַ געווינערין וועלן זיי זיך דרייען; אין דעם כעס פון גאָט פון צבאות, און אין דעם טאָג פון זיין גרימצאָרן, און עס וועט זיין: אַזוי ווי אַ הירש אַ געיאָגטער, און אַזוי ווי שאָף אָן אַן איינזאַמלער, וועלן זיי איטלעכער צו זיין פאָלק זיך קערן, און איטלעכער צו זיין לאַנד וועלן זיי אַנטלויפן. איטלעכער וואָס ווערט געפונען, וועט דערשטאָכן ווערן, און איטלעכער וואָס ווערט געכאַפּט, וועט פאַלן דורכן שווערד. און זייערע קליינע קינדער וועלן צעהאַקט ווערן פאַר זייערע אויגן; זייערע הייזער וועלן צערויבט ווערן, און זייערע ווייבער וועלן געשענדט ווערן".

(ישעיה, י"ג, יהואָש'ס איבערזעצונג)

האַלטן מיר ביים אָנהויב פון אַ נייעם בלוט־מבול, וואָס וועט וואַשן פעלקער און לענדער, מיליאָנען מענטשן־קינדער, וועלכע זיינען אַלע אומשולדיק, ווי די קינדער, וואָס וועלן פאַרבלוטיקט ווערן זויגנדיק די מאַמעשע בריסט? שוין־זשע קאָן דאָס ביסעלע גערעכטיגקייט, וואָס פעלקער מאָנען איינע פון די אַנדערע, ניט איינגעשטעלט ווערן נאָך דער גאַנצער חכמה, וואָס די ציוויליזאַציע האָט אָנגעזאַמלט? נאָך דער גאַנצער לעקציע, וואָס די ערשטע און צווייטע וועלט־מלחמות האָבן איבערגעלאָזט — אַ לעקציע, פאַר וועלכער די מענטשהייט האָט באַ־

צאָלט מיט צענדליקער מיליאָנען לעבנס, און מיט חורבן און מיט גרויל, פון וועלכן זי איז נאָך צו זיך ניט געקומען?

דער שוידער פון דער וועלט־מלחמה ציטערט נאָך אין אַלע אונ־דזערע גלידער; דער וויטאָק איז אַזוי איינגעגעסן אין אונדזער האַרץ, אַז מיר האָבן מורא אַרויסצורופן אים צום באַוואוסטזיין — כדי ניט משוגע צו ווערן. עס האָט זיך גאָר ניט געוואָלט גלויבן, אַז אַזוינס זאָל אַמאָל מעגלעך זיין.

צוערשט דאַרפן די פעלקער פאַרזוכן דעם טעם פון דין און זיך אַ בויג טאָן פאַר דער גערעכטיקייט, דערקענען גערעכטיגקייט אַלס דעם אויבער־געזעץ אין דער וועלט־פירונג — סיי אין שייכות צום פרט, סיי אין שייכות צום כלל־אידנטום. ערשט דעמאָלט וועט דער מענטשלעכער באַוואוסטזיין דורכגעדרונגען ווערן מיט יראת הכבוד פאַר דעם דין פון גערעכטיגקייט, און אַזוי וועלן די פעלקער ראוי ווערן צו פאַרגעבונג — פאַר אונדז יידן גייט דער יום הדין איבער אין יום כיפור.

גאָטס ערשטע אַנטפּלעקונג איז דורך גערעכטיגקייט, די צווייטע — דורך רחמנות. קיין רחמנות אָן גערעכטיגקייט! דער הימל איז ניט מכפר אומזיסט. ניט גענוג אַ שעפּטשע טאָן מיט די ליפּן אַ דערשראָ־קענע תפילה אָדער מיט ניט קיין געמיינטן זיפץ.

פון אונדז שרייט דער וויטאָק אַרויס און אוי, ווי! פון מיליאָנען יידן עס ציטערט יעדער אבר, פון די אויגן בליצט אַרויס אַ טרער. אַלע אברים ציטערן און טוען תפילה אין פאַרגעפּיל, אַז דער דין פון גע־רעכטיגקייט וועט דערפילט ווערן. איז דאָס אַ פאַרגעפּיל, וואָס דאַרף באַשטעטיקט ווערן מיט די תשובה־מעשים פון די פעלקער. וועלן זיי זוכה זיין צו פאַרגעבונג. און די פאַרהאַרטעוועטע מוזן דערפירט ווערן ביז צו דער פולער שטראָף, זייער רשעות מוז דעפירט ווערן ביז צו מפלה. דאָס גילט סיי פאַר די פעלקער און סיי פאַרן כלל־ישראל — דאָס איז יום כיפור, וואָס איז אויך אַ יום־הדין.

די וועלט איז היינט אין דער תקופה פון יום הדין, וואָס איז פאַרויסלויפיק צו יום כיפור. עס ווערט דעמאָנסטרירט דער הויפּט־עיקר פון דער יידישער אמונה, אַז גאָט איז פריער פון אַלץ אין דער גערעכטיגקייט, אַז גאָטס גערעכטיגקייט איז איינגעבאַרן אין דער וועלט־פירונג, זי איז איינגעוואָרצלט אין דער נאַטור פון די זאַכן, וואָס מאַכן די וועלט, זי לויערט אין די אינערלעכע באַציאונגען צווישן די פאַר־

שיידענע פעלקער, און קלאַסן פון פאָלק, אין די אויסערלעכע צווישן־פעלקערלעכע פאַרבינדונגען. און ווען די צייט קומט, דער כוס פון אומגערעכטיגקייט איז איבערפילט — נעמט די גערעכטיגקייט זיך פאַרווירקלעכן.

אָ, פאַרווירקלעכט זי זיך איצט! עס האָבן זיך אָנגעקליבן גענוג אומגערעכטיגקייטן, עס האָבן זיך אָנגעזאַמלט גענוג אומגערעכטע. די אומגערעכטיגקייטן און די אומגערעכטע אַליין ווערן די מיטלען און די געצייג פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון גאָטס גערעכטיגקייט. אויף די שוואַכע פעלקער־רשעים וועט עס זיך גלייך אָפּרופן. אויף די שטאַרקע פעלקער־רשעים וועט זיך דאָס אָפּרופן נאָך שטאַרקער, כאָטש שפּעטער. עס דאַרף בעמען צייט ביז זיי וועלן זיך אויסריכטן זייער אמתע מפלה. דער צאָרן, וואָס לויערט אין די הילן פון זייער רשעות, דאַרף זיך אָננעמען מיט גיהנום־גבורה.

עס ווערט שוין מקוים און עס וועט נאָך מער מקוים ווערן: די וואָס דערטרינקען, וועלן אַליין דערטרונקען ווערן, און זייערע דערטריב־קער וועלן אויך דערטרונקען ווערן. — זיי האָבן אַליין זיך צוגעגרייט דעם יום הדין — און ער קומט! נאָר די אײדעלע פעלקער, וואָס האָבן אפילו אין זייער רשעות זיך געקלאָמערט אָן דעם קאָסמאָס־דין פון גע־רעכטיגקייט, וועלן איר לעצטן אומקום־גזר אויסמיידן. דער זכות פון קלאָמערן זיך וועט זיי ביישטיין. עס וועט פאַר זיי גענוג זיין דער פאַר־געפיל פון יום הדין, ער זאָל זיך פאַרוואַנדלען פאַר זיי אין יום כיפור.

זיינען מיר יידן גרייט מקבל פנים צו זיין דער וועלטס יום הדין? מיר, די אייביקע עדות פון גאָטס גערעכטיגקייט אין דער וועלט־פירונג? מיר, וואָס ער האָט אונדז אויסגעקליבן צו זיין די פּראָבע־מאָס, ווי ווייט די פעלקער זיינען מקיים דעם דין פון גערעכטיגקייט, און נאָך מער, ווי ווייט זיי ברעכן דעם דין מיט רשעות קעגן אונדז? — מיר צאָלן פאַר דער זכיה; מיר מוזן אויסהאַרן און ליידן ביז צו דער וועלטס יום הדין, מיר זאָלן ניט פאַרגעבן ווערן און ניט אויסגעלייזט ווערן אידער די פעלקער וועלן פאַרגעבן און אויסגעלייזט ווערן אין דעם יום כיפור, וואָס וועט קומען גלייך נאָך דער וועלטס יום הדין.

מיר האָבן אָבער פאַרט די זכיה. יום כיפור שטייט ווי אַן עדות פאַר אונדז. וואו נאָך אַ פאָלק מיט אַזאַ טאָג, וואו גאָט אין זיין צוויי־געשטאַלטקייט — פון גערעכטיגקייט און רחמנות — זאָל אַזוי לעבעדיק געפילט ווערן, זאָל אַזוי נידעריק הויערן איבערן מענטשן? אַ גאַנצן

טאָג שרפעט הער הימל מיט קופּערנעם צאָרן. צו נעילה ווערט ער מילד מיט פאַרגעבונג. דער גאַנצער באַרג פון דער גאָט־געפירטער יידישער געשיכטע פרעסט זיך מיט מוראדיקער שפּאַנונג אין יעדער רגע אַריין, מיר זאָלן קריגן כוח און רשות צו עדותן פאַר די פעלקער: גאָט איז נאָענט! גאָט איז נאָענט!

לאָמיר מאָביליזירן גאָט אין אונדז, לאָמיר מאָביליזירן זיך אַליין פאַר דער וועלטס יום־הדין. אין דעם טאָג, ווען אונדזער גייסט איז אויסגעלאָדן פון די וואָכעדיקע טאָג־זאָרגן, פון די פאַלשע קורץ־אָטעמ־דיקע פאַרפירעניש, לאָמיר ניט יוצא זיין מיט דעם געשריי: אוי, וויי! מיט אַ בלינצל פון אויג, וואָס קוועטשט אַרויס אַ לייכטע טרער, נאָר לאָמיר עפענען ברייט די אויגן אַריינצוקוקן אין די באַהעלטעניש, וואו גאָט לויערט מיט זיין משפּט, וואָס גייט פאַראויס דער באַגנאַדיגונג, כדי אַזוי אַרום מסוגל צו ווערן אַריינצורעדן גאָט אין די וועלט־גע־שעענישן.

פון וואַנעט זאָל די יידישע מאָביליזאַציע זיך אָנהויבן? פון מעשים, וואָס שטאַרקן דעם יידנס גייסט. תפילה דורך מעשים איז די ווירק־זאַמסטע תפילה. יום כיפּור זאָל עס זיין אַ גוטער אָנהויב פאַר אונדז מיט מעשים: נעמען אויף זיך אַ יום יכפּור נאָר צו האָרעווען פאַר יושר און גערעכטיגקייט, און אַנדערע מיטלען פון אַ גרעסערן פאַרנעם צו שטאַרקן דעם יידנס גייסט וועלן אָן ספק אונטערקומען — און דעם יידנס האַרץ וועט זיך עפענען פאַר דעם פאַרגעפיל פון יום הדין. בזכות זה וועט ער זיין דער ערשטער אָנצוזאָגן דער וועלט די גוטע בשורה, אַז איר יום הדין גייט שוין אַריבער אין יום כיפּור...

ווי הויך איז דער יידישער נשמה־באַרג אום יום־כיפור?

היינטיקן יום כיפור, אַרויפשטייגנדיק אויף דעם נשמה־באַרג, וואָס יום־כיפור שטעלט אויף אין אונדז, כדי אָנצוקוקן אונדזערע מעשים פון פאַרגאַנגענעם יאָר און פאַראויסצוזען אונדזערע מעשים דורכן קומענדיקן יאָר, ווען מיר נאָך אַ גרינטלעכן חשבון הנפש קלאָר איינזען, אַז עס זיינען פאַראַן נדרים, וואָס קיין „כל נדרי" וועט אונדז ניט לויזבינדן פון זיי, און עס זיינען פאַראַן זינד, וואָס נאָך אַלע „על חטאס" און „אַשמנוס" וועלן זיי זיך אונדז ניט מוחל זיין.

די נדרים וועלן מיר מוזן האַלטן. מיליאָנען יידן האָבן די שבועה געהערט, און די אומגעקומענע שטייען פאַר עדות און מאָנען מיר זאָלן די שבועה האַלטן. וועלן מיר די שבועה האַלטן? ווען מיר וואָלטן געוואָלט, וואָלטן מיר געקאָנט זיין אַ וועלט־מאַכט, און קומען צו די פעלקער ניט ווי רחמנות־בעטער, נאָר ווי געזעצגעבער.

די יידישע געשיכטע האָט אונדז געמאַכט פאַר אַ וועלט־מאַכט, און מיר זיינען עס. דורך אונדזער געשיכטע האָבן מיר אַרויפגעאַרבעט גערעכטיגקייט צו אַ לעבעדיקער וועלט־קראַפט, און זי איז עס. דער־פון די איבערצייגונג, אַז סוף כל סוף וועט גערעכטיגקייט טריאומפירן איבער דער גאַנצער וועלט. פאַרוואָס קומט אָן די ראַנגלעריי אַזוי שווער און מיר צאָלן, מיר צאָלן מיט יסורים, קרעמפן. איז די גרעכטיגקייט, חלילה, אימפּאָטענט געוואָרן? ניין! ווייל זי אַרבעט דורך נעגאַציע, פאַר־ניינונג, דורך „ניין" — ניין, רשעות און שקר קאָנען ניט באַשטיין! — אָבער ניט דורך באַיאָונג, ווי אַ פּאָזיטיווע באַוועגנדיקע קראַפט.

און דאָ איז אונדזער פאַרנאַכלעסיקונג. מיר האָבן פאַרזינדיקט די גערעכטיגקייט מיט אומגלויבן אין כוח פון גייסט. „על חטא שחטאנו לפניך בחלול השם" — דאָס איז די לעסטערונג פון הייליקן גייסט, וועלכע איז זיך ניט מוחל, סיידן מען פאַרבייט אומגלויבן מיט גרויסן גלויבן אין גייסט ווי אין לעבעדיקער וואונדער־קראַפט. פלאַך גייס־טיקייט — דאָס איז געוואָרן אונדזער נאַציאָנאַלע מחלה, דאָס איז די

הויפט־שולד, וואָס פאַלט אויף אונדזערע פרומע און ניט פרומע צו־גלייך.

גערעכטיגקייט איז ניט געווען ביי יידן אַן אַבסטראַקטער אידעאַל. זי איז פּערזאָניפיצירט געווען אין אַ געשטאַלט. דער אידעאַל פון מענטש־לעכער פּערפעקציע איז פאַרגעשטאַלטיק געוואָרן אין דער משיח־זעאונג. דאָס איז דער עיקר פון עיקר. פּסיכאָלאָגיש איז געשטאַלט די טרעגערין פון קראַפט און אימפּעט. דער מענטש וואַקסט, גערייט, שטייגט, פו־רעמט זיך לויט געשטאַלט — אין אויספאָלגונג פון פּסוק „בצלם אלהים ברא את האדם" — פאַרן מענטשן נאָכצוטאָן. אַ הויפּט־געבאָט. אויפן יחיד באַשטעטיקט זיך עס אויף טריט און שריט. נאָך דעם איז זיין געהיימע בענקשאַפט — בסדר באַשאַפן צו ווערן בצלם אלהים, דורך זיין גאַנץ לעבן גייט אַן דער פּראָצעס. אויף פעלקער איז עס נאָך אמתער. און וואו איז נאָך אַזאַ פאָלק, וואָס האָט זיין אייגענע פאָלקס־נשמה דערהויבן צו אַ וועלט־געשטאַלט! און די געשטאַלט לעבט, לעבט, לעבט! — ווייל מיר אַליין זיינען עס וואָס לעבן. האָבן מיר אין דער משיח־זעאונג געהאַט אַ פאַרטיקן פורעם פאַר מענטש־איבערשמעלצונג. וויפיל מאָל האָבן מיר דעם פורעם געוואָרפן אין אונדזערע אייגענע רייען מיט ריזיקן עפעקט אין מענטש־איבערשאַפונג? דער בעל שם איז געווען אונדזער לעצטער געניאַלער מענטש־באַשאַפער. און מיר האָבן דעם פורעם אַנטליען צו די פעלקער. דער שאַטן, וואָס האָט זיך אָפּגעשלאָגן פון אונדזער לעבעדיקער משיח־זעאונג, האָט רעגירט, אונטער דעם שאַטן פון דעם שאַטן, צווישן דעם שאַטן און דער איינגע־קלעמטער הינטער די ווענט יידישער משיח זעאונג האָבן מיר דורכ־געקלעמט צוויי טויזנט יאָר פון אונדזער געשיכטע.

איז געקומען די צייט, ווען עס איז נויטיק געוואָרן אַ נייע בריאת עולם — אַ נייע וועלט־איינאָרדנונג — וואָס דאָס פאָדערט אומבאַדינגט אַ גלייכצייטיקע בריאת אָדם בצלם אלהים— אָרדנונג און זעאונג מוזן אַרבעטן זאַלבענאַנד. אַט דער נויטיק געוואָרענער צענטראַלער אַקט איז די אַקס, אַרום וועלכער עס דרייט זיך די גאַנצע וועלט־מהומה. דער שאַטן האָט זיך אַרויסגעשטעלט מאַכטלאָז דורכצופירן דעם אַקט. און מיר זיינען ניט אונטערגעקומען מיט אונדזער „שנעלער הילף" — מיר האָבן אַנגעוואָרן אונדזער לעבעדיקע זעאונג. האָט די „אַקס" באַ־קומען איר שאַנס: אין דעם ליידיקן משיח־פורעם האָט זי באַזעצט אַ טייוול.

אַן זעאונג דאַרבט דאָס פאָלק, זאָגט דער נביא. מיר דאַרבן און

שטאַרבן. אויפגעלויכטן מיט דער זעאונג, וועלכע איז געווען דער ברען־פונקט פון דער יידישער געשיכטע, וואָלט דאָס יאָר געקאָנט ווערן אַ ווענד־פונקט, אַז קיין אומגליקן זאָלן זיך ניט איבערחזרן. מיר האָבן דורכגעלאָזט אַ גרויסע געלעגנהייט, וואָס די צייט האָט אונדז אַנטקעגנגעטראָגן, וועלכע האָט געבעטן אויף זיך אַ משיח־ברכה. יאָ, דורך דעם חטא פון „חילול השם" — דער אומגלויבן אין גייסט — פאַרזינדיקן און פאַרנישטיקן מיר אפילו די גבורה, וואָס האָט זיך אונדז דערלאַנגט פון ארץ־ישראל, וועלכע איז דאָך דער אַנשפּאַר פון אונדזער גאַנצן געשיכטלעכן פּאַרגייסטיקונג־פּראָצעס. אפילו דער נס, וואָס ארץ ישראל איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון דעם שונא, וואָס איז געשטאַנען ביי זיינע טויערן, וואָס דאָס וויזט דאָך באַשיינפּערלעך, אַז די וועלט־געראַכטיגקייט, וועלכע איז פאַרגעשטאַלטיקט געוואָרן אין דער משיח־זעאונג, אַרבעט יאָ אונטערגרונטיק אונטער די וועלט־געשעענישן — אָט דער נס האָט די זעאונג אָפּגערופן. און די גאולה־האָפענונג, וואָס שוועבט איבער ארץ־ישראל, האָט לעבעדיקן לבוש.

מיט כל־נדרי פלעגט די וועלט בעמען שטייגן באַרג אַרויף, צו נעילה פלעגט זי אַראָפּנידערן באַרג־אַראָפּ, אויף די אויסגעצויגענע פייער־פּאַסן פון דער אונטערגייענדיקער זון, צוזאַמען מיט די מלאכים־שרפים, וואָס פלעגן באַגלייטן איר אונטערגאַנג מיט אַ פלאַקער־געווין אין יידנס געמיט.

אויף דעם יום־כיפּורדיקן נשמה־באַרג האָט זיך דער ייד געהאַלטן אַ גאַנץ יאָר און אַלע זיינע יאָרן. ווי אַ באַרג, וואָס ווערט געשפּאַלטן פון אַן ערד־ציטערניש, ווייזט פון אויבן ביז אַראָפּ די אַלע שיכטן, וואָס האָבן זיך אָפּגעלייגט אין אים זינט דער ערדס באַגינען, — ווייזט דער יום־כיפּור־שניט אין יידישן נשמה־באַרג אַלץ — וואָס דער ייד האָט אָנגעלעבט זינט זיין באַגינען; און ער האָט דאָך געלעבט, אַזוי מורא־דיק געלעבט אין הוילער סכנת־נפשות, — האָט ער אָנגעלעבט אַ שלל פון אָפּוועהר־קראַפט קעגן אַלע מעגלעכע אינקוויזיציעס. פאַרוואָס־זשע רופט זי זיך ניט אָפּ, אין איר פולטסער מאָס, איצט, ווען מיר דאַרפן? אָדער מיר האָבן אונדזער ווערטפולע נשמה־ענערגיע ערגעץ־וואו פאַרשוועגדט?

על־חטא שחטאנו, — דעם על־חטא, אָט דאָס הויפּט־שטיק פון יום־כיפּורדיקן דאַווענען, וואו דער פרומער איז זיך מודה בפרהסיא, אין גרעניצלאָזער אָפנהאַרציגקייט, אין אַלע מעגלעכע זינד, מעגן אויך די ניט־פרומע איבערנעמען. דער על־חטא גילט פאַר פרומע און ניט־פרומע

צוגלייך. מיר וואָלטן זיך אַלע געדאַרפט מודה זיין סיי אין די זינד, וואָס מיר האָבן געזינדיקט מיט פרומקייט, און סיי אין די זינד, וואָס מיר האָבן געזינדיקט מיט ניט־פרומקייט. די פרומע, — ערגעץ־וואו פאַרהאַלטן זיי מיט זייער פרומקייט די ווירקונג פון דער נשמה־יתירה; די ניט־פרומע, — שוין־זשע האָבן זיי מיטן אומגלויבן, וואָס פרעסט דעם מוח מיטן כוח, געפּטרט אונדזער טייערסטן היסטאָרישן פאַרמעגן, — די נשמה־יתירה? דאָס טאָר מען ניט זאָגן...

אין „על חטא" איז דער שליסל. אונטער אַ פּריוויליקן „טוירד דיגרי" איז דער פרומער ייד זיך מודה אין זינד, וואָס זיינען ניט געשטויגן און געפלויגן; וואָס אַ ייד קאָן גאָר ניט אָנזינדיקן — אָבער דער הויפּט־דרוק ווערט געלייגט אויף די זינד, וואָס ער באַגייט אומגערן, אין פאַרבאָרגעניש, אַליין ניט־וויסנדיק: מיט אַ טראַכט, אַ האַרץ־באַוועג, מיט אַ קרומען קוק און אַ קרום שמייכעלע. דאָס איז פּסיכאָלאָגיש אמת. די שווערסטע זינד זיינען די, וואָס מען באַגייט אומבאַוואוסטזיניק. זיי זיינען די גרונט־זינד. דער מענטש לעבט אויף צוויי עטאַזשן. דער אויבערשטער עטאַזש, זיין מאָראַלישער אויבער באַוואוסטזיין, האַלט השגחה איבער דעם אונטערשטן עטאַזש, זיין פיזישן אונטערבאַוואוסטזיין, פירנדיק די בובהאַלטעריע פון זיינע געהיימסטע געדאַנקען. ער ציילט זיי און מאַכט צאָלן פאַר זיי. זייער סך הכל באַשליסט דעם מענטשנס גורל. דאָס איז דער דין פאַרן יחיד.

דער דין פון אַ פאָלק איז גאָר אַן אַנדערער. דער יחיד־מיטגליד פון אַ פאָלק איז מיט זיין פּערזענליכן גורל אונטערגעוואָרפן דעם פאָלקס־גורל. און איבערן פאָלק הויערט די השגחה, וואָס פירט זיין היסטאָרישן חשבון. אָט די אמונה, אַז די וועלט איז ניט הפקר, אַז עס איז פאַראַן אַן אויג, וואָס גיט אַכטונג אויף די פעלקער, מיט ספּעציעלער אויפמערקזאַמקייט צום יידישן פאָלק,און פירט און וועט דערפירן דעם יידן ביז צום ענדגילטיקן נצחון — די אמונה איז עס, וואָס שטרעקט דעם פרומען יידנס נשמה ביז צו איר יום־כיפּורדיקער באַרג־הויך. נאָכן על חטא, וואָס דער יחיד קלאַפּט־אויס ביי זיך אויפן האַרצן, קומט דער גורלדיקער אַל־פאָלקישער על חטא: „ומפּני חטאינו" — פאַר אונדזערע זינד האָסטו אונדז פאַרטריבן צו וואַגלען איבער דער וועלט. און מיט אָט דער השגחה, צו וועלכער די תפילה איז געווענדט, דאַרף דער ניט־פרומער שוה בשוה ווערן. אַן דער אמונה אין דער לעבעדיקער השגחה קאָן אונדזער היסטאָרישער כוח ניט אַרבעטן.

מייך ערשטע פאַרלייכטערונג איז, אַז די השגחה איז ניט אין הימל.

דער הימל איז ניט איבער אונדז, נאר אין אונדז. זי ארבעט פון אינווייניק דורך דער נשמה פון דעם יידן. דער „הימל" — דאס איז דער יידישער נשמה־בארג.

מיין צווייטע פארלייכטערונג איז, אז דער בארג איז קיין בארג ניט. און מען דארף זיך אויך ניט פארשטעלן, אז וויבאלד די יידישע פאלקס־נשמה האט אנגעזאמלט א ריזיקן רעזערוו ענערגיע, דארף זי דערצו האבן א ריזיקן געפעס, א רעזערוואואר, וואס ס'פאלק טראגט ערגעץ איבערן קאפ אדער אין זיך. פאלקס־נשמה דארף גאר קיין סך פלאץ ניט פאר זיך. געווענ א כאראקטער־שטריך אין דעם איך יחיד, א קנייטש, א בויג אין זיין געמיט. דאס געהירענדל פון א מוראשקע האט אין זיך מער קלוגשאפט ווי דאס געהירן פון אן עלפאנט. געווענ אן אטאם, א מאטעמאטיש פינטעלע איינצופאסן אין זיך דעם בארג מיטן רעזערוו, מיט דער השגחה. מיין פאטער ע"ה, א ייד א הארע־פאשניק, האט געהאט זיין אייגענעם „וועלט־קוק". שטענדיק פלעגט ער מיט א ווינקל אויג קוקן צו א ווינקל האריזאנט. פארהארעוועט און פארצרהט, האט ער דאך געהאט דעם בטחון, אז פון ערגעץ א ווינקל וועט קומען די ישועה. דאס איז געווען דער יידישער שטריך אין אים. ווען שבת פארטאג פלעגט ער מיך פארן הענטל פירן אין שול אריין צו דער תהלים־סעסיע, פלעג איך אלץ מיינען, אז ער פירט מיך צו יענעם ווינקל האריזאנט. האט דער שטריך זיך אויך מיר איבערגעגעבן.

דער יידישער שטריך אין דעם יידן האט זיך אויסגעארבעט אין אים דורך זיין פערמאנענטער היסטארישער סיטואציע.

זיי שפאנען גאט ניט אין צו טאן עבודה פארן מענטשן, זיי מאכן גאט ניט הארעווען פארן יידן דורכן יידן, ווי ר' יצחק לוי בערדיטשעווער פלעגט עס טאן. אט דאס וואלט געווען עבודה און הלכה אין גייסט ווי חיים נחמן ביאליק האט עס פארשטאנען. הלכה אין נשמה־איבונג, דיסציפלין דורך מעשי ידים. בויגן זיך אין דרייען פאר דעם אויבערשטן דארף מען אויף די פעלדער, שאסייען און אין די ווארשטאטן פון ארץ־ישראל.

דער יום־כיפור האט אויסגעגליכן אונדזערע פרומע און ניט פרומע. אויך פאר די ניט־פרומע איז עס יום־כיפור. אנטקעגן דעם יום־כיפור־דיקן נשמה־בארג איז אויסגעוואקסן א בארג מיט יידישן נשמה־וואולקאן און עס וועט עקספלאדירן און דערלאנגען א רעליגיעזע מאניפעסטאציע. אין דער נשמה עקספלאזיע וועט אריינבעבלאזן ווערן די משיח־וצאונג.

דער גרויסער, הייליקער סוד פון יום כיפור

ווען די צוויי טעג ראש־השנה לאָזט זיך פיל רעדן. מען קאָן געפינען ווערטער, וואָס זאָלן אומגעפער אויסדריקן דעם באַטייט פון יום־טוב. ערשטנס, איז דער זין פון ראש־השנה געווענדט צו דרויסן, — צו דער באַנייאונג פון יאָר, צו דער באַשאַפונג פון דער וועלט, און פאַר דעם „דרויסן״, — אפילו ווען ער שליסט איין דעם רעטעניש פון וועלט־באַשאַף, — האָט דער מענטש גענוג ווערטער. צווייטנס, איז די יום־טובדיגקייט אויסגעשפרייט אויף צוויי טעג, איז פאַר דעם געדאַנק די יום־טובדיקייט ווי דינער, שיטערער, און זי לאָזט זיך לייכטער דענקען.

אָבער דער מוראַדיקער באַטייט פון יום־כפור לאָזט זיך גאָר מיט ווערטער ניט אויסדריקן. דער זין פון דעם יום־טוב איז געווענדט צום טיפסטן אינעווייניק פון דעם מענטשן, צו אַ חשבון הנפש, אין וועלכן עס וועגן זיך טויט און לעבן. עס גרייכט אין יענע באַהעלטענישן פון דער נשמה, וואו ווערטער הערן שוין אויף. אַן אָפּגרונט פון איבער־לעבונגען, צונויפגעפרעסט אין איין טאָג! יאָ, עס איז געווען אַמאָל יום־כפור, דער יום־כפור איז געווען אַ וועלט־איבערקערעניש. בערג פלעגן זיך קייקלען, ביי כל־נדרי פלעגט זיך דער הימל עפענען מיט אַ ברכה אָדער אַ קללה אויף דער וועלט און ביי נעילה פלעגט ער זיך פאַרשליסן, און יעדער ייד באַזונדער פלעגט איינבויגן דעם קאָפּ און די נשמה אויסשטרעקן, און ער פלעגט זי איבערענטפערן אין גאָטס הענט מיט דעם באַוואוסטזיין, אַז ער קאָן זי אָוועקנעמען.

אָבער עס איז ניט געווען קיין פּערזענלעך אָוועקשטעלן זיך פאַר גאָט פון יעדן יידן. יום־כפור איז ניט געווען בלויז דער טאָג, ווען עס ווערט געחתמעט, וואָס ראש־השנה איז פאַרשריבן געוואָרן, און אויף וואָס אַ קוויטל וועט אַרויסגעגעבן ווערן אויף לעבן און פרנסה. מיט יעדן יידן האָט זיך אַ גאַנץ פאָלק געשטעלט פאַר גאָט. אַלע יידישע פעלקער, אַלע יידישע דורות — פון פאַרצייטן ביז דעם לעצטן גלות־געשטראָפטן דור — יעדער ייד איז מיטגעשטאַנען ביים באַרג סיני און מיטגעדינט אין דער עבודה אין בית־המקדש, און מיט־דערהרגעט גע־וואָרן מיט די עשרה הרוגי מלכות און מיטגעפייניקט זיך אין דער שפּאַ־

נישער אינקוויזיציע און זיין בלוט איז גערונען צוזאַמען מיטן בלוט פון ר' אמנון פון מאַינץ.

דער גאַנצער יידישער זכות און דער גאַנצער יידישער גלות זיינען געבראַכט געוואָרן פאַר גאָט: וואָס וועט אַריבערוועגן אין זיינע אויגן? — און זאָל ער פסקינען זיין לעצטן פסק.

יאָ, עס איז געווען אַמאָל יום־כפור, דער באַרג פון דער יידישער נשמה, זיין גאַנץ אָנגעזאַמלט פאַרמעגן פון נשמה־ענערגיע...

און דער ייד קאָן ניט, טאָר ניט ליקווידירן זיין אָנגעלעבטן נשמה־פאָנד — אין רייד אודאי ניט, און עס איז אַבסאָלוט אוממעגלעך עס איבערצוזאָגן אין ווערטער. די ווערטער דערגייען ניט ביז צום זין — ביז צו דער ציטערניש, וועלן דער יום־כפור דרינגט דורך דעם יידנס געמיט. מען קאָן אויסשרייען, אויסזינגען דעם פּאַרטיקן סוד פון יום־כפור, אָבער מען קאָן אים ניט אויסזאָגן. וואָס מען זאָל ניט זאָגן וועט עס זיין קליין און נישטיק, און יעדער פּאַרזוך צו דערקלערן דעם סוד קלינגט ווי אַ לעסטערונג.

פונקט דער היפוך דערפון איז סוכות, — דער פריילעכסטער באַרג־אַראָפּ פון יום־כפור, — אַ יום־טובדיגקייט, וואָס איז אויסגעשפּרייט אויף אַכט טעג. מען קאָן דעם יום־טוב פּאַלמעסן, צעגלידערן, אַרומרעדן מיט ווערטער, דערקלערן. דער גאַנצער זין פון דעם יום־טוב לאָזט זיך אויסשעפּן.

סוכות איז אַ יום־טוב, וואָס קאָן אונדז געבן צו פאַרשטיין, וואָס יום־טוב איז, און בכלל וואָס רעליגיעזע טראַדיציע איז.

באַנוצן מיר זיך מיט דער געלעגנהייט.

צוויי דערקלערונגען פאַר סוכות שטייען פאַר אונדז גרייטע, פאַר־טיקע: אַ דעראינערונג אָן די סוכות, וואָס פאַרצייטן אין ארץ־ישראל פלעגן זיי אויפגעשטעלט ווערן אויף די פעלדער אין זאַמלצייט, חג האָסיף, און אויך אַ דעראינערונג אָן די סוכות, אין וועלכע יידן האָבן געוואוינט אויף זייערע וואַנדערונגען דורכן מדבר.

אָבער עס וואַרט אויף אונדז נאָך אַ דריטע דערקלערונג, אַ טיפערע, אַ פּרוכטבאַרע. זי נעמט אַריין די ערשטע צוויי, — די דעראינערונג אָן די פעלדער און מדבר, און נעמט אַריין נאָך מער: זי פירט אונדז אַריין אין דעם מיין פון יעדן רעליגיעזן מנהג.

פאַר אַ צייכן, וואָס זאָל דערמאָנען, אַז יידן האָבן אַמאָל געלעבט איןביידלעך אויף די פעלדער און אין מדבר, בויט דער ייד אַ סוכה, וואו ער באַזעצט זיך אויף אַ וואָך צייט. די סוכה איז ניט קיין אמתע

הויז, און דאָס באַזעצן זיך איז אויך ניט אויף אַן אמת, נאָר אַ רמז, אַ סימבאָל איז עס. די סוכה איז מער פאַר דער נשמה ווי פאַר דעם גוף; אָבער אַזוי איז אויך כמעט יעדער רעליגיעזער מנהג: אַ סימבאָל — מער פאַר דער נשמה ווי פאַר דעם גוף.

תפילין — אַ סימבאָל, כדי דער ייד זאָל זיך אַריינגעמען גאַנס תורה אין קאָפּ אַריין.

פון די אַלע רעליגיעזע סימבאָלן צוזאַמען ווערט אויסגעבויט אַ סוכה פאַר דער נשמה און אַ סוכה אין דער נשמה. די פרומע נשמה לעבט שטענדיק אין אַ סוכה.

און דאָס טוט יעדע פּאָזיטיווע, טראַדיציאָנעלע, היסטאָריש אָנגעוואַקסענע רעליגיע, ניט די אויסגעשלטע, פילאָזאָפישע, רעפאָרמערשע רעליגיע. זי בויט אַ סוכה אין דער נשמה פאַר דער נשמה צו וואוינען אין איר.

צו וועלכן צוועק? זי זאָל ניט וואַנדערן נאַקעט און באָרוועס אין מדבר. זי זאָל פלאַנצן, זייען, שניידן און זאַמלען פּרוכט.

איך וויל דאָ געבן פאַר דעם מאָדערנעם, אַזוי־גערופענעם פריי־געזאָגענעם, יידן, וועלכער האָט זיך אויסגעטאָן פון די יידישע רעליגיעזע טראַדיציעס, — וויל איך פאַר זיין בענעפיט געבן אַ פּסיכאָלאָגישע דער־קלערונג וועגן דעם אומגעהייערן ווערט פון רעליגיעזע טראַדיציעס.

ניין! איך בין ניט קיין מוסר־זאָגער און ניט קיין רופער אין שול אַריין, — איך פאַרשטיי, אָבער, דעם אומגעהייערן ווערט פון יעדער רעליגיעזער טראַדיציע, פון ריין־פּסיכאָלאָגישן שטאַנדפּונקט באַטראַכט. יעדע טראַדיציע איז אַן אָנגעלאָדענע באַטעריע פון גייסטיקער קראַפט, און איך זאָג: ווען איינער האָט אַרויסגעריסן אָדער געלאָזט פאַרוועלקן די טראַדיציע אין זיך, און האָט זי נאָכדעם ניט געפונען אָדער ניט באַשאַפן אַן אַנדער כלי אין נשמה, וואו איבערצוגיסן די גייסטיקע קראַפט, וואָס איז רעזערווירט געווען אין דער טראַדיציע, — יענער האָט געליטן אַ גרויסן שאָדן.

און אויב עס וועט זיך אַרויסשטעלן, אַז מיר מאָדערנע וועלן ניט קאָנען באַווייזן אין צייט צו באַשאַפן אַ נייע סיסטעם פון כלים אין דער נשמה, — דאַרפן מיר זיך באַצייטנס דערקלערן באַנקראָט, — נאָך בייזוויליקע באַנקראָטשיקעס דערצו, ווייל מיר טרייבן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק צו באַנקראָט.

דאָס איז מוסר צו זיך אַליין און צו אַלע פון מיין גלייכן.

איצט צו עצם ענין.

עס איז די עובדה פון רעליגיע צו מאַכן דעם מענטשן גלויבן, — גלויבן אין גאָט און זיין געבאָט.

נאָר גלויבן אַליין איז ניט גענוג. צום אַבסטראַקטן, געדאַנקלעכן גלויבן אין גאָט און זיין געבאָט קאָן מען קומען אויך דורך שכל און פילאָזאָפיע, אָבער מען קאָן זיין פילאָזאָפיש־גלויביק אין גאָט פון יושר און רחמנות און דאָך בלייבן דער אומגליקלעכסטער מענטש.

ניט דאָס דערוואָרט מען פון גלויבן. מען דערוואַרט פון אים רייד, טרייסט און התלהבות. שכל און פילאָזאָפיע, אפילו אָנגעווענדט אויף גאָט, גיט דאָס ניט.

איצט, אַז איר וועט פאַרגלייכן אַ טראַדיציאָנעל־פרומען יידן — טראַדיציאָנעל־פרומע פון שול ביז צום הויז — מיט אַ פריי־רעליגיעזן יידן, איז דער אונטערשייד צווישן זיי, וואָס ביי דעם ערשטן איז די נשמה אַנגעשטעלט מיט זאַכן, וואָס דינען אים אָפּצופרישן אַלטע קראַפט און צו געווינען פרישע קראַפט — און דער טעם פון קראַפט איז פרייד — בעת ביי דעם פריי־געזאָנענעם איז די נשמה ניט אַנגעשטעלט מיט זאַכן, ליידיק ביז צום דעק, איז דעם פרייען שווערער צוצוקומען צו פרייד.

ער דאַרף אַלעמאָל אָנהויבן פון דאָס ניי. צופאַלן צום סאַמע דעק און בויערן אַן עפענונג אין דער ליידיקער פלאַכקייט. איז דאָס אַ מאַטערנעש, און עס געדויערט און געדויערט.

דער פרומער האָט אי די עפענונג אַ פאַרטיקע, אי דעם אַפּאַראַט אַ פאַרטיקן. יעדעס מאָל ווען ער באַדאַרף קאָן ער פאָמפען קראַפט און פרייד.

דער כוח פון גייסט...

איין זינד איז דאָ, וואָס ווערט ניט פאַרגעבן, — די זינד קעגן גייסט.

וואָס איז דאָס פאַר אַ זינד? אַ היינטיקן יידן איז דאָס גאָר שווער צו פאַרשטיין. עס איז אַ טייל פון דער זינד קעגן גייסט, וואָס מען פאַרשטייט ניט, וואָס איז דאָס פאַר אַ זינד.

די שווערסטע פון אַלע, די מוטער פון אַלע זינד, איז די זינד קעגן גייסט. ווען אַ מענטש באַליידיקט, באַגייט אַ רציחה, וואָס איז די סיבה דערפון? דער מאַנגל אין גייסט. ער איז פאַר דעם מאָמענט אָפּגעטעמפּט געוואָרן. ער איז געוואָרן אַ שטיק פלייש, אַ שטיק חומר — חיה. ער קאָן זיך ניט פאַרשטעלן יענעמס ווי. האַקט ער אין יענעם אַריין ווערטער, קלעפּ, ווי מען האַקט אין קרויט. איז דער מאַנגל אין גייסט די מוטער פון אַלע זינד.

אָבער דער גייסט איז אויך דער, וואָס היילט און פאַרגיט זינד. וואָס מיינט, אַז אַ מענטש האָט חרטה אויף אַ באַליידיקונג, אויף אַ רציחה, וואָס ער איז באַגאַנגען? ער האָט זיך פאַרטראַכט, ער האָט זיך געפּייניקט. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט יענעמס ווי, יענעמס הילפלאָזיגקייט; ער האָט זיך אַליין דערפילט אין יענעמס לאַגע, — ער איז יענער, — און עס דערוועקט זיך אין אים אַ רחמנות. טעג און וואָכן פאַרברענט ער אין אָט דער שטימונג; עס זאַמלען זיך אָן אין אים געדאַנקען. ער נעמט זיך אָן מיט ווילן, נאָכאַמאָל אַזוינס ניט צו טאָן; אַז ווען עס וועט אים ווידער אַ כעס באַפאַלן, וועט ער ביישטיין דעם נסיון.

וואָס איז מיט דעם מענטשן געשען? דורך פאַרמערונג פון גייסט איז ער איבערגעקומען די טעמפּקייט זיינע. אין רעזולטאַט איז ער געוואָרן אַ בעסערער, אַ גרעסערער, גייסטיקערער מענטש.

גייסט היילט זינד, גייסט פאַרגיט, אָבער ווער זאָל פאַרגעבן אַ זינד קעגן דעם גייסט גופא?

טעמפּקייט, וואָס מען ווייזט אַרויס קעגן גייסט. באַשטראָפט זיך דערמיט, וואָס מען בלייבט גייסטיק טעמפּ. מען ווייסט גאָרניט. אַז מ'האָט אימיצן באַליידיקט, און מען פילט גאָרניט, אַז מען דאַרף חרטה האָבן. ווער זאָל חרטה האָבן? ווער זאָל פאַרגעבן? ניטאָ ווער!

און וואָס דריקט זיך אויס אָט די זינד קעגן גייסט?

אין גרינגשעצונג פון אַלע אידעלע, גייסטיקע מאַטעריעס; מען שעצט און האַלט טייער בלויז, וואָס האָט אַ „ממשות". עס דריקט זיך אויס אין לעסטערונג פון אַלץ, וואָס שטיצט זיך אויף דעם גלויבן אין גייסט.

איך האָב געכאַפּט דאָס ריכטיקע וואָרט: די זינד קעגן גייסט איז דער אומגלויבן אין כוח פון גייסט. דערפון קומט שוין גרינגשעצונג, דערפון קומט שוין לעסטערונג. און עס איז דאָ אַ פּסיכאָלאָגיש געזעץ, וואָס איר קאָנט אים אויספּרובירן אויף זיך אַליין, אַז אומגלויבן אין גייסט פאַרמינערט אים, מאַכט אים אַלץ ווייניקער, ביז דער מענטש ווערט אינגאַנצן אָפּגעטעמפּט.

און פאַרקערט: גלויבן אין גייסט פאַרמערט אים; דער גלויביקער ווערט אָנגעקוואָלן מיט גייסטיגקייט. דאָס קאָנט איר אויך אויספּרובירן אויף זיך אַליין.

גלויבן איז אַ קוואַל; אומגלויבן איז אַ מדבר.

און וויבאַלד איינער גלויבט ניט אין גייסט, ווערט ער אַלץ אָרימער און אָרימער אין גייסטיגקייט — ביז ער דערגייט צו דער נידעריקסטער מדרגה פון גייסטיקן קבצן.

דערפאַר — דער אומגלויבן אין גייסט קאָן זיך אַליין ניט היילן; ער ווערט אַלץ אויסגעטריקנטער און ער האָט ניט פונוואַנען צו שעפּן.

און דערפאַר איז דאָס געזאָגט געוואָרן, אַז די זינד קעגן גייסט איז די איינציקע זינד, וואָס ווערט ניט פאַרגעבן.

סיידן ער זאָל אומבייטן דעם אומגלויבן אויף גלויבן.

די וויסנשאַפט דערלויבט און באַשטעטיקט אַ פאַקט, וואָס איז געווען אונדזער גאַנצער כוח פאַר דריי טויזנט יאָר, אַז גייסט איז כוח.

גראָד, ווען אונדזערע אויפגעקלערטע בעלי־אמונה זיינען געוואָרן אפּיקורסים, איז די וויסנשאַפט גלויביק געוואָרן אין דעם גרונט־אמת פון גלויבן, אַז גייסט איז כוח.

כוח פשוטו כמשמעו: וואָס רייסט אויסביימער מיט די וואָרצלען; וואָס באַוועגט בערג פון די אָפּגרונטן.

עס איז איצט געשען, וואָס דער נביא האָט פאַראויסגעזען: די

וויסנשאַפט, אין אירע לאַבאָראַטאָריעס, האָט עקספּערימענטאַל פעסט־געשטעלט, וואָס דער נביא, מיט בערך דריי טויזנט יאָר פריער, האָט עס אין זיך אַנטדעקט דורך זיין גלויבן־עקספּערימענט: אַז גייסט איז פיזישע נאַטור־קראַפט.

דער מינדסטער געדאַנק פון אַ מענטשן וואַרפט אָפּ פון זיך אַ מאַג־נעטישע וויבראַציע, אַן אומזיכטבאַרן שטראַל, וואָס קאָן אויפגעכאַפּט ווערן פון אַן אינסטרומענט אין אַנדערע לענדער.

דער גייסטיקער מהות פון אַ מענטשן, דער סך־הכל פון זיינע אי־בערלעבונגען, וואָס געשטאַלטיקט זיין כאַראַקטער — וואַרפט אָפּ פון זיך אַ שטענדיק שאָטן־געשטאַלט, וואָס באַגלייט אים אויף טריט און שריט, און שלאָפט מיט אים און שטייט־אויף מיט אים — און די באַגלייטנדיקע געשטאַלט רעגירט מיט דעם מענטשנס האַנדלונגען און טראָגט אים נאָך זיין גורל.

אָט דער גורל־געשטאַלט פון יעדן מענטשן קאָן געמאַכט ווערן זיכטבאַר.

בפרט ביי אַ פאָלק מיט אַ שאַרף־אויסגעפּרעגטן היסטאָרישן כאַ־ראַקטער; בפרט ביי אַ פאָלק מיט אַ ריזיקער אמונה, פון וועלכער ער האָט ניט אָפּגעלאָזן ביזן לעצטן טאָג; בפרט ביי אַ פאָלק, וואָס האָט פאַר צוויי טויזנט יאָר געלאָזט שוועבן פאַר זיינע אויגן אַ וויזיע, צו וועלכער עס איז צוגעקניפּט געוואָרן זיין גאַנצע האָפענונג אויף דער־לייזונג — אַ פאָלק מיט אַזאַ כאַראַקטער, מיט אַזאַ אמונה, מיט אַזאַ וויזיע — ביי אַזאַ פאָלק איז דאָס גורל געשטאַלט זיכער אַן אומגע־הויערע, מיט לעבעדיקער קראַפט געלאָדענער באַטערייע, וואָס עלעקט־ריזירט די וועלט.

די וויזיע איז נאָך מעכטיקער פון פאָלק אַליין; פון איר שעפּט עס זיין גבורה; און פון אירע הענט דאַרף עס נעמען זיין גורל.

שוין אָפּגערעדט פון דער צייט ביז צום חורבן — די גייסטיקע שטורעמס, וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט, און מאַכן דורך ביז היינטיקן טאָג, האָבן אָנגעלאָדן וואָלקנס מיט לעבעדיקער עלעקטריציטעט אויף אויף אונדזער הימל: די משיח־וויזיע, וואָס האָט זיך אָנגעצונדן אין די וואָלקנס, האָט אונדז ניט געלאָזט אומקומען אויף מאָרגן נאָכן חורבן און וועט אונדז אויך ווייטער ניט לאָזן אומקומען.

אָבער פאַר די צוויי טויזנט יאָר זינט דעם חורבן האָבן מיר ניט אויפגעהערט צו לאָדן מיט לעבעדיקער גייסטיקער עלעקטריציטעט די וויזיע, וואָס טראָגט אין דעם שפּיגל פון איר בליק און אָנבליק אונדזער

עקזיסטענץ און צוקונפט. אַט די רדיפות, די שחיטות, גזירות, ווי אַזוי האָבן מיר דאָס אַלץ איבערגעלעבט? דורך דער אמונה, אַז אונדזער קיום קאָן ניט איבערגעריסן ווערן; דורך דער אמונה אין אונדזער ענדגילטיקן נצחון — און אמונה איז די שפּייז פון וויזיעס.

הענגט איבער אונדזער קאָפּ אַן אַלפּן־באַרג פון לעבעדיקער עלעקטרישער קראַפט, און אויפן שפּיץ באַרג איז די משיח־וויזיע, וואָס האַלט דעם באַרג אינדערלופטן, און מיר הענגען פון באַרג אַראָפּ.

און אַזוי האַלטן מיר זיך אויף דער ערד; און דאָס האַלט אונדז צוזאַמען אַלס פאָלק אין אונדזער צעשפּרייטקייט איבער גאָר דער וועלט.

ניט אַזוי דער מאַטעריעלער, עקאָנאָמישער אונטערשלאַק, וואָס על פּי מאַרקסיזם האַלט עס צוזאַמען אַ פאָלק; ווען מיר וואָלטן זיך פאַר־לאָזט אויף דעם אונטערטלאַק אַליין, וואָלטן מיר שוין לאַנג צעשאָטן און צעשטויבט געוואָרן. אונדז האַלט דער גייסטיקער באַרג איבער אונדזער קאָפּ, וואָס איז דורך טויזנטער יאָרן אָנגעעלעקטריזירט גע־וואָרן דורך אמונה.

זיינען מיר דאָך אַ טייער פאָלק — ווער קאָן זיך גלייכן צו אונדז! — אַ פאָלק מיט אַ שר צווישן אים און הימל, וואָס האַלט פאַר אים גרייט אוצרות מיט גייסטיקער קלאַפט. זיינען מיר דאָך דאָס שטאַרקסטע פאָלק אין דער וועלט — נאָר פאַנאַנדערצולאָדן אונדזער גייסטיקן רעזערוו!

נו, נו, פאַרוואָס טוען מיר עס ניט? פאַרוואָס מאַכן מיר דעם איינ־דרוק פון די שוואַכסטע צווישן די פעלקער?

איז דער תירוץ: מיר זיינען באַגאַנגען די שווערסטע זינד — די זינד קעגן גייסט — וועלכע מען קאָן ניט מוחל זיין.

מיר, מיר די בעלי־אמונה דורך און דורך; מיר, וואָס דורך דער אמונה האָבן מיר זיך אָנגעהאַנגען אַן אונדזער עתיד — מיר זיינען געשלאָגן געוואָרן מיט דעם בלינדסטן אומגלויבן אין גייסט. אויף אונדז וועט זיך דאָס באַשטראָפן מער ווי אויף אַלעמען — וואָרים מיר זיינען פאַררעטער צו זיך אַליין.

האָט דער אומגלויבן פאַרשטאָפּט דעם קוואַל פון אונדזער חיות; האָבן מיר אָנגעוואָרן יעדע פאַרבינדונג מיט דעם רעזערוו פון אונדזער גייסטיקער קראַפט. הענגט אַ באַרג פון לעבעדיקער עלעקטריציטעט

איבער אונדזער קאָפּ — אָבער אָנשטאָט צו באַלעבן אונדז, דריקט ער אויף אונדז מיט זיין גאַנצער משא.

דערפון אונדזער גאַנצע הינטערשטעליגקייט; דערפון דער קלעם, וואָס קלעמט און פּאַראַליזירט אונדזערע כוחות! דערפון דאָס מיספּאַר־שטענדעניש, אין וועלכן עס דרייען זיך און ווערגן זיך ביי די העלדזער אַלע אונדזערע באַוועגונגען.

און דער ציוניזם, כאָטש ער טוט די ריכטיקע היסטאָרישע אַר־בעט, אין איינקלאַנג מיט אַלע היסטאָרישע ליניעס, וואָס ציען זיך זייט דעם חורבן ביז צו אונדזער איצטיקער צייט — האָט ניט פאַרשטאַנען זיך צו פאַרבינדן מיט דעם רעזערוו פון דער יידישער נשמה־קראַפט, איינצושטעלן קאָנטאַקט מיט דער היסטאָריש־רעליגיעזער וויזיע, וואָס האָט דערטראָגן דעם ציוניזם.

די היסטאָריש־אויסגעוואַקסענע וויזיע פון אַ גאַנץ פאָלק, וואָס האָט זי דריי טויזנט יאָר געהאָדעוועט מיט דעם פייער און אימפּעט פון זיין אמונה — זי וואָלט טויזנטפאַך פאַרמערט אונדזער קראַפט.

קאַן ליטעראַטור מאַכן יום טוב?

צווישן לייבאָר־דיי, וואָס פאַרענדיקט דעם זמן פון זומער־קעמפּס, און ר״ח תשרי, וואָס פירט אַריין די ימים־נוראים, איז די צייט צו דיסקו־טירן דאָס פּראָבלעם פון ווידעראויפשטעלן און באַנייען די אַלטע ימים־טובים — דאָס פּראָבלעם, וואָס באַשעפטיקט אונזערע וועלטלעכע קרייזן איצט מער ווי אַלעמאָל — אויפן הינטערגרונט פון די ימים־נוראים, וואָס יידן איבער דער וועלט מאַכן איצט דורך. די זומער־קעמפּס זיינען לאַבאָראַטאָריעס וואו פּראָבעס ווערן געמאַכט נאָכצומאַכן די ימים־טובים מיט קינסטלעכע, וועלטלעכע מיטלען. פאַר אַ געהויבענעם צייטפאַרטרייב און מען איז זיך משמח מיט קבלת שבת און אפילו מיט מיט־טרויערן דעם תשעה־באב. וואָס לערנען אונדז די פּראָבעס?

מען וועט זאָגן, אַז עס איז אַן אומרעכט צו פאַרגלייכן פּראָבעס מיט טויזנט־יעריקע פאָלקס־אינסטיטוציעס, וואָס האָבן געאיבט דאָס פאָלק אין יום־טובדיקער עלית נשמה. געגוג זיי אַנטקעגנצושטעלן — די שמחה פון אַ קבלת שבת אין בויבעריק, פון איין זייט, און די גראַנדיעזע דערשיטערונג פון ראש השנה און יום־כפור, נאָכגעפאָלגט פון דער ליכטיקער התלהבות פון סוכות און שמחת תורה, פון דער צווייטער זייט — געגוג זיי אַנטקעגנצושטעלן, און די פּראָבעס זאָלן אויסגעבלאָזן ווערן, און פון דער בויבעריקער שמחהלע זאָל גאָרנישט ווערן. זיי זיינען דאָך ניט מער ווי פּראָבעס. מען הויבט ערשט אָן. וואַרט. מיט דער צייט וועט זיך איינשטעלן דער נייער וועלטלעכער יום־טוב־נוסח — דעמאָלט וועט מען פאַרגלייכן.

אָבער אין די פּראָבעס איז דאָך אַריינגעלייגט אַ פּרינציפּ. און פּרינ־ציפּן — דער פּרינציפּ פון פאַרוועלטלעכונג און דער פּרינציפּ אויף וועלכן עס זיינען איינגעפונדעוועט די אַלטע פאָלקס־ימים־טובים — לאָזן זיך אַנטקעגנשטעלן און פאַרגלייכן. דער פּרינציפּ פון פאַרוועלטלעכונג — צו פאַרבייטן אמונה מיט קונסט אין ווידעראויפשטעלונג פון די ימים־טובים — איז אימיטאַציע; טאָפּעלטע אימיטאַציע — אימיטאַציע פון אמונה און אימיטאַציע פון קונסט. ביי די פרומע איז דער יום־טוב אינס־פּירירט פון אמונה אין גאָט און משיחן. ניטאָ קיין לעבנס־שטייגער,

ניטאָ קיין שבת און קיין יום־טוב, וואו עס זאָל זיך ניט לאָזן אונטערשטעלן: ובא לציון גואל. דער פאָרגעפיל פון גאולה — דאָס איז די יום־טובדיקע עלית נשמה; דאָס איז דער יום־טוב. איצט לאָמיר זען, ווי עס ווערט געפראַוועט אַ קבלת שבת ניט נאָר אין בויבעריק, נאָר אין אַלע בויבעריקס; ניט נאָר אַרום ניו־יאָרק, נאָר אויך איבער דער פּראָווינץ, און ספּעציעל אין דער מיטלוועסט. די גאַנצע קונסט, וואָס דאַרף פאַרבייטן די אמונה, רעדוצירט זיך צו דעם אויפרוף פון „שמש", דעם קולטור־דירעקטאָר:

„יידן, גלייך נאָכן עסן הויבט זיך אָן קבלת שבת", רופט אויס דער שמש זייער פרום. „זאָל קיינער ניט פאַרפעלן מקבל שבת זיין, זאָל יעדערער זיך פאַרהאַלטן רוהיק און פייערלעך, ווי עס פּאַסט ביים מקבל זיין די מלכה שבת. מיר בעטן אייך ניט צו רעדן און ניט צו רויכערן און ניט צו אַפּלאָדירן, כדי צו באַגעגענען די מלכה שבת מיט כבוד. און נאָך אַמאָל, חס וחלילה, ניט מחלל שבת זיין מיט פאַררויכערן אַ ציגאַרעטל ביים זינגען לכה דודי און די פסוקים פון שיר השירים. ווי נאָר מיר וועלן פאַרלעשן די עלעקטרישע לאָמפּן עטלעכע מאָל, וועט דאָס זיין אַ סימן פאַר אייך, אַז מיר הויבן־אָן קבלת שבת"...

מען זיצט אין די ווייסע קיטלען, אָן היטלען, און מען האַלט זיך איין פון רויכערן. נאָר דעם שמש, וועלכער איז אויך דער שבת־גוי, איז דערלויבט צוצורירן זיך צו מוקצה — אָפּצורוקן די מנורה. גלייך נאָכן קבלת שבת גיט מען זיך אַ וואָרף צום רויכערן און מען איז זיך מחיה. דער שפּיל אין קבלת שבת איז אַ פריילעכע אונטערהאַלטונג.

איך האָב זיך נאָכגעפרעגט ביי איינעם פון די עסקנים, וועלכער איז שטאַלץ אויף די בויבעריקער מנהגים, באַשטעטיקט ער, אַז עס איז ווירקלעך פריילאַך, און צו פריילעכקייט גיט עס אים נאָך עפּעס, עס רופט אָפּ אין אים די שפּורן פון זיין טאַטנס היימישן קבלת שבת. און עס גנבעט זיך אַ חשד, אַז דאָס איז די מינימום יידישקייט פון דעם אַרבעטער, וואָס האָט, גאָט צו דאַנקען, זיך אַרויפגעאַרבעט אין אַמעריקע, און איז געוואָרן אַ באַלעבעסל, און באַלעבעסלדיק וויל ער געניסן פון אַלץ צו ביסלעך, אַביסעלע פון יידישקייט — מיט אַ באַזוך אין בויבעריק איז ער יוצא פאַר זיין מינימום יידישקייט פון אַ גאַנץ יאָר, און ער וויל געניסן אַ ביסעלע פון דער קונסט — די אָרעמע שלום־עליכמדיק־לאַ־עליכמדיקע קאָמעדיעלע פון קבלת שבת דינט אים צו אָט דעם טאָפּלטן צוועק — ער געניסט „יידישקייט" דורך „קונסט".

איז עס טאָפּלטע פעלשונג — פעלשונג פון אמונה און פעלשונג

פון קונסט. קונסט איז בטבע אַן אמת־זאָגערין — ניט דורך נביאישער געהאָרכזאַמקייט צום אויבערשטנס אויטאָריטעט, נאָר דורך דעם קינסט־לערס אינדיווידועלן רוח־הקודש, דורך דעם פרייען שפּיל פון פאַנטאַזיע. פאַלש איז ניט די גויאישע קונסט, די גויאישע ליטעראַטור, נאָר די גויאישע שטעלונג צו קונסט און ליטעראַטור — די שטעלונג פון פּריץ, וועלכער איז באַזאָרגט מיט אַלעם נויטיקן און דאַרף ניט און וויל גאָר ניט דעם גאַנצן אמת־זאָגן פון דעם קונסט. אָבער פון אײדעלע וואויל־טאָגן ווי ער זיך ניט אָפּזאָגן. יאָ, דעם אמת זאָל די קונסט אים געבן, אָבער בלויז אַ שפּרינקעלע אמת, ער זאָל אין לעבן דעם אמת ניט דאַרפן מקיים זיין. און דער פּריץ וויל אויך געניסן פון געוויסן — יאָ, פון געוויסן — אָבער בלויז אַ באַנעצונג פון שפּיץ האָרץ מיט אַ טראָפּעלע געוויסן, עס זאָל אים צו גאָרנישט מחייב זיין. נעמט דער פּריץ אַרויס די קונסט פון לעבן און שטעלט זי אַריין אין אַ מוזיי, זי זאָל מיטן לעבן ניט האָבן צו טאָן. נאָר אויף אָנצוקוקן צוליב שיינקייט וועגן. און די קריטיקער האָבן שוין אויסגעאַרבעט פון זיינטוועגן אַ טעאָריע, אַז פון אַביסעלע און נאָך אַביסעלע וועט אם ירצה השם ווערן אַ פול שיסעלע געוויסן — אויף צו ווירקן און מקוים צו ווערן, ווען משיח וועט קומען.

די יידישע ליטעראַטור, אויספּאַלגנדיק איר נביאישן אינסטינקט, האָט דוקא זיך פאַרגענומען צו געבן דעם יידן דעם פולן אמת אויף מקיים צו זיין און צו וועקן זיין פולן געוויסן אויף מחייב צו זיין. די מוזייאישע קונסט פון שיינקייט וועגן, וואָס זאַמלט אמת און געוויסן צוביסלעך אין מיקראָסקאָפּישע שיסלעך, איז דעם יידישן געפיל דערווידער, ווי עבודה זרה.

און קיין קלאַס פּריצים האָבן מיר דאָך אין יידיש ניט. האָבן מיר אָבער דעם קלאַס פון אַרויפגעאַרבעטע, וואָס האָבן זיך צוגעכאַפּט צו דער פּריצישער שטעלונג צו ליטעראַטור. זיי, לויט זייערע קליינע השגות, פּאַליובעט נאָך מער ווי דעם פּריץ די קונסט־מאָס פון „צוביסלעך אין קליינע שיסלעך". דאָס איז זייער צוגאַנג צו ליטעראַטור, צו פאַרדאַנקען דער פּריצישקייט, וואָס אונדזער ליטעראַטור האָט אַלץ זיך אָפּגעווענדט פון אמת־דינסט, און עס האָבן זיך גענומען מערן ווערק צוליב זייפן־בלאָז־שפּיל, וואָרט־שפּיל, חכמה־שפּיל און קאָקעטעריי. זיי, אַ שטיק צייט די איינציקע צאָלנדיקע געברויכער פון יידישער ליטעראַטור, האָבן עס איינגעשטעלט ביי אונדז דעם אַבנאָרמאַלן פאַר אונדז גויאיש־עבודה־זרהדיקן ליטעראַטור־און קולטור־רעזשים, וואָס האָט גענומען שטערן דעם וואוקס פון דער יידישער ליטעראַטור. און איצט, ווען זיי האָט זיך

פאַרגלוסט אַביסעלע יידישקייט און אַביסעלע יום־טוב, זיינען זיי עס די, וואָס מאַכן פאַר אַ טאָפּלטער פעלשונג דעם פאַרבייט פון אמונה מיט ליטעראַטור.

עס איז ניט די שולד פון דער ליטעראַטור און ניט די שולד פון די לערער, וואָס די מערסטע פון זיי לייגן אַריין אין דעם יום־טוב אויפשפיל ערנסטן פלייס און ערלעכע התלהבות. איך רוף אַרויס פאַר אַן עדות דעם לערער י. קאַמאַי, פון דעטראָיט, איך קען אים פּערזענלעך און זיין עדות זאָגן איז ביי מיר באַגלויבט.

ער האָט מיר צוגעשיקט צוויי אילוסטרירטע יום טוב העפטן — פאַר פסח און פאַר שבועות. צונויפגענומען זיינען אין זיי מוסטערן פון אַלע מינים פון ידישן שאַפן — פון פאַרצייטן ביז היינט. באַזונדערס געפעלט מיר די שבועות העפט — עס איז אַסך שווערער געווען צונויפצוזוכן טעקסטן, איבערזעצונגען פון חומש, פון די נביאים און פון תהלים, שטיקער הגדה און גאַנץ רות, און אַן אַ שיעור מדרש. און לידער פון וואַרשאַווסקי, ראָזענפעלד, יהואש, פרץ, רייזען, ליעסינס „בטחון", „ביכורים" און „אקדמות", רויזענבלאַט, און שטיקער פון לייוויקס מדבר־באַלאַדע און פאָלקס־לידער.

און אָט וואָס קאַמאַי שרייבט מיר ווי פסח און שבועות איז ביי זיי אין דעטראָיט געפייערט געוואָרן:

„אויף ביידע אָוונטן זיינען געווען אַ הונדערט מענטשן. אַ 30 — אנשים, נשים וטף — האָבן פירגעזאָגט (יעטוועדער זיין לכתחילה באַ־שטימטן טייל) בקול רם, און דער ציבור האָט מיטגעזאָגט בלחש יעט־וועדער פון זיין העפט אַרויס. איך זאָג אייך: עס האָט זיך געפרייט איטליכענס האַרץ, געבענטשטערע הערצער האָבן דערלאַנגט ביז התרו־ממות. אין די קורצע דויערס פון איבערמישן בציבור דאָס בלאָט אַלע עטלעכע מינוט, האָט דעם זשום, וואָס האָט דורכגעפלאָסן דורכן חלל, אויף אַ סענסיטיווערע הערצער — לכל הפחות אויף איינעם — געווירקט ווי אַ מין עבודה.

„אין צוגרייטן די „הגדה" איז מען געגאַנגען אויף אַ ברייטערן אויסגעטראָטענעם שליאַך, און מען האָט געהאַט פאַר זיך אַ שנור, וואָס דורות האָבן אויסגעפלאָכטן; געווען אורעלטערישער נוסח, סטיל, ריטם: קשיות, כוסות און קאַרדינאַלע יידישע קיום־מאָטיוון פון צער און צאָרן, פון האָפנונג אויף גאולה.

„מיטן שבועות מחזור אין שוין ניט אַזוי גלאַטיק געווען. דער צוגאַנג

איז אַן הגדהשער חומש, מדרש, לידער און וויפל עס האָט זיך נאָר געלאָזט אויך די שבועות־טראַדיציעס פון די זיידעס.

„ביים אָפזוכן און צונויפשטעלן אַזאַ מין מאַטעריאַל, דערפילט מען ערשט דעם מדבר אין אונדזער דיכטונג אויף ביבל און מדרש־מאָטיוון. זינט ליעסין האָט פון אונדזערע דיכטער זיך אָפגעטאָן דער כוח צו טרינקען און צו אינספּירירן זיך פון אייגענעם מעין־חיים. עס איז ביי אונדז געוואָרן אַ מין אמונה — דער אַנטי־חומש קולט. אָפילו איצט בימי היטלער הרשע, מיט וואָס אַ שטייגער זיינען אונדזערע נייע מער דאַריקאַל פון יהואש און ראָזענפעלדן? איז ליעסין טאַקע געווען אַזאַ קאָנסעוואַטאָר?? ממש ווי ברילליאַנטן אין אַ מדבר־זאַמד פינקלען אַרויס שטיקער פון לייוויקס מדבר־באַלאַדע (האָבן מיר טאַקע מיט ציטער־פרייד עס אַריינגעזעצט אין שבועות־מחזור".

י. קאַמאַי איז אַ לערער לשמה און אַלץ וואָס ער טוט איז לשמה. און איך נעם אָן זיין וואָרט, אַז פאַר אים פערזענלעך זענען די יום טוב־פייערונגען געווען אַ מין עבודה. אָבער קען ער קאַווירן פאַר זיינע מיט־פייערער, אַז פאַר זיי איז די פייערונג געווען עפּעס מער ווי אַ יוצא־זיין פאַר זייער מינימום־יידישקייט פון אַ גאַנץ יאָר? — און אמת איז אויך, וואָס ער זאָגט וועגן דער יידישער ליטעראַטור, אַז לכתחילה האָט זי זיך פאַרגענומען צו זיין אַ פולע יידישע אמת־זאָגערין, די פאַרזעצערין פון תנ"ך און אויך מדרש; דערנאָך ערשט האָט זי זיך אַ קער געטאָן צו דער עבודה־זרה פון „קונסט לשם קונסט", וואָס שיידט־אָפּ קונסט פון אמת. עס איז ניט די שולד פון דער יידישער ליטעראַטור, נאָר די שולד פון באַלעבעסלדיקן ליטעראַטור־און־קולטור־רעזשים, וואָס איז אָנגע־שטעקט געוואָרן מיט דער גויאיש־פריצישער שטעלונג צו קונסט — צו געניסן אַ געניסעכץ...

אויב די שטעלונג איז די גאַנצע צייט געשפּירט געוואָרן ווי אַ פעלשונג, איז זי איצט נאָך פאַלשער געוואָרן אַנטקעגן דעם הינטערגרונט פון די יידישע ימים נוראים אויף דער גאַנצער וועלט — אַנטקעגן 10 יאָר ראש השנה און 4 יאָר יום כפור — איצט, ווען דער גאַנצער יידישער כח דאַרף מאָביליזירט ווערן פאַר אָפּוועך. מיט לייכטע, באַקוועמע מינימום־יידישקייט וועלן מיר איצט ניט אָפּקומען. מיר דאַרפן רופן צו הילף דעם מאַקסימום־יידישקייט, וואָס איז פאַרלייגט אין יעדן יידישן יום־טוב — די נבואה אויף גאולה — וואָס זי ערשט האָט געמאַכט יעדן יידישן יום טוב פאַר אַ יום טוב.

און פאַלש זיינען דאַרום די אַלע נאָכגעמאַכטע ימים טובים, וואָס

מיר פרואוון נאָכמאַכן מיט נאָכגעמאַכטער ליטעראַטור... אַ גרויסער אמת דאַרף צוקומען דער יידישער ליטעראַטור, כדי צו פאַראמתן די נאָכגעמאַכטע ימים טובים— דער אמת, וואָס האָט אויפגעהויבן און גע־טראָגן אויף זיך יעדן יידישן יום־טוב. און נעמען אָט דעם אמת — די נבואה אויף גאולה — ניט אָננעמען אין זיין רעליגיעזער פאָרם, מיט דער אמונה אין גואל, מיט דער אונטערשטיצונג פון אַלט־פרענקישע מצוה־צערעמאָניאַלן עקוויוואַלענט — אַ במקום — פונקט אַזאַ איינגע־שפאַרטע אמונה אין דער גרויסער גייסטיקער ראַלע, וואָס יידן שטייט פאָר היינט־צו־טאָג, כדי אַרויסצופירן די וועלט פון איר קאַטאַסטראָפאַלן כאַאָס — אַן אמונה, געשטיצט אויף מאָדערנע סאָציאַלע מצוות, באַ־שטעטיקט מיט גרויסע קרבנות, און די יידישע ליטעראַטור זאָל זיין די ברכה־געבערין דאַרויף.

אַן דעם זיינען די אַלע מינימאַליסטישע פּראָבען אויף נאָכצומאַכן יום־טובים — הוילע, ליידיקע עבודה־זרה...

סוכות

די אייביק-נייע סוכה

אין סוכות זאָלט איר זיצן זיבן טעג ; אַלע איינגעבאָרענע אין ישראל זאָלן זיצן אין סוכות. כדי אייערע דור־דורות זאָלן וויסן, אַז איןביידלעך האָב איך געמאַכט זיצן די קינדער פון ישראל, ווען איך האָב זיי אַרויסגעצויגן פון לאַנד מצרים.

(ויקרא כ״ג, מ״ב).

עטלעכע געדאַנקען וועגן אַ סוכה און סוכהלעך. — דער יום טוב סימבאָליזירט געשעענישן, עפּאָכעס און צייכנט דעם גאַנג פון דער יידישער געשיטע, דעם גורל פון יידישן פאָלק. — פונקט ווי דער מענטש מוז האָרעווען אויף זיין פּרנסה, מוז אויך די נשמה האָרעווען. — די נשמה קריגט איר לוין, פרייד, טרייסט און התלהבות. — כל זמן גלויבן איז געווען, איז אויך געווען די נשמה שטאַרק גענוג צו קענען טראָגן דעם יידישן קיום פון פאַרצייטן ביז אין משיחס צייטן. —

אַ וואָרט וועגן די, וואָס האָבן אַרויסגעוואָרפן די רעליגיע פון זייער לעבנס־שטייגער און צוזאַמען מיט דער רעליגיע האָבן זיי אַרויס־געוואָרפן די יידישע אינעווייניקסטע סוכה און אויסגעליידיקט זייער נשמה.

מיר האָבן צוויי פעלקער, וואָס רעדן צוויי באַזונדערע לשונות — פרומער און וועלטלעכער לשון. אפשר איז די סוכה דער פּאַסיקסטער אָרט, וואו זיי קאָנען זיך צונויפריידן און זיך פאַרשטענדיקן ? אַזאַ פאַרשטענדיקונג איז דער געבאָט פון טאָג : אונדזערע שונאים באַ־פאַלן ! קעגן אונדזערע שונאים דאַרפן מיר מאָביליזירן אַלע אונדזערע כוחות און מיטלען — פרומע און פרייע — פאַר אָפּוועהר און אַטאַקע.

און עס זעט אויס, אַז אויב מיט רעליגיע ניט, איז מיט יום־טוב קאָן מען דעם וועלטלעכן צו דעם פרומן צוציען. ווארים אַזוי גיך ער האָט אין נאָמען פון וועלטלעכקייט אַרויסגעפּטרט רעליגיע פון זיין לעבנס־שטייגער, האָט ער גלייך גענומען מקנא זיין דעם פרום־גלויביקן זיינע גרויסאַרטיקע יום־טובים.

אָט שטייט אַ יום־טוב סוכות און בעט זיך נעם מיך איבער ! און

ער וויזט אים ווי אַזוי: נעם אַ פּלעקל, אַ שטעקל, אַ טיר מיט אַ לאָדן — מאַך זיך צורעכט אַ בינע און שפּיל...

פון אַלע רעליגיעזע צערעמאָניאַלען איז דער סוכות צערעמאָניאַל צום נאָענטסטן צו טעאַטער: די סוכה איז דאָך בוכשטעבלעך אַ בינע — פון ברעטער צענויפגעשלאָגן, מיט אַ דאַך פון סכך איבערגעצויגן, מיט אַ פענצטער אַרויסצוקוקן, כאָטש מען דאַרף ערגעץ ניט קוקן. יעדער פרומער ייד פלעגט לעבן אין זיין הויז, און אין זיין הויף זיך בויען אַ טעאַטער פאַר אַ וואָך צייט — אויף פאַרצושטעלן זאַכן. טעאַטער איז פאַרגעשטעלטע האַנדלונג — שפּיל. עסן אין שטוב איז געגעסן, עסן אין סוכה איז געשפּילט. דער זעלביקער מאַלצייט, איבערגעטראָגן פון שטוב אין סוכה, איז טעאַטער.

נו, אויף טעאַטער זיינען מיר דאָך אַלע גרויסע בריות. וועלכער ייד וועט דאָס זאָגן אויף זיך, אַז ער קען טעאַטער ניט שפּילן? איז עס לייכט אויסצופּרובירן. אפילו מיט גאָר וויניק שוישפּילערישן טאַלאַנט קאָן מען אויפשטעלן אַ געצעלט, אַ „טענט": אויב מיר וואוינען נעבן בראָנקס פּאַרק, אָדער וואַן־קאָרטלאַנד פּאַרק איז עס גאָר באַקוועם און אָנגענעם — וועט עס אַרבעטן?

לכתחילה יאָ. עס וועט זיין ניט געגעסן, נאָר געשפּילט אין עסן. פייערלעכער טאָן, געהויבענע זשעסטן וועלן זיך געבן פון זיך אַליין. די שטערן וועלן פינקלען דורכן סכך און דער ווין וועט פינקלען אין די בעכערס, אויב די וויצן און די חכמות וועלן ניט אַזוי פינקלען, וועלן זיי אָבער זיין גענוג צום לאַכן און זיך פריילעך מאַכן.

אָבער מיט דעם ביישפּיל פון דורכגעפאַלענעם וועלטלעכן סדר פאַר די אויגן, לאָזט זיך פאָרויסזאָגן — איינמאָל וועט עס אַרבעטן. אַ צווייטן מאָל וועט עס אַרבעטן. אַ דריטן מאָל שוין ניט אַזוי. איבעראָיאָר וועט עס שוין גאָר ניט אַרבעטן. די פייערלעכקייט וועט זיך האָבן אויסגעוועפּט, די וויצן אויסגעשעפּט. און די „וועלטלעכע" סוכה וועט ווערן לעכערלעך. ווי עס איז לעכערלעך געוואָרן דאָס פּראָוען וועלטלעכע סדרים.

סיידן מען וועט באַשליסן לכתחילה, אַז מען מיינט ניט ערנסט ניט מיט דער סוכה און ניט מיטן סדר, נאָר מען גייט זיך נאַריש מאַכן פאַר אַ צייטפאַרטרייב.

פאַרוואָס זאָל די געשפּילטע סוכה, פאַרפאַעטיזירטער סדר ניט וועלן אַרבעטן? ווייל עס פעלט דעם שפּילער טאַלאַנט, וועט מען ענטפערן. ניט יעדער קען עס אונטערנעמען. ניט יעדער ייד איז אַ שוישפּילער

אָדער אַ פּאָעט, אפילו ווען ער מיינט אַזוי. אָבער זאָלן זיך נעמען דערצו אמתע שוישפּילער און אמתע פּאָעטן. אָט איז דאָך דער הבימה געלונגען אין אַנסקיס דבוק אויפצושפּילן אַ שול מיטן גאַנצן עפעקט. דער גאַנצער טעם פון שול האָט זיך דערלאַנגט. מאָריס שוואַרצן איז עס צייטנווייז אויך געלונגען. גוט, זאָלן דיכטער איבערדיכטן די טעקסטן פון די סוכה־ברכות, די טעקסטן פון דער הגדה, און די הבימה מיט מאָריס שוואַרצן זאָלן אויפשפּילן די אושפּיזין, דעם מה נשתנה...

איך וועל גערן צוגעבן, אַז עס קאָן געלינגען אויפשטעלן דעם יום־טוב סוכות, דעם יום־טוב פּסח, ווי קינסטלערישע ספּעקטאַקלען, אויפגעפירט אין אַ קהלשער סוכה, ביי אַ קהלשן סדר, אויף סעקאָנד עוועניי.

די גאַנצע טייערקייט פון יידישן יום־טוב איז דאָך געווען, וואָס נאָך מער ווי אַ קהלשע אינסטיטוציע איז ער געווען אַ פּריוואַטע פאַמיליע־אינסטיטוציע. יעדער פרומער ייד פלעגט דעם קהלשן יום־טוב איבערשפּילן — יעדער אַ שפּילער פאַר זיך אַליין, און אים פלעגט געלינגען אַרויסצורייסן אַ גאַנצע וואָך פון וואָכעדיקן גאַנג פון לעבן און לאָזן די וואָך דורכשוועבן דורך אַ העכערע היסטאָרישער צייט, וואָס איז ניט צוגעקלעפּט צו דער טעגלעכער ערד.

איצט, פון דער ווייטנס קוקנדיק, זעט מען, אַז יום־טוב איז געווען, ווען דער פרומער האָט געאָטעמט און געלעבט די ריינע עסענץ פון יידישן קיום, וואָס טראַפּעלעכווייז, באַהאַלטערנערהייט, האָט זי געשפּייזט מיט חיות דעם קיום פון אַלע וואָכעדיקע טעג אַ קיילעכדיק יאָר. דורך אַלע יידישע יאָרן, דורך טויזנטער יאָרן. אָט די ריינע קיום־עסענץ האָט עס געגעבן דעם טעם און דעם ריח פון יום־טוב. די געוויינלעכסטע, וואָכעדיקסטע זאַכן, וואָס מען האָט געטאָן אום יום־טוב, זיינען געוואָרן יום־טובדיק דערהויבן, זיינען אָנגעקוואָלן געוואָרן מיט היסטאָרישן זין. זיי האָבן אַריינגעצויגן דעם עבר, זיי האָבן סימבאָליזירט געשעענישן, עפּאָכעס, זיי האָבן געצייכנט דעם גאַנג פון דער יידישער געשיכטע, דעם גורל פון פאָלק. דער פּשוטסטער פרומער ייד איז אין דער סוכה, אָדערביים סדר, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ היסטאָריש־ווירקנדיקער פּערזענלעכקייט. פון וואַנען האָט זיך גענומען צו אים אַזוי פיל שוישפּילערישער, אַזוי פיל פּאָעטישער טאַלאַנט, אַזוי פיל נשמה יתרה?

איז דער יום־טוב סוכות דערמיט נאָך אויסגעצייכנט, וואָס ער גיט אַרויס דעם סעקרעט, ער מאַכט נגלה דעם נסתר, וואָס האָט דעם יידן

געמאַכט פאַר דעם באַגאַבסטן יום־טוב־מאַכער. פון די אַלע רמזים, וואָס קענען אַריינגענומען ווערן אין דער סוכה:

— אַז זי איז אַ רמז אויף די ביידלעך, וואָס יידן האָבן אויפגעשטעלט אין זייערע וואַנדערונגען דורכן מדבר אויפן וועג צו ארץ ישראל;

— אַז זי איז אַ רמז אויף די צווייטווייליקע ביידלעך, וואָס יידן פלעגן אויפשטעלן אין שניט־צייט אויף די פעלדער פון ארץ ישראל;

און נאָך און נאָך רמזים — פן די אַלע רמזים נעם איך אַרויס דעם רמז, וואָס ווען מיר וועלן אים ניט איבערנעמען, וועלן מיר דעם יום־טוב ניט איבערנעמען. אַ טיפערער רמז, וואָס גיט די אַלע אַנדערע רמזים זייער זין; אָדער אַן אויבער־אמת, וואָס דעקט זיי אַלע צו, און דאָס איז — די סוכה ליגט אַרויס דרויסן, וואָס ליגט באַהאַלטן אינעווייניק אין דעם יידנס נשמה. דער ייד האָט זיך אויפגעבויט אַ סוכה אין זיין נשמה. פון די סוכות אין מדבר, פון די סוכות אין ארץ ישראל האָט ער אין זיין נשמה־סוכה זיך אַוועקגעטראָגן דורך די צייטן און זיך דערטראָגן ביז היינטיקן טאָג.

דער פרומער ייד לעבט אין דער סוכה פון זיין נשמה. דאָס איז ניט קיין פראַזע — צוליב בילדלעבקייט — נאָר בפירוש אַ פאַקט. אַ סוכה צענויפגעשלאָגן פון כלים און אָנגעשטעלט מיט כלים. בפועל ממש כלים — ממשותדיקע, אייזן־פעסטע כלים.

פון וואַנען נעמען זיך כלים אין דער נשמה און נאָך אייזן־פעסטע דערצו? די רעליגיע טוט עס. ס'איז אַנדערש ווי מען מיינט, אַז די עובדה פון רעליגיע איז צו מאַכן דעם מענטשן גלויבן אין גאָט און זיין געבאָט. גלויבן אַליין איז ניט גענוג. מען קען מיטן שכל זיך צורעכט מאַכן אַן אַבסטראַקטן, געדאַנקלעכן, פילאָסאָפישן גאָט און דאָך בלייבן דער אומגליקלעכסטער מענטש. די עובדה פון רעליגיע איז ניט נאָר צו מאַכן גלויבן, נאָר צו מאַכן דעם גלויבן אַרבעטן — אויסצואַרבעטן פרייד, טרייסט און התלהבות.

די סוכה פון דער יידישער נשמה דאַרף צוריק אויפגעשטעלט ווערן. זי איז ווירקלעך איינגעפאַלן. געווען גענוג אַריינצוקוקן אין די פנימער פון עולם, וואָס האָט געיום־כיפורט אין די פאַרקן צווישן תתנה תוקף און נעילה — ספּעציעל אין די פרויען־פנימער, וואָס זיי זיינען דאָך די שפּיגלען פון ראַסן־באַוואוסטזיין. קיין שפּור פון יום־כיפורדיקער ערפּרוכט. וואו איז דער פאַרחלומטער חן אין די פרויען־פנימער — דער חן, וואָס איז אָנגעוויט געוואָרן פון דער דיסציפּלין

פון די פרומע מצוות? די פרומע מצוות, באַטש זיי האָבן אָפּגעשיידט פון דער וועלט, האָבן דאָך איבער זייער אָפּגעשיידקייט איינגעשטעלט געהאַט אַ באַציאונג צו דער וועלט. אויף די פנימער האָט זיך געשפּיגלט אַרומנעמונג פון דער וועלט און אַרומנעמונג פון טויזנטער יאָרן. אַ מילדער יידישער וועלט־צער האָט זיי דורכגעלויכטן און באַהנט. אויסגערונען איז די יידישע נשמה. דער מאַרך פון די יידישע ביינער איז אַרויסגעצויגן געוואָרן. נאָר טרוקענער סקעלעט איז געבליבן.

וואו איז די יידישע נשמה ליקווידירט געוואָרן? ווען האָט דער יידישער נשמה־שטראָם זיך איבערגעריסן? — די פרומע וועלן, נאָטירלעך, באַשולדיקן די פרייע, די אויפקלערער, די וועלטלעכע, די ראַדיקאַלן — זיי האָבן די יידישע נשמה־סוכה צעשטערט. און זיי וועלן זיין אומגערעכט; די אַפּיקורסות האָט זיך געמעלדעט ווען די שטורעם־ווינט אַרום דער פרומער יידישער וועלט האָבן זיך איינגעבראָכן, און די דיסציפּלין פון די פרומע מצוות, וואָס האָבן אויפגעבויט די סוכה פון דער יידישער נשמה אָפּשיידנדיק פון דער וועלט און פאַרבינדנדיק — איבערערדיש, הימליש, מיט דער וועלט — די דיסציפּלין האָט זיך גענומען ברעקלען אונטער די קלעפּ פון פרייען וועלט־געדאַנק — האָבן זיי, די אַפּיקורסים, צוערשט די משכילים, דערנאָך די סאָציאַליסטן און דערנאָך די וועלטלעכע יידישיסטן, געמאַכט אַ פּאַרזוך מיט זייערע נייע פרייע מיטלען אַרומצונעמען און איינצונעמען פאַר יידן די וועלט, ביז צו אַ נייער פרייער נשמה־סוכה זיינען זיי ניט דערגאַנגען. אָבער איצט זעט מען, אַז אויך די פרומע מיט זייער אַלטער סוכה זיינען פונקט אַזוי הילפלאָז ווי מיר אַלע. זיי מאָבען נאָך שטרענגערע, פרומע אָפּגעהיטקייט פון דער וועלט, וואָס באַוואָרנט ניט קעגן די אַלע וועלט־געפאַרן. דערפאַר רינט די נשמה אויס פון זייער אַלטער נשמה־סוכה און לאָזט איבער אויף די פנימער בלויז דעם יידישן סקעלעט.

דעם יידנס נשמה דאַרף איינגעשטעלט ווערן פאַר בליץ־שנעלן אַרומנעמען־איינגעמען די וועלט, אויב מיר ווילן ניט בלייבן אויסגעשטעלט שוצלאָז פאַר דער פאַרצוקונג פון ווילדע חיות אינמיטן אַ וויסטן וועלט־מדבר. לייגט זיך דאָס ווי אַ הויפּט־פליכט דווקא אויף די וועלטלעכע; וואָס זיי האָבן גענומען אויף זיך אַליין, זאָלן זיי פאַרענדיקן מיט זייערע וועלטלעכע מעטאָדן צוריק אויפצושטעלן די יידישע נשמה־סוכה פאַר אָפּווער און אָנגריף.

דעם יידנס אינעווייניקסטע סוכה

איך האָב אַן איינפאַכן ביישפּיל, וואָס אַן אײדעלער שניידער האָט מיר געגעבן: אין דער היים האָט אַ יום־טובדיקע סעודה געהאַט טעם גן־עדן, דאָ עסן מיר ווי פערד — אפילו ערב יום כיפור ביים פאַר־פאַסטן זיך.

ווייל דער שניידער אין זיין היים האָט ערב יום כיפור געהאַט אַ היימישן יום כיפור פאַר זיך — אַ מעכטיקן אַפּאַראַט צו שעפּן יום־טוב פון דער נשמה — דאָ האָט ער בלויז פאַר זיך אַ טאָג ניט אַרבעטן, אַ פאַרמאַכטן שאַפּ. האָב איך דאָס שוין פאַרגליכן צו אַ ברונעם מיט קאַלרן וואַסער — די נשמה איז ווי אַ ברונעם. דער פרומער האָט אַ שטאַנג מיט אַן עמער צו שעפּן ווען ער וויל. דער פרייער האָט דאָס ניט.

האָט דער פרומער אין זיינע רעליגיעזע טראַדיציעס אַ גרויסע מעלה איבער דעם פרייען.

און נאָך איז עס געגליכן צו אַ לעקציע פון איינשטיינען איבער דער רעלאַטיוויטעט־טעאָריע, וועלכע אויף פּראָסט יידיש מיינט, אַז די געזעצן פון דער נאַטור ענדערן זיך מיט דעם מענטשנס איינבליק אין דער נאַטור.

שטעלט איך פאַר: איינשטיין דאַרף האַלטן אַ סעריע לעקציעס פאַר אַ פּראָסט־פּשוטן עולם, וואָס זיין וויסן אין מאַטעמאַטיק איז — צוויי מאָל צוויי איז פיר. וועט איינשטיין ביי יעדער לעקציע זיינער זיך דאַרפן אַראָפּלאָזן צום עולם און אָנהויבן פון צוויי מאָל צוויי, און אידער ער וועט נאָך האָבן דערגרייכט אַ צענטל פון זיין לעקציע וועט שוין דער גאַנצער אָוונט זיין געפּטרט, און ביז צום סוף פון זיין לעקציע וועט ער קיינמאָל ניט קומען.

אָבער ווען דערזעלביקער איינשטיין האַלט זיין לעקציע פאַר סטו־דענטן, וואָס זיינען באַהאַוונט אין דער העכערער מאַטעמאַטיק, וועט ער גלייך קאָנען צוטרעטן צום חשבון וויפיל עס בויגט זיך אויס דער שטראַל פון אַ שטערן פאַרביילויפנדיק די זון. אין איין האַלבער שעה וועט ער פאַרטיק ווערן מיט זיין גאַנצער לעקציע.

דער פרייער דאַרף אַלעמאָל אָנהויבן זיין חשבון מיט גאָט פון צוויי מאָל צוויי איז פיר. דער פרומער האָט אינסטרומענטן אָנגעשטעלט אין זיין נשמה, וואָס רעכענען אַלע פּראָסטע חשבונות מעכאַניש, און ער קאָן גלייך צוטרעטן צום העכערן חשבון, פּונקט ווי איינשטיין וואָס האַלט אַ לעקציע פאַר אויסגעלערנטע און איינגעלערנטע סטודענטן.

אַט דאָס דאַרף אונדזער איינער, דער מאָדערנער, פרייגעזאָנענער ייד זיך אַריינגעמען אין קאָפּ, אַז אין פאַרגלייך מיט דעם פרומען איז זיין נשמה אַ קבצנטע, וואָס האָט קיין הויז־באַלעבאַטישקייט ניט.

אַ נשמה איז ווי אַ הויז. און ער דאַרף זיך אַריינגעמען אין קאָפּ אַ פּסיכאָלאָגישן גרונט־געזעץ, אַז אַ נשמה מוז האָבן אָנגעשטעלטע כלים, וואָס אָן זיי איז איר שווער צו אַרבעטן.

אַ נשמה איז ווי אַ וואַרשטאַט.

און נאָך דאַרף ער זיך אַריינגעמען אין קאָפּ, אַז אַ כלי אין דער נשמה — אַן אויסגעקלערטע, איינגעגלויבטע זאַך — איז פּונקט אַזאַ ממשותדיקע זאַך ווי אַ כלי דרויסן, געמאַכט פון מאַטעריעלן שטאָף — פון אייזן, שטיין און האָלץ... בתנאי די נשמה גלויבט אין זיי פעסט, אָן דעם מינדעסטן ספק.

וואָרים דער צעמענט, וואָס האַלט צונויף דעם נשמה־שטאָף און פאַרהאַרטעוועט אים, איז גלויבן, וואָס האָט פאַר זיין הילפס־מיטל דעם נדר, וועלכער איז אַמאָל נאָך שטאַרקער פון גלויבן אַליין. אין נדר איז נאָך קלאָרער ווי אין גלויבן וואָס דער אייגנטלעכער צוועק איז פון אַ רעליגיעזער צערעמאָניע. וואָרים עס קאָן זיין נדר אויף ריינעם אומזין, ווי דער נדר פון אינדישן יאָגי — צו האַלטן די האַנט הויך און ניט אַראָפּלאָזן פאַר וואָכן און חדשים נאָכאַנאַנד. ס'איז ניטאָ קיין זין אין דעם אויסער איינעם — צו פאַרהאַרטעווען אַ טייל פון נשמה־שטאָף, כדי צו שמידן פון אים אַ כלי.

געוויינלעך ווערט נדר באַגלייט פון גלויבן, וועלכער האָט יאָ אַ זין, ווייניקסטנס אַ רעליגיעזן זין. אָבער זייער אָפט איז גלויבן אין תוך אויך נישט מער ווי נדר און קאָן ניט פאַרענטפערט ווערן מיט קיין שכלדיקן זין.

און ווייל גלויבן־נדר איז דער צעמענט פון די נשמה־כלים, האָבן זיי אַזוי מורא פאַר דער באַרירונג פון שכל. וואָרים ווען דער שכל נעמט גראַבלען, נעמען זיי זיך ברעקלען און זיי צעפאַלן אין שטויב — און גאָרנישט. אייזן־שטאַרק זענען די נשמה־כלים ווען זיי טוען זייער אַרבעט. אָבער זייער אייזן־שטאַרקייט הענגט אויף אַ האָר — אויף

גלויבן־נדר. דערפאַר האָבן אַ צאָל רעליגיעזע אויטאָריטעטן פאַר־זאָגט: גלויב ניט, ווייל דער שכל איז מחייב, נאָר גלויב טראָץ דעם שכל, און אַמאָל אפילו אויף צו להכעיס דעם שכל. גלויב און פרעג קיין קשיות ניט. וואָס פעסטער דו שטייסט קעגן שכל, אַלץ מער פאַר־דינסטו; אַלץ פו גרעסער ווערט איז דיין גלויבן.

פרעגט יעדער אמת־פרומען וועט ער עס אייך זאָגן.

אין קאַמף מיטן שכל וועל איך מיין רעכט דערווערבן — זאָגט דער גלויבן.

אין פלוג איז דאָס אומפאַרשטענדלעך: וואָס האָט דער גלויבן אַזוי מורא פאַרן שכל? פאַרוואָס בעסער ניט זוכן שלום צווישן זיי?

איז דער ענטפער: אַז די איינגעגלויבטע, איינגעגענדרטע, די באַ־שאַפענע זאַכן אין דער נשמה זיינען אַזוי לאַנג ממשותדיקע זאַכן כל זמן זיי ווערן ניט אַנגערירט; דערקלערט, אַפילו געשטיצט פון שכל, הויבן זיי אָן פאַרלירן זייער ממשות. זיי וועפן זיך אויס. ווייל אפילו די שטיצע פון שכל איז פאַר דעם פרומען געפערלעך, ווייל דער שכל איז בטבע אַ צווייפלער. אפילו ווען ער שטיצט, גריבלט ער זיך און גראַבלט.

נאָר אויף גלויבן, וואָס דערלאָזט ניט דעם מינדסטן צווייפל, קאָנען די איינגעגלויבטע זאַכן אין דער נשמה זיך האַלטן. און כל זמן דער גלויבן איז דאָ, זיינען זיי אייזערנע שטאַנגען, שטיינערנע זיילן, באַלקנס און ברעטער.

זיינען זיי כלים, געצייג, אַפּאַראַטן און אינסטרומענטן, קאָן מען מיט זיי און פון זיי הייזער בויען.

און מיר זעען אָפט גאַנץ קלוגע פרומע לייט, וואָס וועלן אייך צו־געבן אַלע אייערע שכלדיקע אַרגומענטן קעגן אַ טראַדיציע, וואָס זיי היטן אָפּ און וועלן אפילו גלייכגילטיק זיך צוקוקן ווען דער נאָענטסטער זייערער וועט פאַר זיי אין די אויגן פאַרשווועכן די טראַדיציע, אָבער זיי אַליין וועלן זיך ניט דערלויבן אַפילו אַ האָר צו קרימען אין דער טראַדיציע. ניט ווייל זיי זיינען אַזוי אומשכלדיק, אָדער גאָר אויס־געשפּראָכענע שונאים פון שכל, נאָר מעגן זיי אַפילו אייך געבן גערעכט און צוגעבן די לאָגיק פון אייער שכלדיקער אַרגומענטאַציע, איז דער אינסטרומענט זיי נאָך טייערער — דער אינסטרומענט דאַרף בלייבן אומבאַרירבאַר, אַניט וועלן זיי אָנווערן די כלי אויף צו שעפן פרייד און קראַפט, וואָס זיי האָבן מעגלעך מיט מי און קרבן אין זיך אויפ־געשטעלט.

זיי פאַרטיידיקן די כלי ניט דעם אומשכל! זייער כלי טאָר ניט

געפטרט ווערן. זייער גלויבן־נדר טאָר ניט געבראָכן ווערן אפילו אונטער די שווערסטע שכלדיקע קלעפּ.

פונדעסטוועגן איז קיין גרויסער שכל ניטאָ אין דעם, און דאָס ניט קאָנען הויזן מיטן שכל אונטער איין דאַך־שטיבל. וואָרים קעגן שכל קאָן מען זיך ניט באַוואָרענען. ער איז אַ גרויסער גנב. ער קאָן זיך אונטערגראָבן אונטער דעם פרומסטן בנין. איין מיאוסן שיינעם פרי־מאָרגן קאָן זיך דער פרומער אויפכאַפּן — זיין בנין איז ניטאָ. דער שכל האָט אים אַוועקגעטראָגן. דאָס טרעפט, און נאָך ווי!...

בפרט פאַר אונדזער איינעם, דעם פרייגעזאָגנענעם, וואָס האָט זיך שוין פון לאַנג צעשיידט מיט דער פרומער טראַדיציע, קאָן אודאי ניט געמאָלט זיין ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון שלום מיטן שכל ווי ער זאָל ניט מקנא זיין דעם פרומען דעם אַפּאַראַט זיינעם, וואָס ער האָט אין דער טראַדיציע. אונדזער איינער, ווען ער וועט וועלן זיך איינשאַפן אַזאַ אַפּאַראַט — אַ סיסטעם פון כלים און אינסטרומענטן — וועט ער לכתחילה דאַרפן זיין אַפּאַראַט אַזוי אַוועקשטעלן, ער זאָל קיינמאָל ניט קומען צו אַ סתירה מיטן שכל. ווי אַזוי? מיר וועלן צו דעם ענין זיך נאָך אומקערן, ווען מיר וועלן האַלטן דערביי.

און נאָך זאָל אונדזער איינער גוט זיך אַריינבנעמען אין קאָפּ, אַז דער פרומער, אַ חוץ כלים, הייזער און אַנדערע בנינים, וואָס ער האָט זיך אויפגעשטעלט אין דער נשמה דורך צערעמאָניאַל־אָפּהיטונג, פאַר־מאָגט זיין נשמה נאָך לאַנדשאַפטן, האָריזאָנטן, טאָלן און בערג — אויף אַראָפּצולאָזן זיך אין דער טיף און קלעטערן אין דער הויך — צו גאָט. ער בויגט און בויגט זיין נשמה, כדי זי זאָל קיין פלאַכקייט ניט זיין.

דער פרייער, וועלכער האָט קיינמאָל זיין נשמה ניט געאיבט אויף גלויבנס־נדרים און זי איז ביי אים דורך דעם שכל אויסגעגלעט ווי אַ ברעט — ווען ער וויל צו גאָט קלעטערן, צום שפּיץ־באַרג פון עקסטאַז, דאַרף ער די פלאַכקייט זיינע קינסטלעך בויגן אין טאָלן און בערג. און ניט אַלעמאָל איז ער פילאָזאָף און פּאָעט גענוג די בערג און טאָלן זיינע זאָלן אַרויסקומען קינסטלעריש. גיכער פון אַלץ וועלן זיי ארויס־בקומען געקינסטלט, און ער מוז דערביי אָפּט באַנוצן משונה־ווילדע מיטלען. אין אַ רגע צעפּאַלן זיי — און פון זיין נשמה־ פלאַכקייט ווערט אַ תהום און ער בלאָנדזשעט אויפן ברעג פון אַ קאַטאַסטראָפע.

אַ ליטעראַרישן ביישפּיל דערויף האָבן מיר אין איינעם פון דאָסטאָ־

יעווסקיס ברידער קאַראַמאַזאָווס: דמיטרי, וועלכער אום צו דער־לאַנגען צו גאָט איז ער שיער ניט געוואָרען אַ פאַטער־מערדער.

אין דער אמתן האָט ער געזוכט אַן איבונג אויף נשמה־גבורה, כדי בייצוקומען די נישטיגקייט, וועלכע איז אים געוואָרן ערגער ווי טויט, און קיין אינסטרומענט האָט אים ניט דאָס הויז, ניט די שול מיטגע־געבן, האָט ער זיך צוגעכאַפּט צום מלאך־המות־חלף. איז ער שיר ניט געוואָרן אַ גאָט־זוכער דורך מענטשן־מאָרד.

איצט וועט דער לעזער פאַרשטיין וואָס דער אונטערשייד איז צווישן אָרדאָטאָקסיש־גלויביקן און פילאָזאָפיש־גלויביקן. דער ערשטער בויט אַ הויז אין זיין נשמה, דער צווייטער האָט קיין מאַטעריאַל ניט מיט וואָס און פון וואָס צו בויען.

און דער לעזער וועט אויך פאַרשטיין, אַז דער הויפּט־סימן פון אָר־טאָדאָקסיע איז גלויבן, וואָס איז פולשטענדיק אונטערוואָרפן אונטער אויטאָריטעט, אָן דער מינדסטער שטיצע אָדער ראיה פון שכל. ווייל דער גלויבן אין אויטאָריטעט איז דאָס וואָס האַלט צענויף די גאַנצקייט פון נשמה־הויז. אַ צו־שטאַרקער בלאָז פון שכל און דאָס הויז איז צע־וואָרפן.

דער בעסטער נאָמען פאַר אַ הויז אין דער נשמה איז סוכה, ווייל עס איז אַ הויז, וואָס האַלט זיך אויף דעם גלויבן, אַז עס איז אַ הויז.

די סוכה אין דער נשמה איז ווי אַ סוכה, וואָס אַ ייד בויט — צע־נויפגעשלאָגן פון פאַרשיידענע כלים וואָס יעדע באַזונדער האָט איר באַזונדערן נוץ.

יעדע רעליגיעזע טראַדיציע איז אַ באַזונדערע כלי — דאָס כפרות שלאָגן, דאָס אתרוג בענטשן, הקפות — אַלע צוזאַמען מיט דעם גאַנצן טראַדיציאָנעלן צערעמאָניאַל האַלטן זיי דעם פרומען יידנס נשמה אין אַ סוכה.

און דאָס איז דער טיפערער מיין פון דעם יום־טוב סוכות: עס איז אַן אָנווייז אויף דער אינעווייניקסטער סוכה, וואָס איינמאָל אויס־געבויט בלייבט זי שטיין אַ קיילעכדיקן יאָר.

און אונדזער איינער, דער פרייגעזאָגענער ייד, דאַרף געדענקען: ווי קלוג ער איז, אָבער געבענטשטער פון אים איז דער פרומער ייד. יענער האָט אַ סוכה, וואו זיין נשמה קאָן וואוינען, זי זאָל ניט וואַנ־דערן נאַקעט און באָרוועס אין מדבר. זי זאָל פלאַנצן, זייען, שניידן און זאַמלען פרוכט: זי זאָל געניסן פון פרייד, טרייסט און התלהבות.

דער פרייגעזאָגענער האָט עס ניט — איז ער טאַקע אַביסל אַ פאַר־

שאַלטענער. טוט ער זיך שאַדן און דעם פאָלק אויך. ער באַרויבט זיך און דאָס פאָלק פון אַ קוואַל פון גייסטיקער ענערגיע און פרייד.

איך ווייס, דער פרייגעזאָגענער ייד איז ניט שולדיק. איינמאָל האָט דער שׂכל אים אָנגעהויבן צו גראָבלען, וועט ער שוין דערגראָבלען די רעליגיעזע טראַדיציע ביזן סוף.

איז ניט מער ווי רעכט, אַז אַפילו אַ פרייגעזאָגענער אַזוי ווי איך זאָל מודה זיין, אַז מיר גייען אַנטקעגן אַ סכנה, מיר קאָנען אומגעהויער פאַראָרעמט ווערן.

איך, דער פרייגעזאָגענער, וואָלט וועלן פאַר דעם בענעפיט פון מיין גלויבן זוכן און געפינען אַ טרייסט. מען קאָן זיך אויפבויען — וויל איך טרייסטן — אַ סוכה אין דער נשמה, וואָס זאָל דינען דעם זעלביקן צוועק. צו זויגן פון די וואַרעמע קוואַלן פון פרייד אויך דורך די מיטלען פון וועלטלעכער אומרעליגיעזער קולטור, מיט די קינסטלעכע מיטלען פון קונסט, לאָמיר זאָגן...

בלייבט איר אָבער שטיין ביי דעם באַרג פון די יידישע יום־טובים — דעם יום כיפור. דער יום כיפור לאָזט זיך בשום אופן ניט פאַרוואַנדלען אין אַ וועלטלעכן, קינסטלערישן יום כיפור. מען קאָן יום כיפור ניט אויפשפילן אין אַ טעאַטער. בלייב איך דאָ שטיין מיט צענומענע הענט.

שמחת־תורה

די אמתע שמחת תורה וועט זיין ווען פרומע און פרייע וועלן פייערן דעם טריאומף פון דער תורה

אין אונדזער ימים־נוראימדיקער צייט איז שמחת־תורה, פונקט ווי סוכות, אַ פאַרטזעצונג פון ראש־השנה און יום־כיפור. דורך דער שמחה מיט דער תורה וועט זיך הערן אַ געוויין. אויך די תורה איז געשענדט געוואָרן און געטראָטן געוואָרן צוזאַמען מיט די לעבנס פון די מיליאָנען יידן אין די אַלע מאַידאַנעקס. זי, די תורה, דאַרף מיט־וויינען און זיך אַריינוויטאָגן צוזאַמען מיט אונדז אין די גסיסות פון די דערשטיקטע אין די גאַז־קאַמערן און דערשאָסענע אין די פיצטערע קעלערן. זי, צוזאַמען מיט אונדז, דאַרף ענטפערן אויף דער פראַגע, וואָס האָט געמאַטערט אין דער רגע פאַרן טויט, און וועט ניט אויפהערן אונדז מאַטערן, כל־זמן מיר וועלן לעבן. פאַרוואָס? — די תורה דאַרף באַרעדעוודיק ווערן ווי אין דעם טאָג, ווען זי איז געגעבן געוואָרן אויפן באַרג סיני, מיט אַ נייער גאָט־אַנטפּלעקונג, וואָס זאָל אויסלייזן אונדז, די לעבן־געבליבענע, צוזאַמען מיט די געשטאָרבענע, — דאָס גאַנצע פאָלק מיט דער גאַנצער וועלט אינאיינעם, ווי זי האָט עס צוגעזאָגט און געשוואָרן. נאָך איר טריאומף אַ שמחת־תורה אויף גאָר דער וועלט דאָס דאַרף איר ענטפער זיין.

און אויב די תורה שוויגט און די תורה־געטרייע פרומקייט שטומט, זאָל די תורה־פרייע וועלטלעכקייט נעמען רעדן און ענטפערן, וואָרים זי איז מיט־פאַראַנטוואָרטלעך. זי איז געקומען, ווען די וועלט האָט זיך גענומען פאַנאַנדערפעגנען פאַר יידן, און אַנשטאָט אַ פאַסיווער אָביעקט פון דער געשיכטע, וואָס די וועלט טוט מיט זיי וואָס זי וויל, האָבן זיי געדאַרפט ווערן דער סוביעקט פון דער געשיכטע, וואָס איז אַקטיוו מיטבאַטייליקט אין די וועלט־געשעענישן אַרום זיי. איז די וועלטלעכקייט געקומען מיט נייע וועלטלעכע מצוות־מעשיות. ביז צום יענעם מאָמענט איז די אַלטע פרומקייט אין איר פאַרזיגלטן און פאַרחתמעטן צושטאַנד געווען זעלבסט־גענוגענדיק. אירע אַלטע מצוות, די אָפּגעהיטע מעשים פון פאַרצייטן, זיינען געווען יידישע רעאַליטעט.

יידיש לעבן, אדער יידישער לעבנסשטייגער, ווי מען רופט עס איצט. אבער ווען זי האט פארפעלט זיך אויסצושפרייטן און צוצודעקן און צוהייליקן די לעבנס־נויטיק געווארענע נייע מעשים, האט די אלטע פרומקייט גענומען זיך אויסוועפן. אירע אלטע מצוות האבן זיך גע־נומען אויסבלאזן פון זייער תוך, פון זייער לעבן־שפייזנדיקער קראפט.

און די וועלטלעכקייט וואלט יא קאפאבל געווען אפצוענטפערן ווי געהעריק, ארויסצוברענגען מכח אל הפועל אונדזער איינגעדרעמלטע גרויסמאכט. מיט איר פיינערן, שעפערישן טייל, — מיט דער פרייער קונסט, מיט וועלכער זי האט אונדז מזכה געווען, — איז זי גאר ניט אזוי וייט פון רעליגיעזיטעט, ווי ביידע צדדים האבן זיך איינגערעדט. קינסטלערישע שאפונג איז רעליגיעזע שאפונג. עס איז א שאפונג פון רוח הקודש ארויס. עס איז אן איינשטעלעניש. א נשמה־אויפ־שפיל אין ריזיקע. אן אויסשטרעקן זיך צום וועלט־געהיימעניש, צום אומענדלעכן לעבנסקוואל, וואס אין אונדז, — אן אויסשטרעקן זיך אין אמונה, אז עס וועט זיך דערלאנגען, און עס דערלאנגט זיך. עס איז קרבן־ברענגונג. קינסטלערישער טאלאנט גיט זיך ניט אומזיסט. מען דארף אים פארדינען, מען דארף כסדר מקריב זיין לייכטערע, ביליגערע פארגעניגנס; און דער שכר איז — שאפונג, אנטפלעקונג. וואס איז אנטפלעקונג? ווען די נשמה איז אויסגעשטרעקט צום אומענדלעכן, אין־סופיקן וועלט־געהיימניש, ציט זי זיך אן מיט נייער דערפארונג, מיט נייער רעאליטעט, מיט נאך ניט אנטדעקטן לעבנס־אמת. ווען עס שפארט אן אן איבערמאס פון נייער דערפארונג, גיט זיך די נשמה א פלייץ ארויס — אין קונסט, מיט א געניאל ווערק, אין רעליגיע — מיט א נייער מתן תורה.

און דער עיקר, די קונסט איז מקיים דעם רעליגיעז־פסיכאלאגישן הויפט־געבאט — דעם בראשיתדיקן עיקר פון רעליגיע. די שמחת־תורהדיקע קריאת־התורה כאפט אריין דעם ערשטן קאפיטל בראשית, — מעג איך דא אודאי נאכאמאל דערמאנען דער תורס געניאלסטן פסוק „ויברא אלהים את האדם בצלמו". וואס איז קונסט, ווען ניט מענטש־באשאפונג דורך געשטאלטונג, דאס אויפשפילן בצלמו פארן מענטשנס אויגן א געשטאלט אין וועלכער זיך אריינצושפיגלען? דא איז די קונסט צום נאענטסטן צו רעליגיע. מענטש־געשטאלטונג איז אי רעליגיעז, אי וועלטלעך, וויל דורכאויס מענטשלעך. אלץ וואס א מענטש טראכט און פילט און חלומט — שלאגט אפ פון זיך א געשטאלט, וואס גייט אויף איבער אים און לעבט נאך שטארקער פון אים אליין און

חתמעט אים און זיין לעבנס־גורל. די קונסט טוט עס הונדערט־גראדיק, ניט פארן יחיד בלויז, נאר פארן גאנצן כלל.

און ווען די יידישע רעליגיעזיטעט און די יידישע קונסט וואלטן געווען ביי זייער פולן רוח הקודש, וואלט זייער נייע אנטפלעקונג איינגעש.אסן אין זיך א מעטאד, ווי אזוי צו מאכן ארבעטן אין דער היינטיקער צייט צום ווירקזאמסטן דעם בראשיתדיקן געבאט פון מענטשגעשטאלטונג, אויף צו פארכאפן קלאסן און מאסן.

אט ווען צו אט דער אחדות פון צוזאמענהויזן זאל צוקומען א שטיקעלע אמונה פון אחדות הבורא, פון ה׳ אחד, וואלט דאס פראבלעם פון דער היים־געגארטער יידישער אחדות, וואס זאל באנייען די יידישע נשמה גבורה, פון זיך אליין זיך געגומען לייזן.

אבער ווי קאן מען עס, אז די אומגלויביקע גלויבן פארט ניט אין גאט? דערויף איז שמחת תורה — זי וועט אויסלערנען.

מערקט, דער יום־טוב, וואס פייערט די שמחה מיט גאט, גייט ניט אויף גאטס נאמען, נאר אויף דעם נאמען פון דער תורה. דארף מען ניט זאגן, אז זי איז מער ווי גאט, נאר אז זי איז איינס מיט אים. און די תורה זאגט אויף זיך אליין, אז זי איז ניט אין מרחקים, ניט אין די הימלען, נאר אויף דער ערד — זי איז דער רעכטער לעבנס־וועג. און ווען יידן זיינען געזעסן אויף זייער אייגן לאנד, זיינען מצוות געווען לעבנס־מעשים, און ווען יידן האבן פארלארן דעם באדן אונטער די פיס, אויף וועלכן אויסצוטרעטן זייער לעבנס־וועג, זייער תורה — וואס איז דעמאלט געשען? זיי האבן די תורה, זייער לעבנס־וועג, פארביטן מיט דער ספר תורה, מיט א הייליקער כלי, וועלכע איז אבער געווארן א הויפט־שטיק פון זייער לעבן.

און דאס איז די גרויסע מעלה פון דער געטא. אנווערנדיק די מצוות וואס זיינען לעבנס־מעשים, האבן זיי סימבאלישע מעשים, נשמה־כלים, דערהויבן צו מצוות מעשיות, וועלכע זיינען געלעבט געווארן, און תורה איז ווידערמאל געווארן איינס מיטן לעבן. און די כלי איבער אלע כלים, די ספר תורה, איז ממש געווארן א לעבעדיקער וועזן, א נפש, אויף צו האלדזן און קושן זיך, זיך משמח זיין און טאנצן מיט איר. און ניט נאר אין פריידן, נאר אויך אין לײדן. צו איר פלעגט א מאמע פון א קינד, וואס איז קראנק געווען צום שטארבן, קומען זיך אויסטענהן, און די ספר תורה, ווי א לעבעדיקער וועזן, פלעגט רעדן און ענטפערן. און די מאמע פלעגט עס הערן. און פאר דער ספר תורה פלעגט מען זיך מקריב זיין אויף קידוש השם...

און דאָס איז דער גרויסער פּסיכאָלאָגישער אמת, וואָס די פרומע געטאָ־יידישקייט האָט אונדז אָנגעלעבט: אַז אַ נשמה דאַרף כּלים; פון הוילן נשמה־שטאָף דאַרף זי זיך אויסשמידן די כּלים, וואָס זאָלן דינען אי פאַר געפעסן, וואָס זאָלן זאַמלען דעם מסירת־נפשדיקן נשמה־שטראָם, אי פאַר קאַנאַלן, דורך וועלכע דער שטראָם זאָל פליסן צוריק אין מעשים אַריין.

און די כּלים — דאָס זיינען די אינסטרומענטן, וואָס אויף זיי, ווי אויף אַ פידל, שפּילט די נשמה אויף אירע שמחות, פון איר איבונג אויף די כּלים ציט די נשמה פון זיך אַליין פרייד און שטאַרקייט אַרויס. אַז מיר האָבן די כּלים אָנגעוואָרן, האָבן מיר ניט נאָר די שמחות אָנגעוואָרן, נאָר, וואָס נאָך ערגער — אונדזער נשמה־גבורה.

אפילו די פון די פרייע, די איידעלערע, ניט די חלב־פרעסער, וועלכע לאָזן צו גאָט, וואָס גאָט איז פאַר זיי דער געפיל פון היילִיגקייט, די שפּירונג פון אומענדלעכקייט, די פאַרוואונדערונג אויף דער וועלט־רעטעניש, די גאַרונג צו וויסן דעם קאָסמישן סוד — באַהויפּטן זיי, אַז גאָט איז צוגעגליִעך בלויז פאַר יחידי סגולה, פאַר אַן איינשטיינען, וואָס פאַרשט די ברעגן פון וועלט־באַשאַף, אָבער ניט פאַרן פאָלקס געברויך, פאָלק מאַכט פון גאָט עבודה זרה. און דערצו איז אָט דער גאָט פון די יחידי סגולה אוניווערסאַל, אַלוועלטלעך, אַלמענטשלעך, און עס איז אַ זינד צו מאַכן פון אים אַ נאַציאָנאַל־יידישן אייגנטום.

איך שרייב ניט קיין טעאָלאָגישן טראַקטאַט, נאָר וועגן אונדזער פּראַקטישער נויט פון היינט צו טאָג. אָט דאָ פאָדערט זיך אַ רעוויזיע. יידן זיינען טאַקע אַנדערש. נאָר ניט איינשטייפן זיך אויף אַנדערשקייט. יידן אַלס פאָלק האָבן גענומען דעם גאָט פון די יחידי סגולה, דעם אין־סוף, דאָס וועלט־רעטענעש, דעם אוניווערסאַלן, אַלמענטשלעכן גאָט, און אים געמאַכט פאַר דאָס הויפּט־געצייג פון זייער עקזיסטענץ. יידן האָבן גאָט פאַרוועלטלעכט. גאָט ביי יידן איז ניט אַנדערש פון דער תורה, זייער לעבנס־וועג. גאָט ביי יידן איז דאָס מענטשלעכסטע און וועלטלעכסטע, וואָס איז דאָ אין יעדן מענטשן, די עפּענונג צום אור־קוואַל פון לעבן. און אָנשפּאַרנדיק זיך אויף איר מיט דער גאַנצער משא פון זייער געשיכטלעכער עקזיסטענץ, האָבן זיי פון לעבנס אור־קוואַל אַרויסגעצויגן אַ שלל מיט לעבנס־גבורה, מיט גורל, מיט באַשערטקייט, און דאָס איז דאָס נאַציאָנאַל יידישע אייגנטום. און דאָס פאָלקס געברויכט די מצוות, די צערעמאָניעס, די לעבנס־שטייגערס, וועלכע אַנשטאָט צו ווערן עבודה זרה, זיינען גאָר די כּלים, וואָס צו־

זאָמען מיטן הויפּטגעצייג — גאָט — האָבן זיי געפּאָמפּט נאָכאַנאַנד לעבנס־גבורה. און די יחידי סגולה ביי אונדז, די אויסטרעטער פון לעבנס־וועג, די גאָט אַנטדעקער, די גאָט־אַנטפּלעקער, האָבן מקיים געווען גאָטס הויפּט־מצווה — מענטשן צו באַשאַפן אויף פאָלקס־מאָס־שטאָב, פעלקער־מאָסשטאָב, און דערמיט האָבן זיי אויסגעלייגט דעם וועג ניט נאָר פאַר דער יידישער געשיכטע, נאָר פאַר דער וועלט־געשיכטע.

אָט דעם גאָט, דעם גרעסטן יידישן האָרעפּאַשניק, דאַרפן מיר איצט איינשפּאַנען צו טאָן דינסט פאַר אונדז אין אונדזער דרינגנדיקסטער, פּראַקטישסטער נויט פון היינט צו טאָג — אָפּצורופן צום לעבן אונדזער איינגעדרעמלטע נשמה־גבורה אויף צו באַוועגן די פעלקער.

חנוכה ..

חנוכה — דער נאַטירלעכער נס

„אַט די ליכטעלעך, וואָס מיר צינדן אָן פון וועגן די נסים און וואונ־דער און רעטונגען אין די מלחמות, וואָס דו האָסט געטאָן צו אונדזערע עלטערן אין יענע טעג און אין אונדזער צייט... אַט די ליכטעלעך זיינען הייליק.

„זיי זיינען בלויז אויף אָנצוקוקן זיי, אום צו דאַנקען און לויבן דיין גרויסן נאָמען פאַר דיינע נסים און דיין רעטונג און דיינע וואונדערס.

„די גריכן זיינען אונדז באַפאַלן דעמאָלט, אין די טעג פון חשמונאים. זיי האָבן דורכגעבראָכן די ווענט פון אונדזערע פעסטונגען און האָבן פאַראומרייניקט אַלע בוימלען —

„און מיט די איבערגעבליבענע קריגלעך בוימל איז געשען אַ נס; און די קינדער פון פאַרשטאַנד האָבן באַשטימט אַכט טעג פאַר ליד און געזאַנג".

איך האָב זיך געפרעגט ווי אַזוי לעבט מען פאַרט, און ווי האַלטן מיר זיך אַלס אַ פאָלק אין סאַמע פייער פון דער סכנה? און דער ענטפער איז: מיר האַלטן זיך על פי נס! מ׳דאַרף קיין פינגער אין מויל ניט אריינלייגן און דערציילן אין וועלכן נס; דאָס פאָלק גלויבט און האָט געגלויבט אין דעם נס פון ארץ ישראל, די פרומע און פרייע צוגלייך. די פרומע האָבן דעם נס, וואָס דער רבונו של עולם דאַרף צושטעלן, און אים אַריבער־טראָגן אויף ארץ ישראל.

„און איר זאָלט פייערן דעם טאָג פון חנוכה דעם פינף־און־צוואַנציק־סטן אין חודש כסלו... און איר זאָלט אים פייערן ווי די טעג פון סוכות און ווי דעם טאָג, אין וועלכן נחמיה האָט געפונען דאָס הייליקע פייער, ווען ער איז צוריקגעקומען אויפבויען דעם בית־המקדש און אויפשטעלן דעם מזבח און ברענגען אויף אים בראַנדאָפּפערס און שלאַכטונגען צו גאָט.

„ווען אונדזערע עלטערן זיינען פאַרטריבן געוואָרן קיין פּרס, האָבן די הייליקע כהנים גענומען שטילערהייט דאָס פייער פון מזבח און האָבן עס פאַרבאַהאַלטן אין אַ טיפער טרוקענער גרוב, און קיינעם ניט אויסגעזאָגט וואו דאָס איז געווען.

און עס איז געווען אין ענד פון פיל טעג, און גאָט האָט געגעבן זיך גנאָד צו אונדז, און דער קעניג האָט געשיקט נחמיהן קיין ירושלים.

האָט ער מיטגענומען אייניקע פון די קינדער פון די כהנים, וואָס האָבן פאַרהוילן דאָס פייער, און ער האָט זיי געשיקט עס אויפזוכן.

„אָבער ווי ס'ווערט דערציילט, האָבן זיי דאָס פייער ניט געפונען. אָנ־שטאָט פייער, איז דאָרט געווען פאַרפרוירן וואַסער. האָט נחמיה באַפוילן צו שעפּן דאָס וואַסער און עס ברענגען. און בשעת מ'האָט מקריב געווען דעם קרבן צו גאָט, האָט נחמיה געהייסן גיסן דאָס וואַסער אויפן האָלץ און דעם קרבן, וואָס אויפן מזבח. און זיי האָבן אַזוי געטאָן.

„ווי נאָר זיי האָבן פאַרענדיקט, אַזוי האָט די זון זיך באַוויזן, און די וואָלקנס זיינען צעטריבן געוואָרן, און דאָס הייליקע פייער האָט זיך פאַנאַנדערגעפלאַקערט אונטערן קרבן — און דאָס פאָלק איז געווען דער־שטוינט. און די כהנים און דאָס פאָלק זיינען געפאַלן אויף זייערע גע־זיכטער און האָבן זיך געבוקט, ביז דער אָפּפער איז פאַרצערט געוואָרן".

(חשמונאים ב׳, א׳, כ״א—כ״ט).

נו, אין דעמזעלבן נס גלויבן מיר דאָך אויך. און אַ סברה, אַז מיר זיינען ניט קיין ערגערע יידן פון זיי. האָבן די פרומע און די פרייע אַרויס־געפּרעסט אַ שטיק פון דעם גלויבנס־רעזערוו, וואָס אַ דאַנק זיי האָבן מיר איבערגעלעבט אַלע סכנות. טאַקע צוליב די אומאויפערלעכע סכנות, האָט דער ייד אָנגעזאַמלט זיין ריזיקן רעזערוו פון גלויבנס־גבורה, וואָס האָט אים געדינט און דינט ווי אַ פּאַנצער פון זעלבסט־שוץ.

איצט, ווען יידן גייען ווידער דורך אַ סכנותדיקן, אפשר דעם סכנותדיקסטן מאָמענט אין זייער געשיכטע, האָט דער פּאַנצער זיך אָפּ־גערופן. ניט געווני אין דיזעלבע פאָרמעס ווי אַמאָל, אָבער עס איז גאָר קיין ספק ניט, אַז דער פּאַנצער איז אין דער אַרבעט — און אַ נס איז ווידער געשען.

„עס קומט די צייט, ווען גאָט וועט פאַרגיטיקן אייערע שווערע ליידן. נאָענט איז דער סוף". דאָס זיינען די חנוכה־דרשות, וואָס ראַבאַיס פלעגן האַלטן די גאַנצע וואָך חנוכה. און זיי האָבן זיכער פאַרענדיקט מיט אַ ברכה אין העברעאיש אויף דעם נס חנוכה, וואָס איז אַמאָל געשען און וועט נאָכאַמאָל געשען.

און סך־הכּל זיינען מיר טאַקע אַלע צוזאַמען — פרומע און פרייע, רעכטע און לינקע — צוקונפט־פאַרגלויבטע, יורשים פון ריזיקן ידישן גלויבנס־פאַרמעגן. אָבער ביי אונדז, די ניט־פרומע, איז דער גלויבן אין אַ פאַראַליזירטן צושטאַנד. פאַראַליזירט, ווייל אינערלעך ניט אָרגאַניזירט. און וואָס עס איז ניט אָרגאַניזירט — דעגנערירט, ווערט צעשטויבט און

צופלאָסן, פאַרקרימט און פאַרלאָמט. פאַרטאַכלעווען מיר אונדזער גלוי־בנס־פאַרמעגן אָן קאָנטיקער פּעולה. מיר קאָנען פון אים קיין פּאָזיטיוון געברויך ניט מאַכן אויף אַ גרויסן שטייגער.

די קינסטלערישע אייגנשאַפט פון פרומען יידישן לעבנס־שטייגער איז ביז איצט פאַרזען געוואָרן. עס גילט נאָך עד היום די משכיליש־אַפּי־קורסישע מיינונג, אַז די תרי״ג כלים, וואָס אַלע צוזאַמען זיינען זיי געווען אַ לעבעדיקער אַפּאַראַט, וואָס האָט געשעפט פאַר יעדן יידן פון דער יידישער נשמע־שפע, איז געווען ניט מער ווי אַ פאַרביינערטע, פאַרשטיינערטע שייד, אין וועלכער דער ייד האָט באַהאַלטן זיין נשמה צו באַשיצן זי קעגן די אָנפאַלערס פון דרויסן — פּונקט ווי דאָס ים־חיהלע באַהאַלט זיך פאַר שווץ אין איר קאַלך־שעלכל, און די שייד דאַרף אַרונטערגעריסן ווערן, ווייל אַ „מיאוסקייט״ פאַר די אויגן, אזוי גיך ווי די גרויסע ים־חיה — דאָס יידישע פאָלק — טרעט ארויף אויף דעם שיינעם ברעג פון דער שכלדיקער ציוויליזאַציע. „אָפּשטויסנד זיינען זיי אין דער גע־שטאַלט פון תמימותדיקן גלויבן״. דאָס האָט געשריבן וועגן די כלים איינער פון די פירענדיקע יורשים פון די משכילים, אַפּיקורסים.

אָבער מיר זיינען נאָך ניט פאַרטיק מיטן חשבון פון דער ירושה. עס איז געווען נאָך מער קינסטלערישקייט אין דעם ספּעקטאַקל, וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן פון פרומען יידישן לעבנס־שטייגער.

די אַלע, וועלכע קאָנען קיין אָרט ניט געפינען — ניט אין דער פרו־מער שול און ניט אין רעפאָרם־טעמפּל — די אַלע פרעגערס און זוכערס ענטפערן מיר, אַז דער איינציקער אויסוועג פאַר זיי אַלעמען איז — אַ רעליגיעזער ספּעקטאַקל.

אַ רעליגיעזער ספּעקטאַקל וועט זיי אויסלייזן פון זייער אומבאַפרי־דיקטקייט און וועט זיי פאַרבייטן דעם צערעמאָניאַל פון דער פרומער שול, מיט וועלכער זיי קאָנען זיך מער ניט איינלעבן; וועט זיי געבן דאָס, וואָס דער טראַדיציאָנעלער צערעמאָניאַל פלעגט זיי אַמאָל געבן — אַ וואַרעמע שפּירונג פון גאָט; דאָס, וואָס דאָס קאַלטע זאָגעכץ פון דעם טעמפּל־ראַבי קאָן בשום אופן ניט דערלאַנגען — אַ יום־טובדיקן פאַראַד אין דער נשמה.

קינסטלערישקייט און דראַנג צו שאַפן געשטאַלטן — און דער ספּעק־טאַקל האָט געהאַט אַ העלד דעם אויסלייזער פון פאָלק. דער באַפרייער איז ניט קיין אַנדער זאַך, ווי בלויז די פאַרגעשטאַלטיקטע טעריטאָריע של מעלה, וועלכע איז ווידער ניט קיין אַנדער זאַך ווי נאָר די באַצייכנונג פון דער גאַנצער יידיש־געשיכטלעכער טראַדיציע.

און דער באַפרייער מתתיהו, אַליין אַ העלד־געשטאַלט, רופט אַרויס אין עת־צרה געשטאַלטן פון דער געשיכטע זיי זאָלן ראַטעווען דאָס פאָלק ישראל.

„און ווען מתתיהו איז אַלט געוואָרן און ער האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן, האָט ער צוגערופן זיינע זין און ער האָט געזאָגט צו זיי: „אַ צייט פון צרות און שטראָף — דעריבער שטייט אויף מיינע זין" נעמט זיך פאַר דער תורה פון אונדזער גאָט, שטעלט אייער לעבן אין געפאַר און האַלט אָן דעם בונד פון אונדזער גאָט. געדענקט די טאַטן, וואָס אונדזערע פאָרעלטערן אין פאַרצייטיקע טעג האָבן געטאָן; און זייער נאָמען און פראַכט וועלן אַפגעהיט ווערן אויף אייביקע דורות.

„אברהם, אונדזער פאָטער, איז אויסגעפּרובירט געוואָרן און ער איז בייגעשטאַנען דעם נסיון, און ער האָט געגלויבט אין גאָט און דאָס איז אים פאַררעכנט געוואָרן פאַר רעכטפערטיקייט.

„יוסף האָט געהיט גאָטס אָפּהיטונג אין צייט פון זיין אומגליק און ער איז געוואָרן אַ הערשער אין מצרים.

„פנחס, אונדזער פאָטער, האָט זיך איינגעשטעלט פאַר אונדזער גאָט און ער האָט געקראָגן דעם בונד פון אייביקער כהונה.

„יהושע האָט אויסגעפילט, וואָס גאָט האָט געבאָטן און ער איז געוואָרן אַ הויפּט און פירער ביי יידן... דוד איז געגאַנגען אין רעכטפערטיקן וועג און ער האָט באַקומען דאָס יידישע קעניגרייך פאַר אַן אייביקן אַרב.

„אליהו האָט געאייפערט פאַר גאָט און ער איז אַרויף אויפן הימל.

„חנניה, מישאל און עזריא האָבן זיך פאַרלאָזט אויף גאָט, זיינען זיי געראַטעוועט געוואָרן פון ברענענדיקן קאַלכאויוון.

„אויך דניאל אין דער ערליכקייט פון זיין האַרצן איז געראַטעוועט געוואָרן אין לייבנגרוב...

„דעריבער אויב איר וועט זיך פאַרטראַכטן וועגן די יאָרן פון דורות און דורות, וועט איר פאַרשטיין, אַז דער, וואָס פאַרטרויט זיך אויף גאָט, וועט אים גנאָד אַרומרינגלען. און איצט שרעקט זיך ניט פאַרן צאָרן פון מוטווייליקן, וואָרום זיין גאַנצע ערע איז... ווי מיסט פון פעלד.

„דעריבער, מיינע זין, נעמט זיך אָן מיט מוט און שטאַרקט אייער האַרץ אין גאָטס תורה און ער וועט אויפהויבן אייער האָרן" (חשמונאים א, ב, ג־ס"ו).

ווי אַזוי האָט מתתיהו באַווירקט זיינע זין און אויפגעמונטערט זיי

צום קאַמף! דורך אַרויסרופן געשטאַלטן פון ידישע העלדן פון אַלע דורות.

דער פרומער ידישער לעבנס־שטייגער האָט כסדר איבערגעשפּילט: די גאַנצע יידישע געשיכטע פון סאַמע ערשטן „בראשית”, ביז דעם איצ־טיקן טריאומפאַלן פינאַל; דער אַנזאָגער אויפן „אחרית הימים” און גאולה ווערט פערסאָניפיצירט, אַריינגעטאָן אין אַ געשטאַלט פון אַ באַפרייער, העלד, קעמפער, ווי מתתיהו דער כהן, יהודה דער מאַקאַבייער — און משיח.

און אַ דאַנק דעם איז דער גאַנצער פסיכישער קיום־נצחון־קאַמפּלעקס לייכט שפּילבאַר געוואָרן. „און די קינדער פון פאַרשטאַנד האָבן באַשטימט אַכט טעג פאַר ליד און געליכט, ליד און שפּיל!

און גלויבן אין ניסים!

נסים פֿון אַמאָל, וואָס זיינען שוין היינט מער קיין נסים ניט

חנוכה האָט אַ נס פֿאַר דעם פֿרומן יידן — דאָס טראָפּעלע בוימל, וואָס האָט געברענט אַ וואָך נאָכאַנאַנד; און אַ נס פֿאַר דעם נאַציאָנאַל־יידן — דער נצחון פֿון אַ טראָפּעלע גייסט איבער אַ מוראדיקן פֿיזישן כוח.

פֿונדעסטוועגן קענען מיר ניט ווייניק יידן, וואָס פֿייערן ניט דעם טאָפּעלטן נס חנוכה. אייניקע — אַ סך אַזעלכע! — דערפֿאַר, ווייל זיי וואָלטן גריילעך געוואָלט גלויבן אין נסים, אָבער וואו זיינען זיי?

אַלץ נסים פֿון אַמאָל, אָבער וואו זיינען די נסים היינט?

טאָ לאָמיר רעדן וועגן נסים — אפשר וועלן מיר זיך צו זיי דערריידן.

איז צוערשט לאָמיר פּרואוון אַוועקנעמען דעם פֿאָראורטייל, די אַבער־גלויביקע שרעק פֿאַר נסים — עס איז נישטאָ זיך וואָס צו שרעקן!

וואָס איז אַ נס — אַן איבערנאַטירלעכע, אַ קעגן־נאַטירלעכע זאַך? ניין. עס איז ניטאָ אַזאַ זאַך, ווי איבערנאַטירלעך, אָדער קעגן־נאַטירלעך.

אַ נס איז ניט איבערנאַטירלעך און ניט קעגן־נאַטירלעך. עס איז אין דער נאַטירלעכער אָרדנונג פֿון די געשעענישן. זאָל אַ נס געשען פֿאַר אונדזערע אויגן — זאָל אַ קריגעלע בוימל זיך אָנצינדן און ברענען גאַנצע אַכט טעג; זאָל אַ הייליקער געבן אַ צייכן מיטן קליין פֿינגערל, און דער שונא זאָל פֿאַלן אַ טויטער צו אונדזערע פֿיס.

דערויף דאַרף מען שטאַרקע נסים! אָבער לייגט צו קאָפּ, פּרואווט עס וועלן פֿאַרשטיין, פּרואווט עס דערקלערן — וועט דער קאָפּ אייערער זיך גריבלען, גריבלען, זוכן נישטערן, און ער וועט סוף־כל־סוף זיך דער־נישטערן צו אַ נאַטירלעכער דערקלערונג. טונקט־אָפּ דעם קאָפּ אין אַ נס, וועט דער נס פּלאַצן, און עס וועט אַרויסשפּרינגען אַ נאַטירלעכע דער־שיינונג. אַזוי איז אונדזער קאָפּ געבויט: ער נאַטוראַליזירט דערשיינונגען; ער קאָן אַנדערש ניט. דערקלערן, מיינט געפֿינען ענלעכקייטן, פֿאַרבינ־דונגען, שטופֿנווייז דערפֿירן צו דער דערשיינונג, ביז זי ווערט אונדז פֿאַרשטענדלעך — נאַטירלעך פֿאַראַליזירן איינעם דורך אַ בליק — אַמאָל איז דאָס געווען אַ נס; היינט איז דאָס נאַטירליך — היפּנאָז. עס איז נישט אַנדערש געוואָרן; עס איז נאָר פֿאַרשטענדלעכער געוואָרן.

די וואונדערלעכע דערשיינונג האָט זיך אויף אַ האָר ניט געענדערט — נאָר דער קאָפּ האָט זיך צו איר צוגעפּאַסט; ער האָט זיך צוגעוואוינט.

די נאַטור איז פון קאָפּס אָפּשטאַמונג. זייער מעגלעך, אַז די וועלט איז כולה נסים, אַן איינשטייניש וועלט, נאָר ווייל מיר טונקען אין איר דעם קאָפּ, ווערט די וועלט פון כולה נסים — נאַטור! אפשר איז גאָר הייזענבערג גערעכט — און אַזויפיל פּראָפעסאָרן זאָגן, אַז ער איז אוודאי גערעכט! — אַז עס זיינען גאָר ניטאָ קיין פעסטע אייביקע געזעצן. און די געזעצן, וואָס מיר זעען יאָ אין דער נאַטור, זיינען מענטשלעך־געמאַכטע, מענטשלעך־געדאַכטע, אויסגעטראַכטע; כדי צו געפינען געזעצן אין דער נאַטור, דאַרף מען אַרויסרייסן אַ שטיקעלע פון איר, וויפיל דער מענטשלעכער קאָפּ קאָן פאַרדייען און דאָס איבעריקע, דאָס אומפאַרדייבאַרע, זיך מאַכן ניט זעענדיק...

דאָס „אויג און קאָפּ" מאַכט די נאַטור מיט איר געזעצן; און דאָרט וואו דער קאָפּ מיט זיין נאַטוראַליזירנדיקן אויג גרייכט ניט — דאָרט בלייבט הערשן די איינשטייניש פון געזעצן ניט־באַהערשטע וועלט פון כולו נסים.

אַלזאָ, פאַר דער נאַטור, מיט אירע געזעצן, וואָס דערלויבן ניט קיין נסים, איז דער מענטשלעכער קאָפּ שולדיק; דער קאָפּ, מיט זיינע אויגן אין קאָפּ, וואָס זעען נאָר אַ ברעקעלע פון אַ ברעקעלע...

און די געזעצן, וואָס דערלויבן קיין נסים ניט, זיינען נאָר פאַר דער באַקוועמלעכקייט פון מענטשענס קאָפּ, וועלכער קאָן ניט באַנעמען אַ „ניט־געזעצטע" — אומגעזעצלעכע וועלט; די קורצזיכטיקייט פון די אויגן אין קאָפּ מאַכט די געזעצן.

נעמט אַוועק דעם מענטשנס קאָפּ, אָדער פאַרגעסט צו טראַכטן וועגן זיין באַקוועמלעכקייט, פאַרוואַרפט זיינע געוואוינהייטן — און זעצט אַריין אין קאָפּ, אַנשטאָט אויגן, אומענדלעך דערנעענטערדיקע טעלעס־קאָפּן, אָדער אומענדלעך פאַרגרעסערענדיקע מיקראָסקאָפּן — וואָלט גע־וואָרן אויס מיט די געזעצן, וואָס דערלויבן קיין נסים ניט — און די וועלט וואָלט געוואָרן וואונדער איבער וואונדער, אַ נס אויף אַ נס.

און אַזוי איז עס טאַקע. עס שווימלט און גריבלט מיט נסים. נסים טאַנצן אונדז אין די אויגן — און מיר זעען זיי ניט. און חלילה, ווען מיר וואָלטן זיי דערזען, וואָלט געווען אַך און וויי צו אונדז. מיר וואָלטן בלינד געוואָרן אויף די אויגן, און דער קאָפּ וואָלט זיך אונדז געשפּאָלטן.

איז דאָך שוין בעסער, וואָס אונדז דוכט זיך, אַז עס זיינען דאָ געזעצן, וואָס דערלויבן ניט קיין נסים.

פון דעם אַלעמען איז געדרונגען, אַז ווייל מיר טראָגן פאַרט אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס און האָבן דאָך אויגן אין קאָפּ — אויגן, וואָס זיינען ניט בלינד, נאָר קורצזיכטיק — טאָ זאָל שוין זיין, אַז נסים זיינען נישטאָ.

אָבער, ווי אויבן שוין דערקלערט, ריכטיקער וואָלט געווען צו זאָגן, אַז נסים זיינען דאָ, נאָר ווען מיר לייגן צו דעם קאָפּ צו זיי און מיר דערנענטערן זיך מיט אונדזערע קורצזיכטיקע אויגן — פאַרוואַנד־לען זיך די נסים, פאַר אונדזערע באַקוועמלעכקייטן, איז נאַטור־דערשיינונגען.

קערן מיר זיך אום צו דעם טאָפּלטן חנוכה־נס:

זאָל זיין, איר אומגלויביקע, אַז עס איז געווען אַזאַ נס — אַ קרי־געלע בוימל האָט זיך ניט פאַרלאָשן פאַר אַכט טעג צייט — אַ נס, יאָ? אָבער ווען אַ היינטיקער געלערנטער קאָפּ וואָלט זיך צוגעלייגט צום קריגעלע, וואָלט ער זיך געגריבלט און געגריבלט, געזוכט און געניש־טערט, ביז ער וואָלט זיך דערנישטערט צו דער נאַטירלעכער דערקלע־רונג פון דעם נס. צום ביישפּיל, דער היינטיקער געלערנטער וואָלט גע־זאָגט, אַז נישט דאָס בוימל האָט געברענט, נאָר זיי האָט זיך געדוכט, אַז עס ברענט — דורך היילינקן זעלבסט־היפּנאָז.

טאָ לאָמיר זיך ווענדן צום צווייטן חנוכה־נס ווי אזוי, דאָס הייפעלע מאַקאַבייער האָבן, מיט דעם כוח פון גייסט, גובר געווען אַ הונדערט מאָל שטאַרקערע גריכישע אַרמיי.

איצט שטעלט איך פאַר אַ נס: ווען דאָס הייפעלע גבורים האָבן זיך געשלאָגן געפירט פון די מכבים, האָבן זיי פלוצלינג אין מיטן שלאַכט דער־הערט דאָס זינגען פון די לויים אין בית המקדש. און דאָס האָט אָנגעצונדן זייערע נשמות מיט אַזאַ התלהבות, אַז די שווערדן פון שונא זיינען פאַר זיי קיין שווערדן ניט געווען, זייערע שפּיזן קיין שפּיזן ניט, זיי האָבן ניט געשפּירט ניט קיין וואונדן, ניט קיין טויט — יעדער ייד אַ לייב — און אזוי האָבן זיי מנצח געווען.

אַ נס! אָבער ווען אַ געלערנטער קאָפּ פון יענער צייט וואָלט זיך צוגעלייגט צו דעם נס, וואָלט ער געטראַכט און געטראַכט, און נאָך 2,000 יאָר זיך דערטראַכט צו דער היינטיקער נאַטירלעכער דערקלע־רונג דורך ראַדיאָ־כוואַליעס.

און דער רוים אַרום אונדז איז נאָך היינט־צו־טאָג אָנגעפּיקעוועט מיט אַזעלכע נסים, וואָס דאַרפן וואַרטן אויב ניט 2,000 יאָר, איז לכל הפחות 200 יאָר אויף זייער נאַטירלעכער דערקלערונג.

היוצא מדברינו: נסים זיינען דאָ — און זיי זיינען נסים, כל זמן מען

דערקלערט זיי ניט אויף אַ נאַטירלעכן אופן. און אַז מען האָט זיי שוין דערקלערט אויף אַ נאַטירלעכן אופן, בלייבן זיי נאָך אַלץ נסים, וואָרום ווי איך האָב אויבן געזאָגט, — די נאַטירלעכע דערקלערונג איז נאָר אַ צוגאָב פון מענטשלעכן קאָפּ.

דערווייל קען מען ניט זאָגן, אַז נסים זיינען איבערנאַטירלעך אָדער קעגן־נאַטירלעך.

אַזוי ווי איר האָט געזען, אַז נסים פון אַמאָל ווערן די נאַטירלעכקייטן פון היינט, דאַרפט איר צולאָזן אין געדאַנק, אַז נסים זיינען אויך היינט־צו־טאָג מעגלעך. איר דאַרפט צולאָזן די מעגלעכקייטן פון געשעענישן, וואָס איבערשטייגן פאַרלויפיק אייער באַגריף, אייער היינטיקע קאָפּ־פאַר־שטעלונג וועגן דער נאַטור.

אַך, ווי מיר נויטיקן זיך אין זיי — פאַרוואָס זאָלט איר זיין אַזעלכע דם־שונאים פון נסים — זיי דאַרפן, זיי מוזן, זיי וועלן געשען.

דריי דרינגענדיק־נויטיקע נסים שטייען היינט־צו־טאָג אויף דער אַלוועלטלעכער יידישער טאָג־אָרדנונג — אַ נס אין ארץ ישראל, אַ נס אין רוסלאַנד און אַ נס אין אַמעריקע — איך דאַרף אייך ניט זאָגן, וועלכע נסים איך מיין. איר וועט אַליין צוגעבן, אַז זיי וואָלטן געוועזן אמתע נסים.

אַלזאָ: קען מען ניט און מען דאַרף ניט זאָגן, אַז נסים זיינען איי־בערנאַטירלעך אָדער קעגן נאַטירלעך. זאָלן זיי נאָר געשען — לאָזט זיי געשען — איר וועט שוין מאַכן זיי פאַר נאַטירלעך. וואָרום די גאַנצע נאַטור איז אייערע אַן „אייגענע געמאַכטע".

לכן, לייקנט ניט אין קיין נסים! אויסצודריקן זיך קורץ און שאַרף — זאָגט: נסים געשעען אויף אַ נאַטירלעכן אופן.

דער נס חנוכה

„ווען די געצנדינער זיינען אריין אין בית־המקדש האָבן זיי פאַראומ־רייניקט אַלע בוימלען, און אַז די חשמונאים זיינען שטאַרק געוואָרן און האָבן זיי באַזיקט, האָבן זיי אונטערזוכט און געפונען בלויז איין קריגל בוימל, וואָס איז געווען פאַרזיגלט מיט׳ן שטעמפּל פון כהן גדול און ער האָט געהאַט בוימל בלויז צו ברענען איין טאָג; האָט פּאַסירט אַ נס און עס האָט געברענט אַכט טעג. אויפ׳ן קומענדיקן יאָר האָט מען באַשטימט די טעג פאַר ימים־טובים מיט הלל זאָגן און דאַנק־זאָגן".

ווען מיר וועלן אריינקוקן אין קריגעלע בוימל, וואָס האָט געברענט, וואָס וועלן מיר דערזען, בוימל? — ניין דעם נס פון אמונה, וואָס ברענט און לעשט זיך ניט אויס. און אַז אַט דער נס האָט זיכער אריינגעשפּילט אין נצחון פון חשמונאים איז דאָך גלייך צו זען, אַז אמונה איז אין קיין סתירה ניט מיט קיום האומה, און ביידע איינס. פון אמונה קומט מען צו אומה און פון אומה צו אמונה.

און וויבאַלד אמונה שליסט שוין במילא איין קיום האומה, איז ווירק־לעך קיין גרענעץ ניטאָ צווישן רעליגיעזיטעט און וועלטלעכקייט. אַלץ וואָס דינט צו קיום האומה איז וועלטלעך און קען איבערגיין אין רעליגיעזי־טעט, און פאַרקערט אויך.

און אין נס חנוכה, איז אויך איינגעשלאָסן דער סוד פון גאָט־גלויבן, — אַז מען איז מקריב מענטש, זיך אַליין, ווי מתתיהו און זיינע זין האָבן עס געטאָן — דינט מען גאָט; אָבער אַז מען איז מקריב דבר אחר, ווי אנטיוכוס האָט געבאָטן — ווערט פון גאָט אָפּגאָט, און עבודת הבורא ווערט עבודה זרה.

ס׳איז קיין שפּאַלטונג צווישן אמונה און אומה אויך שפּעטער ניט געווען, ווען די חשמונאים זיינען פאַרדאָרבן געוואָרן און זיי האָבן אויס־געלאָשן אין זיך דעם אמונה־פלאַם פון מתתיהו און זיי זיינען געוואָרן שפּילער און שפּילצייג, מאַכט־פּאָליטיק — און די יידישע גייסטיקע פּי־רער איז קלאָר געוואָרן, אַז ארץ ישראל וועט ניט אויסהאַלטן די באַלאַ־גערונג פון די מעכטיקע שונאים — האָבן זיי דעם נס פון די חשמונאים פאַרביטן מיט דעם נס פון אמונה און זייער געפייערטן נצחון מיט בטחון

אין נצחון. כדי צו קאָנען אָנהאַלטן דעם קיום האומה — אַן ארץ ישראל, אַן מלוכה און אַן חשמונאים־דינאַסטיע. זיי האָבן דאָס קריגעלע בוימל איבערגעאַרבעט אין אַ גאַנצן גלויבנס־אַפּאַראַט, אין וועלכן שפּעטער מיט־צונעמען דעם נס חנוכה אויף אַלע יידישע וואַנדערונגען דורך צייטן, לענדער און פעלקער.

וואָס איז דעם יידנס גאָט? דאָס לעמפּעלע אויפן יידנס פּסיכי־שער דינאַמאָ — דאָס פּייערל, וואָס פלעמלט זיך אויף, ווען אונדזער גלויבנס־אַפּאַראַט איז אין דער אַרבעט. גאָט איז דער צייכן, אַז עס מערט זיך און זאַמלט זיך אין אונדז גלויבנס־גבורה — דער ווייזער אויף דער מאָס, שפּאַנונג און טעמפּעראַטור פון אונדזער גלויבן. גאָט איז דאָס נשמה־ליכטל — דאָס חנוכה ליכטל, וואָס צינדט זיך אָן, ווען אונדזער נשמה־הויז ווערט באַנייט דורך אַ פרישער אָנשפּאַנונג פון גלויבן. און דאָס ליכטל ווערט אַ גרויס ליכט, אַ פלאַם, אַ הייליקע שרפה, וואָס מער קרבן און מסירת נפש מיר טוען אריין אין אונדזער גלויבן. גאָט איז דער פאַרהייליק־טער, פאַרגעטערטער נס פון קיום על בלימה — פון דעם נס מיטן קריגעלע, פון דעם נס פון גלויבן אין גלויבן. אין לעצטן סך־הכל, וואָס איז גאָט? — די פלאַמיקע חתימה אויף דעם ריזיקן רעזערוו פון דער יידישער גלויבנס־גבורה. דער שם הויה מיט וועלכן אונדזער אייגענע לעבנס־ענערגיע האָט זיך אַ נאָמען געגעבן, אָדער אין די ווערטער פון יידיש־פראַנצויזישן סאָציאָלאָג עמיל דורקהיים — גאָט איז דער קאָנ־צענטרירטער לעבנס־ווילן פון אַ פאָלקס־געמיינשאַפט. אמת איז עס פאַר יעדן פאָלק, וואָס האָט אַ טעריטאָריע, אַ מלוכה, ווי אַן אָנהאַלט פאַר זיין קיום. בפרט איז עס אמת פאַר׳ן יידישן פאָלק, וואָס קיין אַנדער אָנהאַלט פאַר זיין קיום, אויסער זיין גאָט־גלויבן האָט עס ניט געהאַט. וואו נאָך אַ פאָלק וואָס זאָל אָנטרויען זיין גאַנצן גורל צו גאָט?

און ווען גאָט איז ניטאָ ביי יידן, איז זיין רעזערוו פון גלויבנס גבורה פאַרחתמעט, פאַרזיגלט און פאַרריגלט.

וואָס איז געווען דער זין פון דעם אויפטו פון די תנאים צו פאַרבייטן דעם נס פון זיג מיטן קריגעלע בוימל? איז עס געווען דערפאַר, ווייל זיי האָבן געוואָלט אויסמעקן פון פאָלקס זכרון די זינדיקע לעצטע חשמונאים? אָדער ווייל נאָכן צווייטן חורבן איז זיי ניט איינגעגאַנגען צו הערן וועגן אויפשטאַנדן און מלאך־המות? דאָס און נאָך מער; דאָס האָבן זיי גע־גרייט דאָס פאָלק אין וועג אריין, דאָס קריגעלע בוימל איז געווען צידה לדרך פאַר אַ נסיעה דורך 2,000 יאָר. אין ערשטן 70־יאָריקן גלות האָט ירמיהו מיטגעגעבן דעם פאָלק אַ קלאָג־ליד; אין צווייטן וועלט־ברייטן

70־דורות לאַנגן גלות, האָבן די תנאים אים מיטגעגעבן דעם נס פון אמונה: — אויף דעם נס פון אמונה וועסטו זיך האַלטן אויף דער וועלט ביז צום נס פון אַלע נסים פון דער גאולה. האָבן די תנאים מיטן קריגעלע בוימל אַריינגעקלאַפּט אין פאָלקס געשיכטלעכן זכרון.

אין אָט דער 2,000־יאָריקער מחלוקה צווישן נס פון די חשמונאים און נס פון קריגעלע בוימל איז שוין פאַרלייגט געוואָרן די זריעה פון אַלע אונדזערע הייניקע מחלוקות.

איז חנוכה מיט אירע צווי נסים — דער נס פון די חשמונאים און דער נס פון בוימל. צווישן זיי איז נאָר אויבן־אויף אַ מחלוקה געווען. אין דער אמתן האָבן די צווי נסים איינער דעם אַנדערן דערגאַנצט. צווישן די צווי נסים איז דער נס פון 2,000־יאָריקן יידישן קיום. דער יידישער גורל האָט זיך אַרויסגעוויקלט פון ארץ ישראל, כדי זיך צונויפוויקלען מיט דעם גורל פון גאָר דער וועלט, כדי אין צונויפגעוויקלטקייט מיט דער וועלט צוריק זיך פאַרוויקלען מיט ארץ ישראל.

דאָס איז געווען דער אויפטו פון די תנאים. שוין אין דער אמונה פון מתתיהו הכהן, וואָס האָט זיך איבערגעגעבן אין דער גבורה פון יהודה המכבי, איז ניט דער נאַציאָנאַלער לאַנד־גאָט, נאָר דער אַל־פעלקערלע־כער, מענטשלעכער וועלט־גאָט, ווי ער איז אַרויפגעאַרבעט געוואָרן פון די נביאים, געווען אין דער אַרבעט. וואָס האָבן די תנאים געטאָן? איינזעענדיק, אַז קיין אויפשטאַנדן און מלחמות וועלן ניט העלפן, כל־זמן ארץ ישראל איז באַלאַגערט פון אַ וועלט מיט שונאים, און פאַראויסזע־ענדיק די יידישע וועלט־צעשפּרייטונג, האָבן זיי אייגעפונדעוועט דעם יידישן קיום אויף דעם נס פון אמונה — ביז צום נס פון אַלע נסים.

זעען מיר: ווען די וועלט איז ראוי געוואָרן פאַר דעם נס פון אַלע נסים, וואָס די תנאים האָבן פאַראויסגעזען, זיינען אַלע דריי באַשטאַנד־טיילן פון יידישן נשמה־אַפּאַראַט — ארץ ישראל, וועלט, גאולה — גע־וואָרן ענערגיע־צאַפּנס.

דער ענטפער איז אַ ספּיריטועלער, אַ רעליגיעזער. וואָס אויפן אונ־טערשטן מאַטעריעלן פלעין זעט אויס ווי סתירות, זיינען אויפן אויבערשטן רעליגיעזן פלעין קיין סתירות ניט. די „איינקייט", וואָס מען זוכט אונטן, איז אויבן. רעליגיע איז אַן איינשטעל אויף סתירות; אַ געוועלב, וואָס האַלט די סתירות צוזאַמען; די פאַראויסכאַפּונג פון אַ צוקונפטיקן מאָ־מענט, ווען אַלע סתירות וועלן זיך אויסגלעטן און אויסגלייכן.

דער מאָמענט איז שוין פאַראויסגעזען געוואָרן פון די תנאים, וועל־

כע האָבן אַלע אונדזערע היינטיקע סתירות צונויפגענומען אין איין גאַנצקייט — אַלץ וואָס געהערט צו אונדזער נשמה־אַפּאַראַט, אונדזער כח־דערלאַנגער — ארץ ישראל, וועלט, וועלט־רעליגיע — דאַרף געבראַכט ווערן אין באַוועגונג. ארץ ישראל דאַרף געמאַכט ווערן פאַר דעם אויס־גאַנג־פונקט פון אַ רעליגיעזער וועלט־מאַניפעסטאַציע. דעמאָלט וועט זיך אָפּרופן די גאַנצע ענערגיע, וואָס מיר האָבן אָנגעזאַמלט דורך אַלע דורות.

דערויף זיינען אָנוויזן די צוויי נסים פון חנוכה. צו אַ צוזאַמענ־שפּיל פון נס פון די חשמונאים און נס פון אמונה דאַרפן מיר ברענגען...

גיט קינדער חנוכה־געלט, ווعט איר פאַר־שפּאָרן קריסטמעס מתנות

האָט איר שוין צוגעגרייט פאַר אייערע קינדער אַ קריסמעס־פּרע־זענט? ווי קאָנט איר עס האָבן האַרץ אָפּצוזאָגן אייער זעקס־יאָריקער מיידעלע אַ פּרעזענט, ווען זי איז ערשט אריינגעלאָפן מיט אַזאַ גדולה: זי איז פריי אויף קריסמעס!... און זיי האָבן געהאַט אַן אַסעמבלי. און די טיטשער האָט גערעדט, און די סקול איז געווען אויסגעפּוצט מיט בלומען, און עס איז אַזאַ האָלידעי... אַלע קינדערלעך געזונגען...

און זי וואַרפט אייגעלעך אַרום. צי דעם טאַטנס סאַנטאַ־קלאָז האָט שוין געבראַכט די פּרעזענטן!...

און ווען איר מאַכט זיך אַ האַרץ פון אַ גזלן און גיט אייער מיידעלע קיין פּרעזענטן ניט לכבוד קריסמעס, וועט איר דאָך ניט אָפּזאָגן איר זי זאָל געבן צושטייער ווען אַלע קינדערלעך צוזאַמען ווילן אונטערטראָגן דער טיטשער אַ פּרעזענט.

דאָס הייסט דאָך שוין גאָר אַ שלעכטער טאַטע זיין.

און אייער 15־יאָריק מיידל וויל מאַכן לכבוד קריסמעס אַ פּאַרטי, מיט אַ דענס — וועט איר זשאַלעווען דעם פראָנט־רום? זי וויל פאַרברענ־גען מיט אירע באָי־פרענדס, זי איז דאָך שוין באַלד אַ כלה־מיידל!...

און אייער אייגענע ווייב איז געגאַנגען אין גראָסערי און זי איז פאַר־כאַפּט געוואָרן פון די ווילדע מציאות, וואָס מען קאָן קויפן לכבוד קריס־מעס: ניס, פּרוכס און פון כל טוב!

די קריסמעס־מציאות קאָסטן אַ יידן טייערער ווי, להבדיל, אַ שבועות — חנוכה און פּורים אודאי...

די סקולס און די גראָסעריס ברייננגען דעם קריסמעס אין יידישע הייזער אַריין. ער איז שוין געוואָרן אַן עכט־יידישער יום־טוב, וואָס מען וועט באַלד גיין שאלות פרעגן וועגן אים ביי אַ ראַבאַי. עס האַלט שוין ניט ווייט.

און עס האָט שוין פּאַסירט, אַ ראַבאַי האָט זיך געווענדט מיט אַ בקשה צום פּרעזידענט, ער זאָל ארויסלאָזן אַ קריסמעס־פּראָקלאַמאַציע צו פלאַנצן

רעליגיעזן גייסט אין יונגן דור. דער פרעזידענט האָט געהאַט גענוג טאַקט ניט צו וועלן אַרויפצווינגען דעם יום־טוב אויף דער גאַנצער באַפעלקערונג — קריסטן און ניט־קריסטן צוגלייך. אָבער אַט האָט זיך שוין געפונען אַ ראַבאַי צו וועלכן מען קאָן זיך שוין ווענדן צו פסקנען אַ שאלה וועגן קריסמעס...

אַלזאָ, די סקול און די גראַסעריס ברייבגען דעם קריסמעס אין די יידישע הייזער אַריין. אמת, דער גאַנצער יידישער קריסמעס איז אין די פרעזענטן, אין די ניס און פרוכט און אין פּאַרטיס. און ווען אַ ביימל ווערט אַריינגעבראַכט, איז נאָר אויף אויפצוהייגעכן צאַצקעס. און וועגן דעם „אותו האיש" — צוליב אים איז די פייערונג — איז אין 99 יידישע הייזער פון 100 קיין רעדע ניט. אָבער עפּעס קלעפּט זיך דאָך צו פון דעם קריסמעס־גייסט צו די פרעזענטן, ניס און פרוכט און פּאַרטיס. אַט האָט זיך געפונען אַ ראַבאַי, וואָס וויל קריסמעס־גייסט איבערזעצן אין רעליגיעזן גייסט פאַר אַלעמענס געברויך — פון קריסטן און ניט קריסטן צוגלייך.

לאָמיר צוגעבן, אַז די טיטשערס אין די סקולס היטן טריי אָפּ זייער שבועה צו דער קאָנסטיטוציע און מישן רעליגיע ניט אריין אין אונטערריכט. מיר ווייסן, אַז זיי זיינען גאַרניט אזוי אַפּגעהיט, אָבער לאָמיר זיי גלויבן אויפן וואָרט, אַז זיי קרוינען ניט דעם יום־טוב, וואָס זיי מאַכן פאַר די קינדער, מיט דעם אָנווייז אויפן „אותו האיש". אָבער די הכנות צו דעם יום־טוב זיינען שוין גענוג. דאָס גרויסע שפּיל, אין וועלכן מען נעמט אַריין די קינדער, איז גענוג. די אַמעריקאַנער זיינען גראָד טאָלעראַנט און פריינטלעך און ווילן איינטיילן אַפילו די יידישע קינדער מיט אַ חלק יום־טוב. דאָ האַלט נאָך ניט אזוי ווייט מיט טאָלעראַנץ ווי אין דייטשלאַנד, ווען היטלער האָט נאָך זיין מאַכט ניט געהאַט. אַ ראַבינער האָט נאָך דאַן ערנסט געוואָרנט די יידן, זיי זאָלן ניט מיטפייערן די גויאישע ימים טובים, וואָרום די קריסטן קוקן קרום ווען יידן קרימען זיי נאָך. עס איז אין זייערע אויגן ווי אַ לעסטערונג. יידן פאַרביליקן און פאַרשוועכן זייערע הייליקייטן.

די אַמעריקאַנער זיינען טאָלעראַנט און פאַרגינעריש, און זיינען צופרידן איינטיילן די יידן פון זייער יום־טובדיקייט. זאָלן יידן הנאה האָבן. האַלט ניט פון קריסמעס, אָבער שפּילט מיט אונדז אין קריסמעס. לאָמיר אַלע צוזאַמען פריילעך זיין...

און דורך אַט דער ברייטער אַמעריקאַנישער טאָלעראַנץ ווערן יידישע קינדער — קליינע און גרויסע יידישע קינדער; די ווייבער מיט זייערע

ניס און פרוכט און כל טוב — אַריינגעצויגן אין קריסמעס־שפּיל. אין שפּיל, גישט מער — אָבער שפּיל איז אַ סך מער ווי אַ פּאַסטאָרס דרשה וועגן „אותו האיש״...

אַ פּאַסטאָרס אַ דרשה מיט די זיסלאַקריץ רייד, די פּאַרגלאַנצטע אויגן צו אומגלויביקע נסים קאָנען אפילו אָפּשטויסן, אָבער אַ פריילעך שפּיל אַרום אַ צענטראַל געשטאַלט — ציט די געשטאַלט אויך אַריין אין שפּיל און מען ווערט צו איר צוגעצויגן; מען ווערט פריינטלעך־אויפגעלייקט צו איר.

און ווייל מ'רופט זי ביים נאָמען ניט אָן, און ווייל זי איז אומזיכטבאַר, איז דער עפעקט נאָך שטאַרקער.

דעם שטאַרקסטן עפעקט מאַכן יענע פייערלעכע מיסטעריען, וואָס דער הויפּט־העלד פעלט, אָבער די גאַנצע האַנדלונג טיילט אויף אים. אונדזער אויפמערקזאַמקייט ווערט קאָנצענטרירט, היפּנאָטיזירט אויף דעם אומזיכטבאַרן העלד...

דורך אַזאַ מיסטעריען־שפּיל קאָנען מיר גלויביקער ווערן ווי דורך הונדערטער פּאַסטאָרשע דרשות.

וואָס־זשע טוט מען?

פאַר טאָלעראַנץ ווילן מיר צאָלן מיט טאָלעראַנץ. מיר ווילן ניט מלחמה האַלטן מיט פרעמדע געטער. אָבער וואָס־זשע פּאַרט טאָן?

טאָן וואָס זיי טוען: וואָס זיי טוען פאַר קריסמעס, טאָן פאַר יידישע ימים־טובים. אויפשפּילן די יידישע ימים־טובים פאַר אונדזערע קליינע, מיטעלע און גרויסע קינדער.

ניט נאָר האַלטן יום־טוב, אויספירן אַ שטרענגן געבאָט אין טרויעריקן מוט — ווייל פון יעדן שטרענגן געבאָט ווערט טרויעריק אויפן האַרצן; נאָר פאַרוואַנדלען יעדן יידישן יום־טוב אין אַ רוישענדיק ספּעקטאַקל, און קליינע און גרויסע יידישע קינדער זאָלן אַזוי פון דעם הנאה האָבן, און די פריילעכקייט זאָל אַזוי זיך איינקריצן אין זייער זכרון, אַז די קריסמעס־פריילעכקייט זאָל בטל ווערן.

איז עס גאָר ניט אַזאַ פריילעכע צייט, אָבער עס איז די פריילעכע אַמעריקע — אַמעריקע פון די „גוד טאַימס״...

אַנטקעגנשטעלן שפּיל קעגן שפּיל. טוט מען דאָס צוביסלעך. תלמוד־תורהס, היברו־סקולס, פאָלק־שולן מאַכן פייערונגען.

אָבער דאָס טאָן איז קנאַפּ. מען טוט עס קליינקינדעריש, אַמאַטאָריש, בלאַס, מיט שטיקלעך און ברעקלעך, מיט אָפּפאַל פון יום־טוב טראַקטירט מען זיי! מען מאַכט די קליינע קייען וואָס די גרויסע שפּייען.

אמתדיק, קינסטלעריש, אויף אַ גרויסן שטייגער דאַרף מען עס מאַכן. בוכשטעבלעך דעם גאַנצן יום־טוב אין ספּעקטאַקל איבערזעצן. טוט מען דאָס? האָבן מיר אַמאָל געזען, אַז מען זאָל אויפפירן דעם פּסחדיקן סדר, מיט גאַנץ קהל, אונטערן פרייען הימל, אָדער אין אַ טעאַטער, לויט אַ טעקסט דראַמאַטיזירט פון פּאָעטן, אונטער דער רעזשי פון אַ יידישן וואַכטאַנגאָוו?

נו, גיי דערצייל, אַז פאַרצייטן זיינען אַלע ימים־טובים געפּראַוועט געוואָרן פון גאַנץ קהל, אונטער די פרייע הימלען, אַלס אַ רוישענדיקער ספּעקטאַקל; אַז דאָס וואָס איז איצט צערעמאָניאַל איז אַמאָל שפּיל געווען; אַז רעליגיעזער יום־טוב און פריילעכער ספּעקטאַקל שטאַמען פון איין אורשפּרונג. גיי דערצייל עס, אַז קיין צייט איז ניטאָ.

איך וויל מען זאָל מיך פאַרשטיין. דאָס מיינט ניט אָפּשאַפן די טראַדיציאָנעלע פּראַכט פון די ימים טובים. אויף די רעפאָרמער, וואָס טוען עס, בין איך מלא רציחה. אונטער זייערע הענט ווערן פאַרוועלקט אַלע יידישע ימים טובים. פאַרקערט, עס איז אומבאַדינקט נויטיק, אַז די אָרטאָדאָקסיע זאָל פאַר אַ שטיקל צייט נאָך פעסט זיך האַלטן ביי דער פולער שטרענגקייט פון דער טראַדיציע, ניט אָפּטרעטן פון איר אויף אַ קוצו של יוד, כדי איינצוהאַלטן איר מחיהדיקע שמעקעדיקייט. די טראַדיציע איז אַ הדס — אַ כלי פול מיט בשמים.

די אָרטאָדאָקסיע דאַרף נאָר דערלויבן דעם יונגן דור אַריינכאַפּן דעם טייערן ריח אין אַ מאָדערנער כלי. די אָרטאָדאָקסיע האַלט יום־טוב, און נאָך יום־טוב גיט זי דעם יום־טוב איבער צו די יונגע, וועלכע שטייען גרייט מיט זייער כלי אַריינצונעמען דעם יום־טוב...

וואָס איז דאָס פאַר אַ כלי? דאָס איז שפּיל. עס איז ניטאָ קיין זאַך וואָס שפּיל זאָל ניט קענען. זי קען איבערשפּילן רעליגיע און עס זאָל קיין טראָפּן פון איר ניט געמינערט ווערן. והראיה — די „הבימה". זי האָט עס געטאָן, און זי האָט אויסגעשפּילט רעליגיעזע התלהבות אין „אייביקן יידן". זי האָט אויסגעשפּילט דעם קלאָג אויפן חורבן און מען האָט געפילט שטאַרקער ווי אין שול צו קינות.

אויף יום־כפור בין איך ניט ערב, אַז די „הבימה" זאָל אים קענען שפּילן. נאָך ניטאָ אַזאַ „הבימה".

און די הבימה, וואָס מיר האָבן, איז נאָר איינע, און איר פּאַספּאָרט האָט איר געהייסן גיין צוריק, אַזוי אַז פאַר די אַנדערע גרויסע ימים טובים האָבן מיר אויך קיין שפּילער ניט. און די פרומע וועל מאַכן אַ גוואַלד... און קיין צייט צו דערקלערן, אַז מען מעג עס טאָן איז אויך ניטאָ.

ב. ריוקין

צום גליק האָבן מיר אַ פּאָר האַלבע ימים טובים — חנוכה און פּורים — וואָס זייער אורשפּרונג איז נאָנט, ניט פאַררוקט אין טיפן פאַרציטן, נאָר צוגעבונדן צו היסטאָרישע געשעענישן, וואָס דאָס פאָלק האָט זיי נאָך פריש אויפן זכרון.

און ווייל זייער אורשפּרונג איז אַזוי נאָענט, געדענקט מען נאָך פון יענער צייט, אַז אום יום־טוב שפּילט מען, איז חנוכה און פּורים דערלויבט צו שפּילן אפילו אין קאָרטן. און ווען עס איז ניט גענוג פריילעך פאַר שפּילערייַ מעג מען זיך אפילו אָנשכורן.

חנוכה איז באַזונדערס צוגעפּאַסט פאַר אונדזער צוועק — אַנטקעגנצושטעלן דעם קריסמעס־ספּעקטאַקל אַ יידישן ספּעקטאַקל — זיי פאַלן אַמאָל אויס אפילו אין דערזעלביקער וואָך.

אַנטקעגנקומען די קריסמעס־פּרעזענטן מיט חנוכה־געלט — אַזוי פיל חנוכה־געלט, עס זאָל קלעקן פאַר אַ גרויס שפּיל.

צוביסלעך שפּילן יידישע לערער אונטער מיט יידישע קינדער חנוכה־צייט אָבער אַזוי לערעריש און אַזוי קינדעריש... אַזאַ גרויס שפּיל דאַרף עס זיין, וואָס זאָל פאַרהילכן און פאַרבלאָסן דאָס קריסמעס־שפּיל. די גאַנצע שטאָט מיט יידישע קינדער אין איין פּראָצעסיע. וואָס עס קאָסט אַ גאַנץ יאָר תלמוד־תורה דאַרף אָוועקגעגעבן ווערן אויף דעם חנוכה־שפּיל, אַזוי אַז אין גלאַנץ פון חנוכה זאָל קריסמעס אויסזען ווי אַ וואָכעדיקער טאָג...

צו די לערער דאַרף מען עס זאָגן — איך וויל זיי ווירקליך ניט פּוגע בכבוד זיין — אָבער זאָגן דאַרף מען זיי, אַז עס איז אַ צרה מיט זיי: לערער זיינען צו ערנסט צו זיין שפּילער. לערער זיינען בטבע ניט קיין אַקטיאָרן, נאָר רעזאָניאָרן, און זיי מיינען, אַז זייער איינציקע עובֿדה איז צו באַשלאָגן קינדערשע מוחלעך מיט ברעטלעך, אויף וועלכע עס זיינען אויסגעקריצט פּסוקים...

ווייסן זיי ניט, אַז לערער דאַרפן ערשט קינסטלער זיין. זיי האָבן דעם טייערסטן קונסט־מאַטעריאַל — ניט ליים און פאַרב — קינדער, מענטשעלעך קליינע, וואָס דאַרפן גרויס ווערן.

איז דען ניט די אידעלסטע קונסט דעם מענטשן באַשאַפן? דאַרף מען זיי קינסטלעריש אויפשפּילן פאַר גרויסע. און וואָס מער שפּיל, און וואָס מער יום־טוב מען שפּילט זיי, אַלץ יום־טובדיקער וועלן זיי וואַקסן...

וויל איך ווידער ניט פּוגע בכבוד זיין לערער, אָבער זאָגן דאַרף מען זיי, אַז געשטערט זיינען זיי ניט נאָר מיט דעם, וואָס עס פעלט זיי דער שפּילערישער חוש, נאָר עס פעלט זיי אויך דער רעליגיעזער חוש...

יידישע יום־טובים

ווײַל איך זאָגן, אַז אויב ניט די פולע רעליגיע, איז, לכל הפחות, די רעליגיעזע איבערלעבונג, דאַרף אין די קינדער קינסטלעריש רעפּראָדוצירט ווערן. יום־טוב דאַרף אין זיי אַריינגעשפּילט ווערן. אַלע יידישע וועלטלעכע שול־סיסטעמען דאַרפן זיך אָפּגעבן מיט אָט דעם גרויסן פּראָבלעם: אויפשפּילן און צוריקגעבן דעם יידישן יום־טוב צום יידישן קינד!

פורים

אויפשפילן די פורים-מגילה אויף דער וועלט-בינע

„ווען דער אויבערשטער וועט אויסברייטערן דיין גרענעץ, ווי ער האָט דיר צוגעזאָגט"... (דברים י"ב, כ') איז עס דען מעגלעך, אַז דער קדוש־ברוך־הוא וועט אויסברייטערן דאָס לאַנד פון ישראל? האָט געזאָגט רבי יצחק: אַ מגילה, ווען זי איז צונויפגעוויקלט ווייסט קיינער ניט וויפל האָלט איר לענג און וויפל האָלט איר ברייט, אָבער אז מע וויקלט זי פאַנאַנדער, דעמאָלט דערוויסט מען זיך איר מאָס, אזוי איז ארץ־ישראל: עס איז מיינסטנס בערג און היגלען. פון וואַנענט ווייסן מיר עס? ווייל אזוי ווערט געזאָגט (דברים י"א, י"א) „דאָס לאַנד, וואוהין איר גייט צו ארבן עס, איז אַ לאַנד פון בערג און טאָלן"... און אַז דער קדוש ברוך הוא וועט רוען אין דעם לאַנד; וואָס וועט פאַרקומען? ווי עס ווערט געזאָגט (ישעיה מ', ג'): יעטוועדער טאָל וועט דערהויבן ווערן און יעטוועדער באַרג און היגל וועט דערנידערט ווערן און די צעקרימטקייט וועט ווערן אויסגעגלייכט און די בערג־רוקנס וועלן ווערן פלאַכלענדער, ערשט דעמאָלט וועט ווערן באַקאַנט ווי גרויס עס איז ארץ־ישראל". (דברים רבה, סוף פרשה ד').

„און מרדכי האָט אים געזאָגט וואָס עס האָט זיך מיט אים געטראָפן" (מגילת אסתר, ד', ז') אין חלום — דאָס לערנט אונדז, אַז ער האָט איר (אסתרן) דערציילט דעם חלום, וואָס ער האָט געחלומט וועגן דעם ענין אין צווייטן יאָר פון אחשורשעס קעניגן: ער האָט דערהערט אַ שטאַרקן שטורעמען און אַ בהלה איז באַפאַלן דאָס לאַנד, און שרעק און ציטערנעש האָט דורכגענומען אַלע איינוואוינער; און ער האָט דערזען צוויי גרויסע אומגעהויערס; און זיי האָבן זיך אַ לאָז געטאָן מיט אַ ברומען איינער צום אַנדערן, און זיי האָבן זיך גענומען ראַנגלען און שלאָגן, און אַלע פעלקער פון לאַנד דערהערנדיק זייערע קולות און געוואַלדן זיינען זיך צעלאָפן, און צווישן די גרויסע פעלקער איז געווען איין קליין פאָלק, און אַלע גרויסע

פעלקער זיינען באַפאַלן דאָס קליין פעלקל, און האָבן עס געוואָלט אומ־ברענגען און אָפּווישן זיין געדעכעניש פון דער ערד.

און אין יענעם טאָג האָט אַרומגענומען אַ פינצטערנעש די גאַנצע וועלט און דאָס קליין פאָלק האָט געליטן זייער פיל, און זיי האָבן מתפלל געווען צו גאָט... און די אומגעהויערס האָבן זיך געשלאָגן מיט אַ גרוייזאַמער ווילדקייט און רציחה, און קיינער האָט זיי ניט געקענט פאַנאַנדערנעמען.

און מרדכי האָט באַמערקט ווי איין קליין קוואַל־וואַסער נעמט דורכ־שלאָגן זיך צווישן די צווי אומגעהויערס, און ער שיידט זיי פאַנאַנדער, און אַזוי שטעלט ער אָפּ דאָס געשלעג.

און אָט ווערט דער קוואַל אַנגעקוואָלן, און ווערט אַ פליסנדיקער טייך, און אָט שטראָמט ער שוין ווי אַ גרויסער ים; און ער שטראָמט און פאַרפלייצט די גאַנצע ערד.

און מרדכי זעט ווי די זון גייט אויף איבער דער ערד, און באַלייכט די גאַנצע וועלט; און דאָס קליין פאָלק ווערט דערהויבן און די גרויסע מעכטיקע פעלקער ווערן דערנידערט, און עס הערשט פרידן און גערעכ־טיקייט אין דער גאַנצער וועלט.

פון יענער צייט אָן האָט מרדכי געדענקט דעם חלום, וואָס ער האָט געחלומט.

און ווען המן האָט אים באַדרענקט, האָט ער געשיקט זאָגן אסתרן דורך דעם שליח התך: דעם חלום וואָס איך האָב דיר דערציילט אין דיין יוגנט ווערט וואָר... שטיי אויף און בעט רחמים פון קדוש ברוך הוא —

און גיי צום קעניג און באַמי זיך פאַר דיין פאָלק און דיין פאָטערס לאַנד... (מדרש מגילת אסתר, סוף פרשה ח׳).

א

האַי־יאַר קאָנען מיר זיך פאַרשפאָרן אָנצומעסטן אויף היטלערן די מעשה וועגן המנען, און זיין פאַרמעסט אויף יידן, און זיין סוף אויף דער תליה. היטלער אַליין האָט אָנגעמאָסטן המנס מפלה אויף זיך.

צו אַלע אונדזערע אומגליקן האָבן מיר, יידן, אַ גרויסן גליק — מיר האָבן אַריינגעאַרבעט פאַר זיך אַ וועלט־ראָלע, אין וועלט־היסטאָרישן פּראָצעס, אין דעם גאַנג פון די וועלט געשעענישן, די ראָלע — פון וועלט בעטשער, מענטשהייט־דערלייזער.

עס איז אַ געשיכטלעכער שפּיל־טעקסט, וואָס יידן זיינען זיינע פאַרפאַסער. און די ראָלע־שפּילער דאַרפן גאָרניט צוגעבן צום טעקסט, זיי דאַרפן בלויז שפּילן, און ניט בלויז אין סימבאָלישן זין. דער גע־

שיכטלעכער טעקסט ווערט געשפּילט פּשוטו כּמשמעו — טעאַטראַליש געשפּילט. איצט איז שוין גאָר קיין ספק ניט, אַז דער געשיכטלעכער פּראָצעס איז אַ טעאַטראַלישער פּראָצעס, און די באַוועגער פון פּראָצעס זיינען שוישפּילער: טעאַטראַלן. פּאַראַן איידעלערע ביישפּילן, ווי פּאָליטישע שוישפּילער, זיי העלפן זיך שטאַרק אַרויס מיט דעם שוישפּילערישן טעאַטער.

וואו די וועלט־געשיכטע האָט א בינע, ווערט גרויס־טעאַטער געשפּילט. אונדזער בינע איז ארץ ישראל פאַר דער אויפפירונג פון פורים־ספּעקטאַקל, אַן אויפפירונג, וואָס וועט אונטעראיילן די מפּלה פון אַלע המן־היטלערס, פון אַלע שונאי־ישראל.

ב

די פאָלקסטימלעכע פורים־שפּילן זיינען דאָך געווען דער ערשטער יידישער טעאַטער. און זיי האָבן זיך אזוי לאַנג געהאַלטן און אזוי שטאַרק דערפרייט אונדזערע עלטערן, ווייל זיי זיינען געווען נבואות: פאָראויס־לויפנדיק אונדזער היינטיקן פורימדיקן וועלט־ספּעקטאַקל, פאָראויסזע־ענדיק היטלערס המנס סוף.

די שעה האָט געשלאָגן — און המנס מפּלה וועלן קריגן אַלע שונאי־ישראל. ארץ ישראל וועט זיך פאַנאַנדערוויקלען ווי אַ מגילה; דאָס קליין פאָלק וועט ווערן דערהויבן, און די גרויסע מאַכטן וואָס רודפן אים וועלן ווערן דערנידערט.

דער נבואה־חלום פון מרדכי, דעם יידן, וועט ווערן מקוים.

פון המן הרשע ביז היטלער

היטלער, ווי המן, איז דערהויבן געוואָרן צום הענגען...

עס איז באַשערט דעם האַלבן יום־טוב פורים צו ווערן דער גרעס־טער יידישער יום־טוב נאָך היטלערס מפלה. אָבער אַ יום־טוב מיט אַ תשעה באב אינאיינעם! אַנטקעגן המנס דורכגעפאַלענער רשעות — אויס־צוראָטן די יידן פון הודו ביז כוש — היטלערס פאַרטראַכטונג אויסצו־ראָטן דאָס גאַנצע וועלט־יידנטום, וואָס אויף אַ דריטל איז אים געלונ־גען. מיט וויפיל גרעסער דער רשע אין היטלערן איז פון המן הרשע, אויף אַזויפיל גרעסער וועט דער פורים תשעה באב זיין!

היטלער אליין האַלט המנען פאַר זיין פאַרגענגער. נאָר וואו המן האָט געליטן מפלה, האָט ער זיך באַרימט, וועט ער טריאומפירן. און אַ שטיק צייט האָט עס אויסגעזען, אַז ער טריאומפירט. פאַרוואָס קומט דעם משחית צו טריאומפירן? איז יידן־מאָרד אַ סגולה צו טריאומף? און אפילו איצט, ווען היטלערס טריאומף זינקט אַראָפּ אין מפלה, זיינען מיר נאָך אַלץ געערגערט און געפּלעפט: אָט די לוסט־מערדער, וואָס זייער הנאה איז צו רייסן יידישע עופהלעך אויף שטיקער, — אַרומגערינגלטע אין פאַסטקעס, איינגעקלעמטע אין באַלאַגערטע פעסטונגען, — קלייבן אויס פרייוויליקן זעלבסטמאָרד, איידער זיך אונטערגעבן. איז דער ריח פון יידיש בלוט אַזוי פאַרשיכורענדיק, אַז אפילו אוממענטשן ווערן אָנגעלאָפן מיט עקסטאַז?

אָבער עס איז געזאָגט געוואָרן: „כל המיצר לישראל, נעשה ראש" — ווער עס מאַכט ענג דעם פאָלק ישראל, ווערט געמאַכט פאַר אַ קאָפּ — צום הענגען! ער ווערט דערהויבן צו דער תליה! המן איז איין באַוויז. היטלער וועט באַלד זיין נאָך אַ שטאַרקערער באַוויז. נאָך היטלערס תליה וועלן אַלע המן־היטלערס איינגעזונקען ווערן אין תהום.

היטלער און זיין באַנדע גזלנים ווייסן עס, ווי עס האָט געוואוסט זרש, המנס ווייב: „אויב פון דעם יידישן אָפּשטאַם איז דער מרדכי, וואָס דו האָסט אָנגעהויבן פאַלן פאַר אים, וועסטו ניט אויספירן קעגן אים, נאָר פאַלן וועסטו פאַלן פאַר אים". און דער פאַרצווייפלטער אָפּרוף פון דער דייר־

טשער ראַדיאָ אויף דער יאַלטאַ דעקלאַראַציע איז געווען, אַז דער גאַנצער קרעדיט פאַר דער דייטשער מפּלה קומט די יידן! — „די טרייבקראַפט היגטער רוזוועלט, טשוירטשיל און סטאַלין איז דער ייד, דער אייביקער ייד"! עס איז אַ ליגן, זיי ווייסן, עס איז אַ ליגן. נאָר פאַר דעם מיס־טעריעזן כוח פון דעם יידן אין דער געשיכטע ציטערן זיי.

די יידן־שנאה גיט די שונאים צייטווייליקע גבורה. אָבער סוף־כל־סוף ריכטן זיי זיך אויס אַ מפּלה. דער ייד און זיינע שונאים זיינען פאַר־וויקלט אין אַ מיסטעריע. מיר זיינען שולדיק אונדזערע זעקס מיליאָן קדושים די מיסטעריע אויפצודעקן — פאַר אַ באַוואָרענעש, אַז מער זאָל עס אונדז ניט טרעפן. איז עס אַזוי געווינלעך, אַז אַ דריטל פון אַ פאָלק זאָל אומקומען, אַז מיר זאָלן דאָס טראַגישע רעטעניש ניט וועלן באַנעמען? מיר טאָרן זיך ניט בארואיקן. מיר קאָנען דאָך ניט יוצא זיין מיט דער פרייד, וואָס צוויי־דריטל פון פאָלק זיינען געבליבן, און פאַר דעם אומגע־קומענעם דריטל אָפּקומען מיט אָפּקלאָגן אַ הספד, אָפּפאַסטן אַ תענית און אודאי ניט מיט אָפּזינגען אַ ליד צו לאָזן זיך ווייסן, אַז מיר „פילן מיט". אַ דאַנק אונדז דערפאַר! מיר זיינען שולדיק אַן ענטפער: וואָס איז דער זין דערפון? פאַרוואָס קומט דעם יידישן פאָלק כסדר באַלאַגערט צו ווערן און פאַרבלוטיקט צו ווערן פון די המן־היטלערס?

געוואַלדיק געשטיגן און געשטאַרקט האָט זיך די רשעות פאַר די 2500 יאָר — פון המן ביז היטלער. אָבער אין המנס פרימיטיוון בלבול: „אַ פאָלק, צעזייט און צעשפּרייט צווישן די פעלקער אין אַלע מדינות פון דיין קעניגרייך, און זייערע געזעצן זיינען אַנדערש ווי ביי איטלעכן פאָלק, און די געזעצן פון מלך טוען זיי ניט, און דעם מלך לוינט זיך ניט צו לאָזן זיי לעבן" — אין המנס פרימיטיוון בלבול, אויפן שטח פון פרס און מדי, איז שוין איינגעשלאָסן געווען היטלערס וועלט־בלבול, אַז יידן זיי־נען אַ געהיימע מלוכה אין אַ מלוכה צווישן די פעלקער פון דער וועלט; אַז דער אינטערנאַציאָנאַלער ייד האָט אויסגעשפּרייט איבער דער וועלט אַ נעץ פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער פאַרשווערונג, כדי אַרונטערצונעמען די וועלט אונטער זיין יידישער הערשאַפט — לויטן טעקסט פון „די פּראָטאָקאָלן פון זקני ציון".

און יידן האָבן שוין אין המנס צייט געוואוסט, פון וואַנען דער בלבול שטאַמט: ווייל יידן זיינען אַנדערש, הגם די אַפּיקורסים, די היסטאָריקער, האָבן נאָך ניט געגעבן אַריינגעפּאַסט מגילת אסתר אין דער געשיכטלעכער כראָנאָלאָגיע, אָבער עס איז דאָך אויבנאויף, אַז די המן־מעשה שפּיגלט אָפּ די יידישע דערפאַרונג פון דער חשמונאים־עפּאָכע, און די גאַנצע

יידישע דערפאַרונג ביז צו די חשמונאים — אַז יידן מיט זייער אַנדערש־קייט רייצן די פעלקער. און אַנדערש זיינען יידן דערמיט, וואָס זיי זיינען אַנדערש גלויביק: זיי גלויבן אין אַן אומזיכטבאַרן גאָט. דעם יידנס גע־בורט אַלס פאָלק האָט זיך דאָך אָנגעהויבן מיט דער אַנטפּלעקונג פון אומ־זיכטבאַרן גאָט צו אברהם אבינו. דער אומזיכטבאַרער איז פאַראויסגעלאָפן דער יידישער געשיכטע. וואָס האָט זיי געאַרט, די פעלקער, דער אומזיכט־באַרער גאָט? זיי האָבן אין אים געשפירט אַ פאַרוואורף, אַ פאַרדאַמונג פון זייערע געצן, וועלכע זיינען געווען ניט קיין אַנדער זאַך, ווי די פאַר־בילדלעכונג פון זייערע תאוות, די פאַרגעטערונג פון זייערע ברוטאַלע גלוסטן — אזוי בעל, אזוי עשתורת, אזוי מולך. אזוי גיך דער אומזיכטבאַרער גאָט האָט זיך באַוויזן אויף דער סצענע, איז עבודה זרה געווען די מרידה פון מענטש־ברוט קעגן דעם מענטש־מענטש, וואָס צאַמט זיין ברוטאַלי־טעט דורך דינסט צום אומזיכטבאַרן. און עס האָט זיך אָנגעהויבן די העצע, אַז יידן זיינען „גאָטלאָז". נאָך ערגער: אין געהיים בוקן זיי זיך צום קאָפּ פון אַן אייזל.

ווען מען איבערזעצט דעם פאַרצייטיקן רעליגיעזן באַנעם אין די באַגריפן פון דער היינטיקער פּסיכאָלאָגיע, איז דער אומזיכטבאַרער ניט קיין אַנדער זאַך ווי דער אָפּשלאָג פון דער צאַמונג פון ברוט אין מענטשן. גאָט־שפּירונג איז אַ פּראָדוקט פון גרייטקייט צו קרבן, פון דער נשמהס האַרעוואַניע איבער זיך אַליין. גאָט איז אַ נשמה־פאַרדינסט דורך נשמה־האַרעוואַניע, וואָס דערלאַנגט כוח. איז גאָט כוח, איז גאָט רעאַל. איז גאָט אַן אומאויפהערלעכער פּראָצעס פון אָננעמען זיך מיט כוח דורך כסדר־דיקער נשמה־איבונג, — דורך קרבנות, נדרים, עקדות; דורך געדולד, אויסדויער, צוטרוי, אמונה, — אַן אומאויסשעפּלעכער קוואַל פון כוח דורך דעם מענטשענס שטרעקן זיך איבער דער חיה ביז אין אין־סוף אַריין. איז גאָט אַלמעכטיק, וואָס ניט נאָר אַ יחיד, אברהם, נאָר דאָס גאַנצע פאָלק פון אברהם האָט זיך געקאָנט שטיצן אויף אים — ביז צו דער לעצטער דעמאָנסטראַציע פון גאָטס אַלמאַכט אין דער צייט פון די חשמונאים, ווען אַ הייפעלע איז אויפגעשטאַנען קעגן אַ מעכטיקער אימפּעריע. ניט נאָר אַ חשמונאים־אויפשטאַנד איז עס געווען נאָר פאַרקערט איז עס אויך געווען: דער אויפשטאַנד פון אַן עבודה־זרהדיקער אימפּעריע, אונטער דער אָנפירערשאַפט פון אַנטיוכוסן, קעגן דעם אומזיכטבאַרן; און דער אומזיכטבאַרער האָט גובר געווען.

אָט פון וואַנען אי מרדכי היהודי, אי די המנטע זרש האָבן געוואוסט, אַז הילף פאַר יידן קומט פון אַן אומזיכטבאַרן קוואַל. און די גאַנצע שפּער־

טערדיקע יידישע געשיכטע האָט עס באַשטעטיקט. אמת, דער בר־כוכבא אויפשטאַנד האָט זיך ניט איינגעגעבן. די עבודה־זרה אין דער געשטאַלט פון דער רוימישער אימפעריע, — אַ וועלט־אימפעריע לויט דער דעמאָלט־דיקער וועלט־מאָס, — איז געווען צו מעכטיק. עס האָט זיך געפּאָדערט צייט — גאַנצע 2,000 יאָר — ביז צום פּאַרמעסט צווישן גאָט און עבודה־זרה אויף דער וועלט־אַרענע. האָבן זיך יידן צוגעגרייט אויסצוהאַרן. יידן האָבן ניט זוכה געווען צו נייע גאָט־אַנטפּלעקונגען, אָבער דורך כסדרדיקער זעלבסט־דיסציפּלין, דורך קידוש־השם, האָבן זיי געזאַמלט אַלץ מער גאָט־באַוואוסטזיין, מיט אַלץ, וואָס גאָט־באַוואוסטזיין באַטייט, — דאָס איבער־מעכטיקן זיך מיט גערעכטיקייט איבער ברוטאַליטעט. און זיי האָבן אָנגע־זאַמלט כוח — ניט געוואָג כוח אויף מנצח צו זיין, אָבער גענוג אויף אויס־צושטיין. אין היינטוועלטיקע באַגריפן אויסגעדריקט, איז גאָט דעם יידנס געהיימער אויבערבאַוואוסטזיין, וואָס פירט און מאַכט זיינע טריט; אַ באַרג אַן אָנגעלאָדענער מיט גייסטיקן מאַגנעטיזם, וואָס שטויסט אָפּ און ציט־צו געשעענישן, זיי זאָלן אַלע מאָל איבערלאָזן אַן אויסוועג פאַר אים, ער זאָל ניט אומקומען און לעבן בלייבן — ביז די צייט וועט ראוי ווערן פאַר דעם וועלט־פּאַרמעסט... מיט זיין עקזיסטענץ אַליין האָט ער אים דעמאָנסטרירט פאַר די פעלקער, אַז גאָט איז אַ לעבעדיקער גע־שיכטלעכער כוח, און דער ייד האָט באַוויזן אריינצופּרעסן זיין גאָט־גע־רעכטיקייט־באַוואוסטזיין אין באַוואוסטזיין פון די פעלקער; און אַזוי־אַרום איז גאָט, וואָס דער ייד האָט ארויסגעראַנגלט פון אין־סוף און אים אויס־געהאָדעוועט דורך זיין פיל־טויזנט־יאָריקן אויסדויער, געוואָרן אַ וועלט כוח.

די שעה האָט געשלאָגן. די גאַנצע וועלט איז אַרומגענומען אין איין גאַנצקייט, — אַן אַרענע פאַר אַ גלאָבאַלער מלחמה. היטלער איז דער לעצטער אַרויסטריט פון דער עבודה־זרה אין קאַמף קעגן אומזיכטבאַרן. ער חזרט איבער המן־הרשע אויף אַ וועלט־מאַסשטאַב מיט זיין אַרויסרוף צום יידן, און איצט שטעלט זיך אַרויס, ער חזרט אויך איבער המנס מפּלה אויף אַ וועלט־מאַסשטאַב. היטלער איז דער נעגאַטיווער באַוויז, אַז דעם יידנס גאָט איז געוואָרן אַ וועלט־כוח.

צום 12טן יאָר־טאָג פון זיין באַשטייגן דעם קאַנצלער־טראָן, האָט ער פיר מאָל אַרויסגערופן דעם אַלמעכטיקן, — דער אַלמעכטיקער, די השגחה־עליונה שטייט אים ביי; זי האָט אים דעם נאָמענלאָזן גאַרבישט, געמאַכט פאַר אַ „פירער” — און פיר מאָל האָט ער געשוואָרן נקמה אַן דעם אינטערנאַציאָנאַלן יידן, דעם וועלט־פאַרשווערער. דאָס גייט ביי אים

צוזאַמען. פון אָנהויב אָן אַזוי. לכתחילה פּאַרזיכטיק: ער איז דער פאַרלוי־פער פון דעם גואל, דערנאָך דער גואל אליין. אין די יאָרן פון זיין טרי־אומף איז עס ביי אים דערגאַנגען ביז צו זעלבסט פאַרגעטערונג. ער אַליין און זיינע מקורבים האָבן געגעבן אָנצוהערעניש, אַז ער אַליין איז די השגחה; און פון אָנהויב אָן האָט זיך עס קאָמבינירט מיט יידן־מאָרד־מאַניע.

וואָס האָט דאָס באַטייט? — דאָס איז געווען די לעצטע פאַרשטעלעניש פון דער עבודה־זרה — 2,500 יאָר נאָך המנען — אָנצוטאָן זיך די מאַס־קע פון יידישן גאָט; צו פאַרכאַפּן דעם וועלט־כוח, וואָס דער ייד האָט אָנגעהאָרעוועט דורך זיין געשיכטע; צו קאָמבינירן גאָט מיט מאָרד; צו־נעמען ביים יידן זיין גאָט און דעם יידן אַראָפּהאַקן דעם קאָפּ. דאָס איז עס. אָט די שפּאָגל־נייע קאָמבינאַציע — גאָטס הכשר אויף מאָרד — האָט געגעבן היטלערן זיין הצלחה, און די נאַציס זייער פאַרשיכורטן עקס־טאַז. היטלער איז גאַרנישט און איז געבליבן אַ גאַרנישט, נאָר באַ־שאָנקען מיט אַן אַקטיאָרישן קול, וואָס זאַפּט איין אויגנבליקלעך די שטימונג, די געהיימע וואונטש פון זיין צוהערערשאַפט; אַ קול אַ רע־זאָנאַטאָר, וואָס הילכט פאַנאַנדער אין פאַרגרעסערונג דעם קול פון דעם דייטשס אונטערבאַוואוסטזיין. ער איז די וואונטש־דערפילונג פון דער דייטשער מאַסע, — אַ מאַסע, וואָס זינט זי געדיינקט זיך, פון די אורוועלדער, פון מיטלאַלטער, איז זי אַ מאַסע פון שקלאַפן, וואָס לעכצן צו בוקן זיך צו אָפּגעטער. היטלער האָט אויף די דייטשע אָפּגעטער אַרויפגעוואָרפן אַ גאָט־שלייער, אַליין זיך אַוועקשטעלנדיק, צו דער אָנטציקונג פון דער דייטשער שקלאַפן־מאַסע, אין דער פּאָזע פון אַ גאָט־אָפּגאָט. און דער מענטש־גאַרנישט האָט געוואונען איבערמענטשישע קראַפט. די ליידיקייט, וואָס איז אין אים, איז געוואָרן אַ מוראדיקער יש. ביז ער האָט ביי זיך געפועלט, דורך דער הריגה וועט ער זיך אַליין און דעם דייטש באַווייזן, אַז ער איז אַן איבערמענטש, והראיה, ער האָט עס געטאָן; גאָט האָט אים געגעבן די פולמאַכט אויף מאָרד. דורך דער מאָרד־פאַרשווערונג אויפן יידישן וועלט־פאָלק האָט ער פאַר דער גאַנצער וועלט געוואָלט באַווייזן, אַז ער איז דער נייער גאָט, וואָס גיט אַ ברכה אויף מאָרד.

דערפאַר איז ער אַזוי צוגעזאָטן געוואָרן צו „די פּראָטאָקאָלן פון די זקני ציון", — זיי האָבן באַרעכטיקט זיין גאָט־פאַרכאַפּונג. דער בלבול וועגן דער יידישער וועלט־פאַרשווערונג איז ניט קיין אַנדער זאַך. ווי די פאַרקריפלונג פון היסטאָרישן אמת וועגן דער יידישער „גאָט פאַרשווע־

רונג" אויף די פעלקער. די גאָט־פאַרכאַפונג האָט אים גוט געדינט. זי האָט צוגעדעקט מיט קדושה זיין טומאה. מיט דער געפעלשטער יידישער פאַר־שווערונג האָט ער פאַרשטעלט זיין אייגענע פאַרשווערונג אויף וועלט־הערשאַפט.

האָט דאָס פאַרבלענדניש געגאָלטן כל־זמן די פעלקער אַליין זיינען פאַרבלענט געווען פון היטלערס גבורה, און האָבן געזוכט אים איבערצו־בעטן. אָבער איצט, ווען די פעלקער האָבן זיך אויסגעטשוכעט, די גערעכ־טיקייט, גאָטס הויפט־אַטריבוט, וואָס יידן האָבן ארויפגעאַרבעט מיט זייער ליידנס־געשיכטע, דעמאָנסטרירט איר כוח. מעג געבעלס מונטערן די דייטשן מיט דעם נס, וואָס היטלער, דער אַלמעכטיקער, ווערט באַלד באַ־וויזן, — נאָך איין קלאַפּ איבער די דייטשע קעפּ, און דער נאַצישער סם־המות ווערט זיך אויסוועפּן. דער נאַצי־דייטש ווערט פּלאַצן און צעזעצט ווערן אין שטויב, און היטלער, דער פאַרגרעסערטער המן, ווערט אַרויפגע־ריסן ווערן צו דער תליה.

עס איז „געטער־דעמערונג" אָן שום גלאָריע. די געצן — די פאַר־בילדלעכטע דייטשע ברוטאַליטעט — ווערן געשטירצט אין שאַנד. דער פיל טויזנט־יאָריקער געראַנגל פון דער עבודה־זרה מיט דעם אומזיכט־באַרן איז צו ענד. היטלער איז דער פאַרקערטער באַוויז, אַז דער יידישער גאָט איז אַ וועלט־כוח. מיר זיינען שולדיק אונדזערע זעקס מיליאָן קדושים דעם וועלט־כוח איינצושפּאַנען — פאַר אַ דירעקטן, פּאָזיטיוון באַוויז. די צייט איז ראוי: די וועלט איז פאַר דעם פּאַרטיק.

פסח

מיר ווען נאָך שפּילן די ראָלע פון אליהו הנביא ביים וועלט-סדר

פון אַלע דריי גרויסע געשיכטלעכע יום־טובים, פּסח, שבועות און סוכות, איז פּסח געווען דער גרעסטער, ווייל ער האָט געיום־טובט אַ נס. און ווער עס געדענקט דעם פּסח פון אַמאָל, וועט נאָך איצט דער־שפּירן די ניסים־האַפטיקע שטימונג, די באַפרייענדיקע, אויסלייזנדיקע געלייטערטע פרייד, די אָנגעצונדנקייט פון געפייערטן נס. אנטקעגן פּסח זיינען שבועות און סוכות געווען יום־טובדיקע שפּאַצירן, אַן עולה רגל זיין, אַ צופוס גיין באַרג אַרויף צום נס פון פּסח. און איז עס ניט מערק־ווירדיק אַז די צוויי האַלבע יום־טובים — חנוכה און פורים — האָבן געהאַט עפּעס מער פּסחדיקס אין זיך, ווי שבועות און סוכות? ווייל האַלבע יום־טובים אַרום האַלבע נסים. האַלבע, ווייל וויפיל די חכמים האָבן זיך ניט געמיט אַרום נס מיטן קריגעלע בוימל, האָבן זיי דאָך ניט גע־קענט פאַרטושן די חשמונאים. און אַרום נס פון פורים האָבן זיך גע־פאַרעט אסתר המלכה און מרדכי היהודי.

אָבער פּסח איז געווען כולו נס — פון אויבערשטן אליין. פון נס פון פאַרצייטן ביז צום נס פון אחרית הימים פירט ער פון אויסלייזונג צו אויסלייזונג. און דער סדר איז געווען אַ נס צערעמאָניאַל צו דערפירן ביז צום טריאומפירנדיקן פינאַל — אַ סעאַנס אַרויסצורופן די זעאונג פון אליהו הנביא, דעם בשורה ברייננגער, דעם משיח פאַרגענגער. און דער סעאַנס איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג. און צדיקים האָבן געהאַט גלוי אליהו, און זיי פלעגן זיך טיילן מיט דער זכיה מיט אַלע יידן. גאַנץ חול־המועד פלעגט אליהו הנביא אַרומבלאָנדזשען איבערן שטעטל, ביז נאָך אחרון של פּסח, און ערשט דערנאָך פלעגט זיך אַרויסשטעלן ווי גרויס די פּעולה איז געווען פון אליהו הנביאס באַזוך: אין זכות פון פּסח־נס האָבן יידן געלעבט אויף נסים אַ גאַנץ יאָר — פון פּסח ביז פּסח.

און דאָס טאַקע איז געווען דער נס, וואָס איז געפייערט געוואָרן יאָר איין יאָר אויס מיט אָנגעצונדענער געלייטערטער פרייד — דער נס פון פּסח. וואָס פלעגט בלייבן אויף נאָך פּסח — דער נס פון ידישער עקזיס־

טענץ אויף נסים. און עס איז גרעסער געווען דער נס פון 2,000 יאָריקן אחרון של פסח פון נס ערשטן פסח — די 2,000 יאָריקע עקזיסטענץ אויף הוילן „גאָרניטש", אויפן נס פון אמונה, אויף אמונה אין נס, און כאָטש אין יעדן דור פלעגט אויפשטיין אַ פּרעה, דאָך האָבן יידן זיך גע־פילט זיכער און געשטיצט, פון יידישן הימל־געוועלב האָבן זיך אַראָפּגע־לאָזן אַזעלכע אומזיכטבאַרע שוץ־ווענט, וואָס האָבן דעם יידן אַרומ־געריגגלט און באַהאַלטן אין זיך אים גופא. יעדן יידנס נשמה איז אָנגע־לאָדן מיט דעם נס פון אמונה, יעדער ייד אַ מאיר בעל הנס.

אין וואָס אייגנטלעך, איז דער נס באַשטאַנען? דער קערן פון נס איז געווען דער לעבעדיקער געפיל, אַז אַ לעבעדיק אויג האַלט השגחה. די לעבעדיקייט פון דעם געפיל — דאָס איז געווען דער עיקר. די אָנ־געגליטע אמונה אין דער נאָענט־נאָענטער לעבעדיקער השגחה — דאָס האָט אויפגעהאַלטן דעם יידן ביים לעבן, טראָץ די פּרעהס פון יעדן דור. מען שלאָגט, מען הרגעט, אָבער אַ רעשט פאַר דער גאולה וועט בלייבן; אַ לעבעדיקער ווילן רעגירט איבער זיין געשיכטלעכן גורל — דאָס איז עס, וואָס האָט אָנגעלאָדן זיין נשמה מיט „נס" און אים געמאַכט פאַר אַ „מכשף", וואָס קען זיך האַלטן אויף „גאָרנישט".

און איצט, ווען עס האַלט שוין ביים לעצטן פּרעה, און די אמונה דאַרף זיך פאַראַמתן — וואו איז אַהינגעקומען אונדזער 2000 יאָריקע אָנגעלאָדנקייט מיט דעם נס פון אמונה? פאַר אָט דער צייט האָבן מיר געדאַרפט אָנזאַמלען אזוי פיל אמונה־פייער, וואָס זאָל גענוג זיין ניט בלויז אויף צו ראַטעווען זיך פון דער לעצטער פאַרצווייפלונג, נאָר אויף צו דערלאַנגען די שונאים אַ טויט־קלאַפּ; אָדער דירעקט אָפּפייערנדיק אין זיי אַ טויט־טראָגנדיקן נשמה־בליץ; אָדער אויף אַן אומוועג — דורך אָנצינדן די פעלקער מיט אַ נשמה־שרפה — אַז ביז פסח איבער־אַ־יאָר זאָל שוין האָבן זיך אויסגערויכערט די טיעולשקייט וואָס פאַרבייט זיי אַ נשמה.

אָט שטייען מיר, די „אויסדערוויילטע פון די אויסדערוויילטע", די הונדערט מאָל אָפּגעקליבענע רעשטן פון די רעשטן פון די הונדערטער הריגות, און מיליאָנען קומען אום פאַר אונדזערע אויגן, מאַכנדיק אונדז פאַר דער לעצטער רעשט — און מיר זיינען מאַכטלאָז זיי צו העלפן.

אוי, ווי, אַז עס איז אויס מיט אונדזער נסים־קראַפט! אַז מיר האָבן אָנגעוואָרן די אמונה אין אמונה! אַז עס איז אונדז אויסגעגאַנגען די נשמה! מיט דער פאַרווער פאַרע, וואָס פאַרבייט אונדז אַ נשמה, וואָס קאָנען מיר שוין אויפטאָן!

דאָס איז עס, וואו אונדזערע פרום־פרומע און די פאַרוועלטלעכער האָבן אונדז אָפּגעטאָן אין דעם יאָרהונדערט, וואָס איז פאַראויסגעגאַנגען דעם לעצטן פרעה: זיי האָבן ארויסגעצויגן דעם נס פון יידנס נשמה. די פרומע־פרומע, אין שרעק פאַר פאַרוועלטלעכונג, האָבן זיך דערווייטערט פון דער וועלט אין אַ ספּעציעלן איבערוועלטלעכן ראַיאָן, וואו די אמונה איז אמונה, זיך זעטיקנדיק מיט זיך אַליין, ניט שפּייזנדיק זיך מיט דער מאַטעריע פון דער וועלט, איז איינגעדאַרט און פאַרחלשט געוואָרן. און די פאַרוועלטלעכער, כדי צו באַהעפטן זיך מיט דער וועלט, האָבן איינגאַנצן זיך אָפּגעשאָקלט פון אמונה אין אמונה. האָבן זיי אונדז אַלעמען אָנגעשטעקט מיט זייער אומגלויבן און צוזאַמען מיט זיי זיינען מיר פאַרפלאַכט און פאַרטעמפּט געוואָרן.

מיט די פרומע דאַרף מען קיין סך ניט אַרגומענטירן. זיי ווייסן, אַז די גאַנצע יידישע געשיכטע איז געווען אַ פאַרגעזעצטער סדר־צערע־מאַגיאַל אין צוגרייטונג צום נייעם וועלט־סדר אין אחרית הימים — אַ געשיכטלעכער סעאַנס ארויסצורופן די משיח־זעאונג אויף צו באַגעגנען און צונישטמאַכן דעם ארויסרוף פון לעצטן פרעה.

אַרגומענטירן דאַרף מען מיט די אַפּיקורסים. זיי זיינען די הויפּט־מניעה. ווארום פראַקטיש זיינען מיר אַלע אַפּיקורסים, אונדזערע פרומע אויך — מיט אונדזער אוימגלויבן אין נס. — מיט דעם פאַלן פון די געטאָ־מויערן, האָבן מיר געמעגט און געמוזט פאַרוועלטלעכן, פאַרשכלען, פאַרנאַטירלעכן אונדזער איינשטעל צו דער וועלט, נאָר איינהיטן אונדזער חוש פאַר נס האָבן מיר נאָך מער ווי געמוזט.

אָבער אַז מיר זיינען פאָרט בעל־שכלס, און אמונה אין אמונה האָבן מיר ניט און אין נס גלויבן מיר ניט — וואָס־זשע זאָלן מיר טאָן? איז לאָמיר זיך פאַרשטענדיקן. וואָס מיינט נס? נס מיינט די אריינמישונג פון אַ לעבעדיקן ווילן אין נאַטירלעכן גאַנג פון די געשעענישן.

נו, דאַרף מען אָנהויבן דערפון, אַז לעבעדיקער ווילן איז ניט אין סתירה מיט דעם נאַטירלעכן גאַנג פון די געשעענישן. און נס שלאָגט ניט איבער די נאַטור. אמונה אין אמונה מיינט, צוגעבן דעם פּסיכאָלאָגישן פאַקט, אַז גלויבן אין גייסט פאַרמערט גייסט; אַז דורך גלויבן קאָנען מיר פון מיסטעריעזן „אומענד" פון דער וועלטס לעבנס־רעזערוואואַר, וואָס אַן עפענונג צו אים איז דאָ אין יעדן מענטשן, שעפּן נאָכאַנאַנד לעבנס־קראַפט מער וויפיל מיר פאַרמאָגן; מער וויפיל עס איז אונדז געגעבן. און וואָס עס גילט פאַרן יחיד, גילט אויך פאַר אַ פאָלק.

און אמונה אין אמונה מיינט נאָך צוגעבן דעם צווייטן פּסיכאָלאָגישן

פאַקט, אַז די נשמה, סיי פון יחיד און סיי פון פאָלק, קאָן ניט אַרבעטן מיט ליידיקן; אום צו שעפּן לעבנס־קראַפט, מוז זי זיך אויסשמידן כלים און אינסטרומענטן פון הוילן נשמה־שטאָף. און זיי אַלע צוזאַמען שטעלן עס צונויף דעם יידנס אמונה־אַפּאַראַט, מיט זיין הויפּט־געצייג, וואָס האָט אָנגעפּאַמפּט דריי פערטל פון זיין לעבנס־רעזערוו — די דער־לייזונג־בריינגנדיקע משיח־זעאונג.

און אמונה אין נס איז דער אויספיר פון דעם אַלעמען — דאָס מיינט, אַז אָט דער גאַנצער אמונה־אַפּאַראַט — מיט גאָט, מיט זיין הויפּט־געצייג, די משיח־זעאונג — לעבט! וואָרום וואָס זיינען זיי דען ביידע, ווען ניט דער גייסט פון פאָלק אַליין, וואָס לעבט. די משיח־זעאונג איז די פאַרלעבעדיקונג פון פאָלקס ווילן צו לעבן. וויפיל מאָל, ווען דאָס פאָלק האָט שוין געהאַלטן ביים אויסגיין פון צער, יסורים, רדיפות און הריגות, איז עס אָפּגעראַטעוועט געוואָרן צו נאָך אַ שטאַרקערן לעבן דורך דער משיח־זעאונג. אָט דאָס אַלץ איז אַ לעבעדיק וועזן מיט באַ־וואוסטזיין, פאַראויס־וויסן, פאַראויס־זעאונג און פאַראויס־באַשטימונג. דאָס איז די השגחה.

און דאָס אַלץ ווייל איך, אַז די אַפּיקורסים זאָלן עס צוגעבן! — אַז אַ לעבעדיקער ווילן האָט זיך אריינגעמישט על־פּי־נס אין נאַטירלעכן גאַנג פון די געשעענישן. קיין סתירה ביט. אויב ניט דירעקט, האָט דער רעליגיעז־מאַגנעטיזירטער צודעק איבערן יידנס קאָפּ געווירקט אויף די געשעענישן אויף אַן אומוועג — זיך אָפּזעצנדיק אין דער מאַטעריע פון דער יידישער עקאָנאָמיק. די נסים־פּסיכאָלאָגיע, מיט וועלכער דער ייד איז אָנגעלאָדן געוואָרן דורך זיין אמונה, האָט דערלאַנגט פון זיך פון אויבן־אַראָפּ אַ נסים־עקאָנאָמיק — ווי עס טרעפט נאָך היינט־צו־טאָג — און די יידישע עקאָנאָמיק האָט שוין געשלעפּט די יידישע געשיכטע מיט איר צרהדיקן, נאַטירלעכן גאַנג, און דער ענד־רעזולטאַט ווייזט, אַז עס איז געשען, ווי פאַראויסגעזען: עס איז פאַר יידן קיין אויסוועג ניטאָ, סיידן אַ נייער וועלט־סדר וועט איינגעשטעלט ווערן. עס שטימט, עס קאָרעספּאָנדירט דער מאַטעריעלער חשבון מיט דעם רעליגיעזן חשבון. און עס האָט אַלעמאָל קאָרעספּאָנדירט: ווי דער ייד האָט געגלויבט, אַזוי איז אים געשען.

די לעבעדיקייט פון דער השגחה קאָן צוגעלאָזן ווערן אפילו די־רעקט — אָן דעם אומוועג פון אָפּזעצן זיך אין עקאָנאָמיק. אַז עס פירט זיך אַ גרויסער געהיימער חשבון, וואָס באַשטימט דעם גורל פון אַ יחיד, פון אַ פאָלק — דאָס גיט דאָך צו דער פּסיכאָ־אַנאַליז — ניט מער וואָס ער

האַלט, אַז דער חשבון ווערט געפירט אין דעם „אינגעווייד“, אין דעם אונטערבאַוואוסטזיין. אָבער אַן אונטערבאַוואוסטזיין, וואָס פירט גורל־חשבונות, איז דאָך שוין איבער־באַוואוסטזיין. און די משיח־זעאונג איז געווען דער סאַמע פאָדערשטער און סאַמע לעבעדיקסטער טייל פון יידנס גורל־באַוואוסטזיין.

עס איז געווען ווי פאַראויסגעזען. ביז איצט איז די וועלט נאָך ניט געווען פאַרטיק פאַרן אחרית הימים; נאָך ניט געווען גענוג אַרומגענומען פאַר אַ גלאָבאַלער מלחמה, עס זאָל קיין אַנדער אויסוועג ניט בלייבן, ווי נאָר אַ נייער וועלט־סדר. איצט האָבן מיר עס. און עס איז קיין אַנדער אויסוועג ניטאָ. און ניט דער ייד און ניט די וועלט וועלן אָן אַ נייעם וועלט־סדר זיך באַגיין. אויף קרעדיט פון נייעם וועלט־סדר האָבן מיר אונדזער גאַנצן פיל־טויזנט־יאָריקן אחרון של פסח געלעבט. דער וועקסל איז פעליק און מיר דאַרפן צאָלן — און מיר זיינען באַנקראָט. אַלע זיינען מיר שולדיק, אָבער מער פון אַלעמען אָט די איבערגעשפיצטע פאַרוועלטלעכער אונדזערע, די גרויסע בעל־שכלס, וועלכע האָבן ניט געהאַט גענוג שכל איינצוזען, אַז אַלץ וואָס איז דאָ אין דער יידישער אמונה, דער גאַנצער אמונה־אַפּאַראַט, מיט דער לעבעדיקייט פון גאָט, מיט דער לעבעדיקייט פון דער משיח־זעאונג, איז שכלדיק, רעאַל, נאַטירלעך, און האָט דאַרום געמעגט און געמוזט פאַרוועלטלעכט ווערן, אין אַנווענדונג אויף זייער הויפּט־באַשעפטיקונג, זייערע סאָציאַלע אַקטיוויטעטן. יאָ, עס איז גאָר ניטאָ אין דער אמונה, וואָס זאָל ניט קאָנען פאַרוועלטלעכט און פאַרשכלט ווערן, בתנאי מען טוט עס מיט שכל, בתנאי דער עיקר — די לעבעדיקייט פון דער משיח־זעאונג — זאָל דערביי ניט אָנגעוואָרן ווערן.

איצט, ערב דעם נייעם וועלט־סדר, וואָס זיי, די וועלטלעכע האָבן אזוי לאַנג געפּלאָנעוועט, באַצאָלט זיך עס — אָט דער אומקינסטלערישער, מעכאַנישער צוגאַנג זייערער. זייער וועלט־סדר פאָדערט אומבאַדינגט אַ קונסט־נס זאָל אָפּגעטאָן ווערן דעם מענטשן, ער זאָל ניי באַלעבט ווערן, ניי באַשאַפן ווערן, וואָס נאָך דעם גאַרט ער זיין לעבן לאַנג אפילו אין געוויינלעכן לעבנס־סדר, בפרט ווען אַ נייע וועלט דאַרף זיך אויף אים שטיצן.

רעדנדיק אויף דעם לשון פון די וועלטלעכע: — אום צו אַקטיוויזירן די מאַסן פאַרן נייעם וועלט־סדר, דאַרף קינסטלעריש אויפגעלעבט ווערן די לעבעדיקייט פון דער משיח־זעאונג, וועלכע האָט וויפיל מאָל באַוויזן, אַז זי איז בכוח דורכצוזעצן מענטש־איבערשאַף אויף מאַסן־

מאסשטאַב. אָבער אַ קונסט־געשטאַלט דאַרף זי בלייבן, ניט קיין פאַר־קערפּערונג. — פאַרקערפּערונג, דאָס איז „פירער", דאָס איז היטלער, דאָס איז פאַשיזם.

רעדנדיק אויף דעם לשון פון אונדזערע רעליגיעזע: — מיט דעם נייעם בראשית, מיט דעם נייעם וועלט־באַשאַף, דאַרף קומען אַ נייער מענטש־באַשאַף, בצלם אלהים. און ווייל דאָס איז ניט געשען, איז גע־קומען דער אויפשטאַנד פון מענטש בצלם חיה קעגן מענטש בצלם אלהים. דער לעצטער פאַרמעסט. און ווי אין יעדן פאַרמעסט, האָט היטלער זיך אָנגענומען מיט אַ העלפּט פון דער גענאַליטעט פון אונ־דזער וועלט־סדר באַרוף.

זאָל דער פּסח, וואָס סדרט דעם נס פון אמונה, אונדז דערמאָנען אָן דער נס־קראַפט, וואָס דרעמלט אין אונדז. עס איז אין די לעצטע יאָרן איינגעפירט געוואָרן אַ מנהג צו פּראַווען אחרון של פּסח אַ דריטן, וועלטלעכן סדר. דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד איז דער איני־ציאַטאָר. דער צוועק: צו איבערזעצן די פרומע טראַדיציע אין וועלט־לעכער קונסט. די כונה איז אַ גוטע, אָבער ניט גענוג אויפצוואועקן אין אונדז די דרעמלנדיקע קראַפט. די פרומע טראַדיציע, אַנטלויפנדיק פון די אַפּיקורסים, איז פאַרקראָכן אין אירע שטיבלעך צו פּראַווען ביחידות אַ נשמה־פּלפּול מיט גאָט — אַנשטאָט צו פאַרמעסטן זיך מיט די אַפּיקורסים, איבערזצנדיק די פרומע מצוות אין סאָציאַלע מעשים. און די וועלטליכע קונסט איז אין אַ נעבעכדיקן צושטאַנד, צוגעקלעפּט צום בלאָזן פּאַפּיר. דער דריטער וועלטלעכער סדר האָט אָבער די מעלה, וואָס מען קאָן מיט אים פריי אָפּערירן. אָט ווען אַזאַ סדר זאָל געפּראַוועט ווערן פון חלוצים, אָנגעלאָדענע מיט לעבעדיקן גאָט־גלויבן, באַוואָפנטע מיט דער לעבעדיקער משיח־זעאונג — אין אַ קבוצה אין ארץ ישראל, וואָס שרעקט זיך ניט פאַר גאָט אָדער אין אַ קבוצה אַרום ניו יאָרק — דעמאָלט אפשר וואָלטן מיר זוכה געווען צו שפּילן די ראָלע פון אליהו הנביא ביים סדרן דעם נייעם וועלט־סדר.

אונדזערע פסח׳דיקע כלים

מיר דאַרפֿן דאַנקבאַר זיין יעדן יידישן יום־טוב, וואָס ער נעמט אונדז ארויס פון דער טאָג־טעגלעכקייט, אין וועלכער מיר זיינען איינגע־זונקען ביז איבערן קאָפּ און צווינגט אַפילו דעם פּשוטסטן פון אונדז זיך צו פאַרטראַכטן וועגן די אייביקע יידישע פּראָגן, וועגן די יידישע וועלט־געשיכטלעכע פּראָבלעמען. בפרט דאַנקבאַר דאַרפֿן מיר זיין דעם יום־טוב פסח, וועלכער איז די אייביקע יידישע געשיכטע פאַרסימבאָליזירט; בפרט און בפרט דעם היינטיקן יום טוב פסח, וועלכער האָט די אייביקע יידישע געשיכטע, מיט דער וועלט־געשיכטע אינאיינעם, אונדז ארויפ־געוואָרפן אויפן סדר־טיש. און מיר פאַרשפּאָרן צו האַנדלען און ריידן אין סימבאָלן, רמזים און ראשי־תיבותן. די סימבאָלן, רמזים און די ראשי־תיבותן פון מכות און בלוט־טראָפּנס — אַלע זיינען זיי מוראדיק קאָנקרעט! ניט בלוט־טראָפּנס, נאָר ימים בלוט! מכות אין מילע־מיר־ליאָנען! און אַלץ אויף אונדזער חשבון. אויף אונדזערע קעפּ ציילט די וועלט מיט דער גלייכגילטיקייט ווי מען ציילט טראָפּנס וויין: דצ״ך, עד״ש, באח״ב...

און אַלץ דערפֿאַר, ווייל דער וועלט האָט זיך פאַרוואָלט נאָכטאָן אונדזער יום־טוב פסח, סדרן אַ נייעם וועלט־סדר. האָט זי פריער פון אַלץ אונדז געמאַכט פֿאַר איר קרבן פסח. אַנשטאָט בלוט־טראָפּנס האָט זי איר אַלטן בלוט־בלבול אויף אונדז גענומען מקיים זיין אויף אַ קאָנטי־נענט־מאַסשטאַב. דעם גאַנצן חמץ אירן האָט זי ארויסגעפּאַקט חמצדיק צו מאַכן אונדזערע פסחדיקע כלים, צו פאַרשוואַרצן אונדזער ליכטיקע פסחדיקע האָפֿנונג אויף דערלייזונג.

אָבער היינטיקן פסח טאָרן מיר ניט ריידן אין סימבאָלן. מיר מוזן ריידן קאָנקרעט. און די קשיות, וואָס מיר פרעגן, דאַרפֿן זיין קאָנקרעטע קשיות: פאַרוואָס קומט עס אונדז? וואָס זיינען מיר שולדיק, וואָס די וועלט האָט אָנגעזאַמלט אזוי פיל חמץ און זי קאָן קיין נייעם סדר ניט פּראָוען ביז דער חמץ וועט ניט אויסגעראָמט ווערן? און זי איז זיך נוקם אָן אונדז פאַר איינגעבן איר אונדזער פסחדיקן חלום וועגן דער־לייזונג?

קאָנקרעט גערעדט, בעת מיר פּראַוון אין יום־טובדיקער געמיט־לעכקייט פּראַווען סדר, גייען אונגאַרישע יידן ביז אַ מיליאָן אין צאָל אין קאָנצענטראַציע לאַגערן טאָג־טעגלעך זיך צו באַגעגענען מיט די טויזנטער חלף־שאַרפע מלאך־המות אויגן. און וויפיל פון זיי האָבן די באַגעגענישע שוין געהאַט, וויפיל זיינען שוין אומגעקומען, ווער פון דער אייגענער זעלבסטמערדערשער האַנט און ווער פון די נאַצישע מערדער־הענט? מעגן מיר זיך חלף־שאַרפע פראַגן פרעגן: פאַרוואָס קומט זיי דאָס? — זיי מאַרטער־טויטן און לויהס אונדז אַ סדר? דאַרפן מיר ניט אויפשפּרינגען פון די היסב־בעטן און רייסן זיך די האָר אויפן קאָפּ? — אונדזערע אונגאַרישע ברידער זיינען די לעצטע, אָבער ניט די ערשטע. אונדזערע ברידער אין פּוילן, אין וואַרשע, לובלין, לעמ־בערג און טרעמבלינקע; און אונדזערע ברידער אין דעם פריער־אָקופּירטן און איצט באַפרייטן רוסלאַנד — אין קיעוו, כאַרקאָוו און באַר־דיטשעוו — אַלע האָבן זיי דורכגעמאַכט די הונדערט־טויזנטפאַכיקע לויה־סדרים.

אודאי ווייסן מיר עס. אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר האָבן מיר עס גע־געוואוסט, האָבן מיר אָפּגעפּאַסט אַ תענית און זיך געזעצט צום טיש צו פאַרפאַסטן. אַריינגעוואָרפן אין צדקה־פּושקע, אָפּגעצאָלט דעם חוב און זיך פאַרפאַנצערט מיט גלייכגילטיקייט, כדי צו קאָנען אָנגיין מיט אונ־דזער נאָרמאַל לעבן. אזוי אַלע טעג און אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר. אָבער היינט, אין דער נאַכט פון פסח, וועלכע איז אַנדערש פון אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר, מעגן מיר, זאָלן מיר אויפרייסן די פאַרפאַנצערונג מיט גלייכגילטיקייט און אַריינשטעכן זיך אין האַרצן די חלף־שאַרפע פראַגע: אפשר איז דאָס די גלייכגילטיקייט, דאָס שטיק חמץ, וואָס מיר האָבן ניט אויסגעראַמט פון אונדזער לעבן, און דערפאַר איז אונדז דער סדר פאַרשטערט געוואָרן? און אפשר איז דער ניט־אויסגעראַמטער חמץ פון אונדזער לעבן מיטשולדיק אין דעם, וואָס ניט נאָר דער פסח, נאָר די לעבנס פון מיליאָנען ברידער זיינען פאַרשטערט געוואָרן, און אָנשטאָט סדרים פּראַווען זיי לוויהס?

מיר דאַרפן אַריינקוקן אין אַלע ווינקעלעך פון אונדזער לעבן און אויסראַמען דעם חמץ, וואָס האָט זיך דאָרט פאַרוואַלגערט. אפשר איז דאָס דער פאַרוואַלגערטער חמץ, וואָס מאַכט חמצדיק אונדזערע פסחדיקע כלים און זיי האָבן אויפגעהערט דינען צו דעם צוועק, צו וועלכן זיי זיי־נען באַשטימט געוואָרן — צו „יציאת גלות" און צו גאולה לעתיד לבוא? לאָמיר זען: די כלים — דאָס זיינען דאָך ניט נאָר די מצות, מרור און

די פאַרעוועטע חרוסת. נאָך מער איז דאָס געווען דער חלום פון דערלייזונג, וואָס פסח איז געפייערט געוואָרן ווי אַ פאַרשפּיל צו איר. און נאָך מער איז דאָס געווען די געשטאַלט פון אליהו הנביא, דער גאולה־אָנזאָגער, פאַר וועמען די טיר ווערט געעפנט ביי „שפוך חמתך". דאָס זיינען געווען סימבאָלישע כלים, אָבער צוויי טויזנט יאָר האָבן זיי געדינט, דער־האַלטנדיק די אמונה, וואָס האָט דערהאַלטן אונדזער קיום. אָבער אַט האָט די געעפנטע טיר פאַר אליהו הנביא זיך געעפנט אַזוי ברייט אריינ־צולאָזן די גאַנצע וועלט. און דער יידישער סדר־טיש איז ארויסגעשטעלט געוואָרן דרויסן אין דער וועלט. די השכלה און די וועלטלעכקייט, און, דעם אמת גערעדט, דאָס גאַנצע יידישע פאָלק האָט עס אָנגענומען פאַר אַ סימן, אַז די גאַנצע וועלט איז גאולה־גרייט. זי וועט בכבוד־גדול אויפנעמען אליהו הנביא, און דעם, אויף וועמען ער איז אַן אָנזאָגער, און גאָר אין גיכן וועט זי פאַרוועזן אַ נייעם וועלט־סדר.

וואָס האָט געדאַרפט געטאָן ווערן? צו די סימבאָלישע כלים, די אמונה־דערהאַלטער, האָבן געדאַרפט צוגעגעבן ווערן קאָנקרעטע כלים — מעשים, וואָס גילטן אין דער וועלט, און אין זיי האָט מען געדאַרפט לאָזן אריינפליצן די אָנגעזאַמלטע פאַר טויזנטער יאָרן יידישע גבורה פון אמונה. דאָס האָט געדאַרפט זיין די אויפגאַבע פאַרביידע צדדים: פאַר די פרומע, די געשוואָרענע אמונה־היטער, און פאַר די וועלטלעכע, וואָס האָבן זיך געהאַלטן פאַר מבינים אויף סאָציאַלע מעשים. דאָס איז ניט געטאָן געוואָרן. דער פרומער צד איז געבליבן ביים סימבאָלישן גלות־איינשטעל, די וועלטלעכע, אויסגעליידיקטע פון אמונה־גבורה, דאַרפן צוטופּען מיט די פיס און צופּאַטשן מיט די הענט, כדי צוצוגעבן זיך קוראַזש. דאָס איז דער חמץ, וואָס האָט געבראַכט, אַז אַלע אונדזערע פסחדיקע כלים האָבן זיך אויסגעדינט, און מיר מוזן הילפלאָזע זיך צוקוקן צו אַ פיל־מיליאָנענדיקער יידישער לויה.

פאַראַן נאָך געגנוג חמץ אין יידישן לעבן, וואָס טראָגט צו צו אונ־דזער טראַגישער אומבאַהאָלפנקייט — ווי דאָס שטיק חמץ, וואָס האָט פאַרזייערט דעם הייליקסטן, פסחדיקסטן יידישן פסוק: „שמע ישראל, ד' אלהינו, ד' אחד!" — וואָס דאָס מיינט אַז מיר זיינען איין וועלט־פאָלק אונטער איין וועלט־גאָט; אַז ארץ־ישראל און חוץ־לארץ זיינען איין יידיש לאַנד און גאולה און גלות זיינען איינציקייטיק און קעגנזייטיק. דאָס וועלט־פאָלק איז צעפאַלן אויף חלקים און חלקימלעך. אַנשטאָט איין קאָפּ האָט יעדער חלק אַ קאָפּ מיט קעפּלעך. איין קאָפּ נעמט זיך אַ ווינקעלע ארץ־ישראל, אַ צווייטער — אַ ווינקעלע חוץ לארץ, און צעריסן און צעפּליקט

ווערט די יידישע אחדות, צעדריבלט אונדזער כוח און ווערטלאָז ווערט אונדזער ווערט און ביליק אונדזער לעבן ביי די פעלקער...

אָבער איך האָב שוין אָנגעוויזן אויף גענוג יידישן חמץ צו פאַרבינדען אונדז אין מיטשולדיקייט מיט דעם באַרג וועלט־חמץ, וואָס האָט מיט זיין גאַנצער משא, זיך אַרויפגעוואָרפן אויף אונדז און וויל אונדז צעדריקן און דערשטיקן.

יאָ, די וועלט איז געווען גאולה־גרייט. איר האָט זיך פאַרוואָלט אַ פסח מיט אַ נייעם וועלט סדר. ווי ניט איז, האָבן מיר זי אָנגעשטעקט מיט דער געשטאַלט, אויף וועלכער אליהו הנביא איז דער אָנזאָגער, און וועלכע הויערט איבער אַלע אונדזערע פסחדיקע סדרים, די געשטאַלט איז אונדזער דם התמצית, די פאַרגעשטאַלטיקטע יידישע פאָלקס־נשמה, וועלכע לעבט מיט אונדזער לעבעדיגקייט. האָט די וועלט געפרואווט די געשטאַלט צו־נעמען ביי אונדז. לייכטזיניקע און לייכטפיסיקע יידישע קינדער האָבן איר געגעבן די געלעגנהייט. די יידישע נשמה האָבן זיי געוואָלט צונעמען און דעם יידישן גוף אָוועקוואַרפן. נאָטירלעך האָבן מיר עס ניט געוואָלט דער־לאָזן. די געשטאַלט, אַ געהאַדעוועטע פון דער יידישער עלית־נשמה, אַ גע־שפייזטע מיט לעבן דורך דעם בלוטיקן יידישן גורל — וואָס איז זי ווערט אָן דעם יידישן פאָלק? — האָבן זיי, די צונעמער פון אונדזער דם התמצית געמאַכט אַ בלוט־בלבול פון קרייציקונג אויפן יידישן פאָלק. מיט קנאַפע 2,000 יאָר צוריק אין אַן ערב־פסח איז דאָס געשען. און פאַר די 2,000 יאָר איז די בלוט־בלבול קרייציקונג פון יידן פאַרגעזעצט גע־וואָרן. און אזוי אַן אָפּגעשונדענע, אויסגעיידישטע, מיט יידיש בלוט פאַר־שמירטע איז די לכתחילה־יידישע געשטאַלט זיך דערטראָגן ביז צו אונ־דזער צייט. נאָר כאָטש אַן אָפּגעשונדענע, פאַרבלוטיקטע, האָט די יידישע גאולה־בשורה פאַרט זיך געמיניעט אין איר, און זי האָט געהאַט כוח צו רו־דערן פעלקער, צו קערעווען די וועלט־געשיכטע, אָבער ניט גענוג כח מקיים צו זיין די יידישע גאולה־בשורה.

זעען מיר: ווען די וועלט איז מאַטעריעל ראוי פאַר אַ נייעם וועלט־סדר, צוקט זי און קרעמפּט און קראַכט און פּלאַצט און וואַרפט זיך פון איין וועלט־מלחמה אין אַ צווייטער וועלט־מלחמה, אָבער דער אַקט פון איבערגאַנג צום נייעם וועלט־סדר און דעם יידישן צוגאָב פון מענטש־דער־לייזונג, פון מענטשנס ניי־באַשאַף דורך דער ייד־געשטאַלט, קאָן זי ניט דורכפירן. קערט זי זיך אום צוריק צום אימפּעריאַליסטישן קנאה־שנאה־צושטאַנד פון פאַר דער מלחמה. און זי פאַלט צוריק צו איר 2,000 יאָ־ריקן „רעטונגס־מיטל" פון יידן־קרייציקונג. די פעלקער־שונאים טוען עס

אודאי, אָבער די פעלקער גוטע פריינט טוען עס אויך. וואָרעם וואָס איז דען דאָס פאַרשליסן ארץ־ישראל פאַר יידישע פליטים, ווען ניט אַ באַנייטע יידן קרייציקונג, די אויסליפערונג פון נאָך אַ מיליאָן צו אַ היטלער־שחיטה?

עס ווערן בטל אַלע גאולה־דעקלאַראַציעס און פרייהייט טשאַרטערס. אַלע הייליקע צוזאָגן ווערן אָפּגעלייגט אויף נאָך דער מלחמה. דערווייל זאָל מען לאָזן ריידן די מלחמה־געצייג פון די שטאַרקע פעלקער. און אַזוי ווי די יונגע סאָלדאַטן פאַלן שטומערהייט, ניט וויסענדיק פאַר וואָס און פאַר ווען, זאָלן אויך די קלענערע פעלקער שטומען אין געהאָרכזאַמקייט. אָבער אַזוי וועט ניט זיין! זיי וועלן אויך מאַטעריעל די מלחמה ניט קאָנען פאַר־ענדיקן. די מלחמה־געצייג אַליין וועלן ניט אַנטשיידן. די 2,000־יאָריקע יידישע גאולה־בשורה האָט זיך אריינגעזויגן אין מאַטעריעלן וועלט־סדר גופא. נאָכדעם ווי ענגלאַנד האָט זיך פאַרזיכערט מיט אַ טעהעראַן־קאָנ־פערענץ, האָט זי שוין געמיינט, אַז זי האָט אירע הענט פריי. און זי האָט גענומען צוזאַמענשטוקעווען אַ פאַן־אַראַבישע פעדעראַציע אויף אויסצו־שפרייטן איר פאַר־מלחמהדיקע אימפעריע אויף צו דעקן גאַנץ אַזיע מיט אַפריקע אינאיינעם. אָבער סאָוויעט־רוסלאַנד, דורך דעם הערויאיזם פון דער רויטער אַרמיי, האָט זיך צוגערוקט צו די סאַמע גרענעצן פון מערב־איראָפּע, און זי האָט גענומען האַנדלען זעלבסטשטענדיק, צו פאַרלויפן דעם וועג אַ פריצייטיקער וועלט־חלוקה. און עס שטייגט שוין די מורא פאַר אַ מוראדיקן צוזאַמענשטויס צווישן אַלט־אָרדנונג און נייע־אָרדנונג. אָן אַ ריי־זיקער גייסטיקער אָנשטרענגונג פון די פעלקער־מאַסן איז ניט אויסצו־מיידן נאָך אַ בלוטיקערע קאַטאַסטראָפע...

דאָ וואָלט געווען דער מאָמענט פאַר אונדז יידן אריינצומישן זיך, ווען מיר וואָלטן מיט אונדזער אייגענעם חמץ ניט פאַרחמצט אונדזערע פסחדיקע דערלייזונגס־כלים, ביז זיי האָבן אָנגעוואָרן זייער גאַנצע וויר־קונגס־קראַפט אויף אונדז אַליין. אָבער כדי ניט צו בלייבן גלייכגילטיקע צוקוקער צו אַ נייער יידישער מיליאָנען־לוויה, וועלן מיר עס מוזן טאָן. אַלע צוזאַמען, פרומע און וועלטלעכע, דורך אַ שותפותער אָנשטרענגונג מוזן מיר עפענען די דאַמבעס, וואָס פאַרשטעלן די אויספלייצונג פון אונדזער אָנגעזאַמלטער נשמה־גבורה. אַזוי און ניט אַנדערש וועלן מיר העלפן אויסראַמען דעם וועלט־חמץ, וואָס פאַרשטעלט דעם איבערגאַנג צום נייעם וועלט־סדר, וואָס ביז דאָס וועט ניט געשען, וועלן די פעלקער זיך נוקם זיין אָן אונדז.

צוליב פיקוח נפש מעגן מיר זיך אויך ווענדן מיט שטאַרקע רייד צו

דער קריסטלעכער קירך: זאָל זי אונדז באַצאָלן דעם 2,000 יאָריקן בלוטיקן חוב! זאָל זי אויסקויפן די זינד, וואָס זי האָט פון דעם יידישן דם־התמצית געמאַכט אַ קרייציקונג פאַר אונדז. וואָס האָט זי געטאָן מיט דער אָפגעשונ־דענער אויסגעיידישטער ייד־געשטאַלט? מיט זיין סימבאָלישן בלוט איז זי זיך מוחל די קליינע פערזענלעכע זינד. אָבער פאַר דער שפיכת דמים פון אַ געקרייציקטן פאָלק איז זי יוצא מיט לעפלעכן מיטגעפיל!...

טרויעריק זעצן מיר זיך צום היינטיקן סדר — אָבער דעם יום־טוב פסח טאָרן מיר ניט פאַרשוועכן. אין אונדזער יום־טובדיקן טרויער איז פאַרט דאָ די גאַראַנטיע, אַז אליהו הנביא, דער גאולה־אָנזאָגער, וועט אונדז ניט נאַרן. אָן זיין בשורה וועט נאָך מער ווי מיר די וועלט אומקומען!

דער דריטער סדר

מיר וועלטלעכע, האָבן אין די לעצטע יאָרן זיך געמאַכט אַ מנהג, נאָכדעם ווי די טראַדיציאָנעל־פרומע האָבן אָפּגעריכט זייערע צוויי סדרים, ריכטן מיר אָפּ נאָך פּסח אַ דריטן סדר.

איז עס פאַר אונדז דאָ אַ גרויסע לעקציע אָפּצולערנען פון פרומען סדר — אַ לעקציע, וואָס קאָן אונדז העלפן סדרן אַ סדר, וואָס זאָל איבער־סדרן די וועלט! די לעקציע הויבט זיך אָן דערמיט, וואָס זי לייזט דאָס הויפּט־פּראָבלעם, וואָס מאַטערט אונדזער וועלטלעכע אינטעליגענץ: ווי אַזוי איבערצונעמען די רעליגיעזע איבערלעבונג אין וועלטלעכע פאָרמען — אָן שום שאָדן פאַר דער וועלטלעכקייט. דורך אָט דעם רעליגיעז־וועלט־לעכן סינטעז וועלן אַלע אונדזערע וועלטלעכע מיטלען אָנגעלאָדן ווערן מיט רעליגיעזן דינאַמיט פאַר אַ ריזיקער פּעולה.

די לעקציע איז איינגעשלאָסן אין דעם הויפּט־צערעמאָניאַל פון סדר: ווען די טיר עפנט זיך פאַר דער אומזיכטבאַרער געשטאַלט פון אליהו הנביא און אַ קבלת־פּנים ווערט פאַר איר אויפגעשפּילט. דאָ, אין דעם אַקט, קומען זיך צונויף אין אַ סינטעז רעליגיע און קונסט — דאָס שע־פערישע הויפּט מיטל פון אונדזער וועלטלעכקייט, מיין באַהויפּטונג איז אַז דורך אָט דעם אויפשפּיל צו אַן אומזיכטבאַרער געשטאַלט זיינען יידי־שע קינדער — קליינע און גרויסע — געשטאַלטיקט־געיידישט געוואָרן דורך יאָר־טויזנטער. איך האָב דערויף אָנגעווענדעט דעם פּסוק כ״ז פון דער ערשטער פּרשה בראשית: „און גאָט האָט געשאַפן דעם מענטשן לויט זיין געשטאַלט.״

ווען איך בין אַ סופר און עס ווענדט זיך אין מיר, וואָלט איך זיך ניט איינגעהאַלטן און דעם פּסוק אַריינגעשריבן אין די עשרת הדברות נאָך פאַר אָנכי. וואָרעם אויך דער אָנכי נעמט זיך פון אים אַרויס. ווי־באַלד דער מענטש איז באַשאַפן לויט דער גאָט־געשטאַלט — איז וואו דאַרף מען זוכן גאָט? ניט אין הימל, נאָר אינעם מענטשן! פריער פון אַלץ אין זיך, דערנאָך אין מיטמענטשן.

דער פּסוק איז ווירקלעך כולה תורה על רגל אחת. באַשאַף דעם מענטשן! — דאָס איז די ערשטע און הויפּט־מצווה פון דער תורה, פון

וועלכער אַלע מצוות נעמען זיך אַרויס. איידער מען לערנט דעם מענטשן טאָן מצות, אויספאָלגן דינים — רעליגיעזע, סאָציאַלע, עקאָנאָמישע — דאַרף מען דעם מענטשן אין אים באַשאַפן. און ביידע, אי די רעליגיע, אי די קונסט, באַשאַפן מענטשן, ווי אין פסוק שטייט: לויט דער געשטאַלט! מיט דער נפקא מינה, וואָס די קונסט טוט עס אויף רויען מאַטעריאַל — פאַפיר, ליים, פאַרב און קלאַנג — און די אמונה פירט דורך איר מענטש־באַשעפערישן אַקט אויף לעבעדיקע מענטשן. און דאָס איז רעליגיע: קונסט און לעבעדיקע מענטשן! יעדע רעליגיע טוט עס, ווען זי זעצט דורך דעם קינסטלערישן אַקט פון געשטאַלט־געבונג אויף מענטשן מאַסע.

ביי יידן איז לייכט איינצוזען, אַז דאָס געציִיג פאַר דעם איז געווען אַן אומזיכטבאַרע קונסט — די משיח־וויזיע, וואָס זי האָט זיך אַרויס־גענומען פון פסוק כ"ז אין דער ערשטער פרשה בראשית. וואָס דער באַ־שעפער טוט אין דער שטיל אינם מענטשן — מען שפירט, ווי ניי לעבן קוועלט אַן פון אור־קוואַל. עס צאַפּלט זיך אַ לעבעדיק באַשעפעניש. נייער מענטש ווערט געבוירן — דאָס טוט די משיח־וויזיע בפרהסיא, אין דער פולער עפנטליכקייט, אויף מענטשן־מאַסע. אזוי טאַקע איז די משיח־וויזיע אויפגעקומען: פון דער אינוויייניקסטער שפּירונג פון באַשאַפן ווערן. מען קאָן דעם פּראָצעס נאָכפאָלגן ביי די נביאים. אָט איז „גאָטס קנעכט", — משיח, — דער נביא אַליין. און אומבאַמערקט פאַרן נביא ווערט דאָס גאַנצע פאָלק „גאָטס קנעכט" — דער משיח־דערלייזער. אָבער אזוי אויך ביי אונדזערע פּאָעטן־משיחיסטן. די דערלייזער־געשטאַלט, וואָס זיי האָבן אויסגעחלומט אין זיך, טראָגן זיי איבער אויפן גאַנצן כלל. רעליגיע און קונסט גלייכן זיך דאָ אויס אין מעטאָד.

פון אָט דעם רעליגיעז־קינסטלערישן שטאַנדפּונקט דאַרף מען רעווי־דירן דעם אַנטי־משיחיסטישן אָבערגלויבן פון אונדזערע פאַרוועלטליכער, זיי טענהן, אַז בלויז צרות און אומגליקן האָט דער משיח־גלויבן אונדז געבראַכט. ניט אמת. דער עיקר פון משיח־גלויבן איז ניט די פאַר־קערפּערונג פון דער משיח־געשטאַלט, נאָר די געשטאַלט גופא, די אָנגע־צילעוועטקייט צו דער משיח־וויזיע, די אָנגעשפּאַנטע דערוואַרטונג פון משיחן, וועלכער קען קומען יעדע רגע. ניט די פאַרקערפּערונג, נאָר די זעאונג פון משיחן איז דער עיקר. דערפון זיין רעטונג־דינסט און דער־האַלטונגס־דינסט. דער פאַרבאָט: לא תעשה לך פסל — קיין פאַרקערפּע־רונג, קיין מאַטעריעלע פאַרגעשטאַלטונג! — איז חל ניט נאָר אויף גאָט, נאָר אויך אויף משיחן. אַן אומזיכטבאַרע געשטאַלט אַן אַ זיכטבאַרן לבוש — און דאָך ווערט געלעבט, געגלויבט, געהאַנדעלט אויף דער געשטאַלט —

האָט די געשטאַלט זיך אַריינגעפּרעסט מיט געוואַלטיקער לעבעדיקייט אין יידנס געדאַנק און לייב און לעבן. דער ייד האָט זיך גערדאַרפט פּאַרגי־טיקן מיט שאַרפערער אינערלעכער איבערלעבונג פון דער משיח־געשטאַלט פאַר איר מאַנגל אין אויסערלעכן לבוש, און איר ווירקונג איז געווען אַ פיל שטאַרקערע. אַלע פאַרפירעניש פון פאַלשן משיחיזם האָט זיך גענו־מען פון די קאַנדידאַטן אויף משיחן, וועלכע האָבן געזוכט צו פאַרקער־פערן זיין געשטאַלט אין פלייש און בלוט, וואָס דאָס האָט שוין במילא גע־בראַכט, אַז די פאַרקערפערער זאָלן זיך דאָרטן אַריינפּאַסן אין די מאַטע־ריעלע אומשטענדן פון צייט און סביבה — אין טערקיי, צי אין פוילן — וואָס אָן קאָמפּראָמיסן און אָן פעלשונגען קאָן מען זיך דאָ ניט באַגיין. און ברכות פון משיחיזם — די רוח הקודשדיקע פאַרוואַנדלונגען, די מאַסן־אי־בערגעבורטן, די פרייד־אויספלייצונגען — האָבן זיך גענומען פון איינ־זויגן זיך אין דער אומזיכטבאַרער געשטאַלט, מיט אַ באַשעפטיקונג דורך משיח־מעשים — וואָס דאָס איז די משיח־דערוואַרטונג. דערפון די פאַר־שאָלטנקייט פון דער שבתי צבי באַוועגונג און די געבענטשטקייט פון בעל־שמס באַוועגונג.

דערום זאָגט ניט, אַפּיקורסים, אַז דער אָפּרוף מיט משיחיזם איז אַ פאַרפירעניש, אַז עס פלעגט זיך שטענדיק אָפּענטפערן מיט אַ געפעל־שטער דערלייזונג, מיט אַ פאַלשן משיח; אַז די משיח באַוועגונגען פלעגן נאָר ברייננען אומגליקן אויפן יידישן פאָלק. אפילו נאָך דער גזירת ת"ח איז דער אָפּענטפער ניט אינגאַנצן אַ פאַרפירעניש געווען. פאַרפירט אין שבתי־צביסטווע איז געוואָרן אַ טיילכעלע פון פאָלק, אָבער אַ העלפט פון פאָלק איז דורך דער בשורה פון דערלייזונג, דורך דער פרייד פון משיח־דערוואַרטונג אַרויסגעראַטעוועט געוואָרן פון טויטנדיקן סם־המוותדיקן יאוש. און די בשורה און די פרייד האָבן זיך אַלץ מער געלייטערט פון פאַר־פירעניש, ביז זיי האָבן דערלאַנגט פון זיך דעם בעל־שמס חסידות, וועל־כע איז ניט קיין אַנדערע זאַך ווי משיח־בשורה און משיח־פרייד, קבלת־פנים פאַר משיחן — אָן פאַרקערפערטן משיח. פּאָעטן, עסייאיסטן, נאָווע־ליסטן, דראַמאַטורגן — פאַררעכנט דעם בעל־שם פאַר דעם געניאַלסטן קינסטלער אונדזערן! ער האָט פאַרוואַנדלט די משיח־געשטאַלט אין אַ ריין־קינסטלערישער וויזיע — מותר פאַר וועלטלעכע קינסטלער אונדזערע צו געברויכן. און ער האָט אַוועקגעזעצט קבצנים אַרום זיין טיש, און מיט דער הילף פון זיין קינסטלערישער משיח־וויזיע האָט ער זיי איבערגע־שפּילט, איבערגעשטאַלטיקט אין גבירים אַדירים! — ער האָט געפּראַ־וועט קונסט אויף לעבעדיקע מענטשן!

זאָל אליהו הנביא ענטפערן!

די ניט־פאַרענטפערטע יידישע קשיות פון אַ גאַנץ יאָר

תיקו — אומעטום וואו עס איז געווען שטאַרק הארב און די חכמים האָבן זיך קיין עצה ניט געקאָנט געבן, האָט די גמרא אוועקגע־שטעלט תיקו — די קשיא בלייבט שטיין ביז אליהו הנביא וועט קומען און זי פאַרענטפערן. נו, קומט ער דאָך יאָר־איין, יאָר־אויס צו די סדרים — פאַרוואָס פרעגן מיר אים קיין קשיות ניט? די פיר קשיות, וואָס קינדער פרעגן ביים סדר, פאַרענטפערט שוין די הגדה אַליין, אײדער נאָך אליהו קומט. אַזוי אַז ס׳קומט אויס, אַז ער איז זיך מטריח אומזיסט. די הויפּט־שליחות, וואָס איז אויף אים אַרויפגעלייגט געוואָרן צו פאַרענטפערן די שווערע קשיות, וואָס דערמיט דאַרף זיך אָנהויבן משיחס צייטן, בלייבט פון אים ניט דערפילט.

אָבער האָבן מיר טאַקע וואָס צו פרעגן אים? און וואו זיינען די ניט־פאַרענטפערטע יידישע קשיות פון אַ גאַנץ יאָר און פון די אַלע לעצטע קאַטאַסטראָפע־יאָרן? כאָטש די הגדה הייסט אונדז פריילעך זיין און איז אונדז מכבד מיט פיר כוסות לכבוד יום־טוב, און דורכגייענדיק מיט אונדז אַ העלפט פון דער יידישער געשיכטע, פאַרענדיקט זי מיט אַ טרייסט, אַז וואָס עס זאָל מיט אונדז ניט פאַסירן, וועלן מיר פאָרט בלייבן לעבן. אָבער נאָך אַמאָל אַזאַ „לעבן בלייבן", און עס וועט זיין אויס מיט אונדז. אַז מיר וועלן צוגעבן אַ פּאָר ביטערע געדאַנק־טראָפּנס צו די פיר כוסות, וועלן זיך אָננעמען מער ווי פיר קשיות פאַר אליהו. די ערשטע קשיא, וואָס אַלע יידן האָבן זיך געפרעגט אין טאָג פון תענית: פאַרוואָס און פאַרוועמען איז עס געשען? עס איז אַ קשיא אויף דעם אויבערשטן אַליין. די צווייטע קשיא וועגן אונדזערע פרומע גאונים, וואָס מיר האָבן דאָך קיין עין הרע אַזוי פיל: מיט זייער גאַנצער גאונות האָבן זיי ניט באַוויזן אָנצושעפּן קיין איין טראָפּן פרישע קראַפט פון רעזערוואָאַר פון קראַפט, וואָס די פרומקייט האָט אָנ־געזאַמעלט אין דעם אויבערשטן. אַ פרישע כוואַליע גאָט־קראַפט האָט זיך געפאָדערט אָפּצושלאָגן די קאַטאַסטראָפע. אַ דריטע קשיא אויף אונדזערע

וועלטלעכע, וואָס אָנשטאָט גאונות פאַרמאָגן זיי אַזוי פיל צוקונפט־פּראָ־גראַמען. אויסער מיטשטאַרבן מיט אונדזערע קדושים אַ הערויאישן טויט, האָבן זיי אונדז ניט צוגעגעבן קיין איין גייסטיקן וואָפן אויף צו באַוואָ־רענען אויף להבא. אַ פּערטע קשיא אויף דער גרויסער וועלט, וואָס לאָ די וואָס זי האָט זיך צוגעקוקט אין גלייכגילטיקייט צו אונדזער גרויסן בראַך, איז זי איצט גרייט אונדז איבערלאָזן ווי מיר שטייען און גייען. האָבן מיר גאָר קיין מיטלען ניט צו ברעכן איר האַרטהאַרציקייט ?

וואַגיקע קשיות פאַר אליהו. אָבער דאָ וועלן זיך אריינמישן די אַפּי־קורסים :

וואו, ווען אליהו ? ווער האָט אים געזען ? אַלץ וואָס מיר זעען איז דעם ליידיקן כסא של אליהו און דעם פולן כוס של אליהו, וואָס בלייבט ניט באַרירט. וואָס איז דאָ שייך פרעגן און ענטפערן. בין איך אָבער אַן אַפּי־קורס קעגן דער אַפּיקורסות און זאָג : אליהו, אַפילו אַן אומגעזעענער, זיצט אין יעדן יידן, אַפילו אין אַן אַפּיקורס. מען דאַרף נאָר פרעגן די ריכטיקע קשיות, וועט דער ריכטיקער ענטפער זיך דערלאַנגען פון די קשיות גופא. כאָטש ניט קיין פאַרטונקטער אין פרומקייט, אָבער אין מיין אַפּיקורסות קעגן אַפּיקורסות זאָג איך : אליהו איז דאָ, און דאָ איז דער וועמעס פאַרלויפער ער איז, און דאָ איז דער, וואָס האָט זיי ביידן אויפ־געגעבן זייער שליחות. אַפילו ווען זיי זיינען לכתחילה ניט געווען, זיינען זיי באַשאַפן געוואָרן דורך דער אמונה פון די פרומע יידישע דורות, וואָס זינט זייער באַגינען האָבן זיי געלעבט אין זיך, געראַנגלט זיך, מוסר־נפש געווען זיך אונטער אַן אַבסאָלוטן, אומבויגזאַמען גאָט־נדר. דאָס איז אַ סעקרעט, וואָס אונדזערע אַפּיקורסים ווייסן ניט דערפון, אַז אַלץ, וואָס שלאָגט זיך אָפּ פון מענטשנסגייסט, איז לעבעדיק. און אמונה איז דינאַ־מישע גייסטקראַפט, גייסט אין אַקציע, וואָס באַשאַפט אַ יש מאין. אונטער געשפּאַנטער אמונה דערשפּירן מיר די געשטאַלטן, פון אונדז אַליין גע־שאַפענע, ווי לעבעדיקע וועזנס, וואָס זיינען צייטנוויַיז צום זען. דעמאָלט ווען די זעאונגען ווייזן זיך, ווערן די פנימער פון גאַנצע דורות איבער־געפורעמט. און געפינען מיר צווישן די אַפּיקורסים אַזויפיל אליהו־טיפּן — און אַזויפיל משיח־טיפּן — איז עס אַ ירושה פון די זעאונגען פון זייערע פרומע אָבות. און דאַנקבאַר דאַרפן זיי אויך זיין זייערע פרומע אָבות פאַר זייער פעאיקייט צו שטאַרבן הערויאישע טויטן אין די געטאָס און אויף די שלאַכטפעלדער. און פאַר זייער אויפבוי אימפּעט אין ארץ ישראל — דאָס אַלץ איז די פאַרוואַנדלטע מאָראַל־ענערגיע פון די יידישע דורות.

און טראָץ דעם אַפּיקורסישן אָבערגלויבן, אַז רעליגיע און וועלט־

לעכקייט זיינען אַזוי ווייט איינס פֿון אַנדערן ווי הימל פֿון ערד, איז גאָט דאָס מענטשלעכסטע און וועלטלעכסטע אין מענטשן. גאָט איז די שפּירונג פֿון מענטשנס דראַנג צו אַן אומענדליכן ציל — אַריבערצושפּאַנען זיינע מענטשלעכע באַגרענעצטקייטן ביז צו איבערמענטשלעכער מאָראַלישער פּערפֿעקציע. גאָט איז די פֿאַרלעבעדיקונג פֿון זיין שטייגנדיקן געוויסן. פֿון זיין געפֿיל פֿאַר העכערער גערעכטיקייט, פֿאַר וועלכער זיין האַרץ דאַרף אָפּגעבן חשבון. און גאָט איז אַזוי רעאַל, ווי רעאַל איז די אומענדלעכקייט און נאָך רעאַלער פֿון דעם מענטשן, וואָס גלויבט אין אים. יידן זיינען די לעבעדיקע עדות־זאָגער פֿאַר די פֿעלקער אויף גאָטס רעאַליטעט אין דער געשיכטע. מיט דער גאַנצער משא פֿון זיינע טויזנטער יאָרן, האָט דאָס פֿאָלק זיין גאָט־באַוואוסטזיין אַרויפֿגעאַרבעט צו אַ וועלט כּוח, וואָס לאָזט לויפֿן די פּאַסירונגען מיט אים, און די האַנדלונגען פֿון די פֿעלקער קעגן אים — געגנוי לויט זיין גלויבן, ווי די הגדה פֿאַרזיכערט אים, אַז אַ שריד ופליט וועט אַלע מאָל בלייבן לעבן פֿאַר דער לעצטער אַנטגילטיקער גאולה.

איז דאָך נאָך מער קשיא אויפֿן יידנס גאָט, וואָס זייענדיק אין באַזיץ פֿון אַ וועלט כּוח האָט ער צוגעזען און דערלאָזט אַ קאַטאַסטראָפֿע, וואָס נאָך אַזאַ איינע און עס וועט שוין פֿון אונדז קיין שריד ופליט אויך ניט בלייבן. און נאָך מער קשיא אויף דער הינטערשטעליקייט פֿון אונדזערע גאונים, וואָס נעמענדיק זיך די פֿולמאַכט צו ריידן אין יידישן גאָטס נאָמען, האָבן זיי אין אָנגעזיכט פֿון דער אומפֿאַרגלייכלעכער קאַטאַסטראָפֿע, ניט באַוויזן צו געבן אַ פּרישע ווענדונג דעם יידישן גאָט־גלויבן, וואָס זאָל אָפּ־ווענדן די קאַטאַסטראָפֿע. זאָל זיי צו קיין גנאי ניט זיין — גאונים און די רעליגיעז־אָפּגעשטאַנענסטע. ביי די געוויינלעכסטע רעליגיעזע פֿאַרשטייער פֿון אַנדערע פֿעלקער האָט עפּעס אַ ציטער געטאָן. ביי אונדזערע, וואָס אין זעלבסט־גלאָריע קרוינען זיי איינער דעם אַנדערן מיטן טיטל „גאון”— זייער רעליגיעזער געדאַנק האָט זיך אַפֿילו אַ ריר ניט געטאָן. נאָר גוזר זיין תּעניתים און גוזר זיין פֿרומקייט אויף כּל ישׂראל און אויף ארץ־ישׂראל בפֿרט — דאָס קאָנען זיי...

דאָס זיינען גאַנץ האַרבע קשיות פֿאַר אליהו, וועלכער אַפֿילו אַן אומ־געזעענער איז זיכער דאָ. און איצט איז ער אודאי דאָ. מיר האָבן אַ קבלה, אַז ער קומט צו יעדן יידישן חורבן. ווען די צייטן שפּאַלטן זיך, איז ער דאָס דער, וואָס וואַרפֿט די בריקן איבער די צייט־תּהומען. און איידער נאָך איך האָב אים געפֿרעגט, האָט אליהוס ענטפֿער זיך צו מיר דערלאַנגט. צוויי טעג נאָכן תּענית לייען איך אין ציַיטונג: „די אַגודה... זאַמלט אַ פֿאָנד אויף צו ראַטעווען יידישע קינדער פֿון שמד.” איך בין דערשיטערט

געוואָרן. שוין אַזוי גיך? איז די גאַנצע אונטערנעמונג מיטן תענית געווען בלויז פאַר דעם צוועק אויסצונוצן דעם יידישן טרויער אויף צו שטאַרקן זייער השפעה, אויף צו פאַרוואַנדלען זי אויף פּאָליטיקעריי און האַמפּעריי? איך האָב געמאַכט אַ טעות. דאָס איז געווען ניט די אַגודת ישראל, נאָר די אגודת הרבנים, וואָס זאַמלט אַ פאָנד אויף צו ראַטעווען די יידישע קינדער, וואָס זיינען אָפּגעשמדט געוואָרן אין די קאַטוילישע קלויסטערס. אָבער קיין גאָר גרויסן טעות האָב איך ניט געמאַכט. די אַגודת ישראל אין אירע אָרגאַנען — „די יידישע שטימע", „די אָרטאָדאָקסישע טריבונע" האָט אין איין איבערחזרן דעם שמד־בלבול — יידן שמדן יידן! די „דזשוּאיש איידזשענסי", „די הסתדרות" שמדן אָפּ די יתומים־פּליטים, וואָס די אַפּוטראָפּסות איבער זיי, ביז 18 יאָר, דאַרף געהערן אינגאַנצן צו איר, דער „אַגודת ישראל", ווייל ארץ ישראל, וואָס די „הסתדרות" און די „דזשוּאיש איידזשענסי", האָבן געבויט, איז אינגאַנצן איר פּראָווינץ, — על פּי תורה, — הגם פאַקטיש האָט זי גאָרניט צוגעטראָגן צו דעם אויפ־בוי...

וואו ליגט דאָ די פאַרגרייזונג פון על פּי תורה־אַרגומענט? דער ער־שטער תורה עיקר, וואָס האָט ביי דער אַגודה דעגענערירט, איז „וחי בהם" — מיט מיינע געזעצן זאָלסטו לעבן — די תורה איז צום לעבן. די תורה איז געווען דער פּאַרצייטיקער יידישער לעבנס־שטייגער, וואָס ווען אָפּגעהיט פאַר 2,000 יאָר אין די אָפּגעשלאָסענע פון דער וועלט־געטאָס, אונטער אַבסאָלוטן, אומבויגזאַמען גאָט־נדר, האָט ער געדינט צו זאַמלען גאָט־קראַפט געגנוג פאַר די אַנטרוגענע פון די הריגות צו ראַטעווען זיך מיטן לעבן, געגנוי לויטן פרומען יידנס גלויבן. אָבער ווען די אָפּגעשלאָסנקייט האָט זיך געעפנט און עס האָבן זיך געפאָדערט נייע וועלטלעכע לעבנס־מעשים — וואָס האָבן די אָפּהיטער פון דער פרומער טראַדיציע געדאַרפט טאָן? אָפּפרישן דעם „וחי בהם", אַרונטערנעמען זיי ווי נייע מצוות מעשות אונטער דעם גאָט־נדר. אָבער זיי זיינען באַשטאַנען בלויז אויף פאַרזעצן די טראַדיציע. די נייע, נויטיק־געוואָרענע מעשים האָבן זיי איבערגעלאָזט אויף הפקר. האָבן די וועלטלעכע זיי איבערגענומען. דערפאַר טאַקע זיינען זיי אויפגעקומען. וואָס איז געווען דער פּועל יוצא דערפון? די לעבעדיקע רעליגיע האָט זיך פאַרהאַרטעוועט, פאַרטשוואַקט און פאַרהאַמערט אין טעאָלאָגיע, וואָס דאָס איז די נידעריקערע מדרגה פון רעליגיע — זי האָט זיך בלויז אויף זעלבסט־היפּנאָז, וואָס פאַרצאַמט דעם צופלוס פון לעבעדי־קער גאָט־קראַפט.

נאָך ערגער איז געוואָרן, ווען די גאַנצע באַלעבאַטישע וועלט־אָרדנונג

האָט זיך גענומען טרייסלען. און עס האָט זיך געפאָדערט נייע אויפבויערי־שע וועלט־מעשׂים. זיינען דאָס ווידער געווען די וועלטלעכע, וואָס האָבן עס גענומען אויף זיך. אָבער די גאונים, וואָס האָבן זיך ארויסגערוקט אַלס די מנהיגים, זיינען געבליבן באַלעבאַטיש־פרום. נאָך היינט אזוי, מיט דער קאַטאַסטראָפע פאַר זייערע אויגן. ווי קיינמאָל גאָרניט גייען זיי זיך אָן מיט זייערע באַלעבאַטישע געשעפטן און האַלטן נאָך שטאַרק פון יעדן דין, וואָס דינט זיי — אָן שום „תיקוס". דער ערנווירדיקער הרב הגאון יעקב ראָזענ־היים, דער נשיא פון דער אלטוועלטלעכער אַגודה, איז אַ טיפּישער פעל־דזנפעסטער מיטגליד פון דייטשן מיטל־קלאַס, ווי ער וואָלט גאָרניט אָנגע־הויבן צו וויסן, אַז דאָס איז געווען דער קראַך פון דייטשן מיטל־קלאַס, וואָס האָט אַרויפגעהויבן היטלערן צו זיין פינצטערער גדולה. דאָ האָט די יידישע פרומקייט אָנגעוואָרן איר גרויסן שאַנס אקטיוו צו מאכן דעם אויבערשטן ווי פאַרצייטן, אַרויסברענגען מכוח על הפועל די אַקומולירטע ענערגיע פון די יידישע דורות. ווען די יידישע רעליגיע נעמט אַריין ווי אַ הויפּט־מצוה די נייע יידישע אָרדענונג־בויאונג, וואָלט זיך אַרויסגערופן אַ פרישע כוואַ־ליע פון יידישער גאָט־קראַפט, וואָס וואָלט זיך דערלאַנגט צו די פעלקער, געבראָכן זאָל ווערן זייער האַרטהאַרציקייט צום יידישן בראָך. אַזוי אָבער האָבן מיר גאונים, גאונים, גאונים — גאונים פון זכרון, מופלגים, חריפים, אָבער אָן אַ סימן פון רעליגיעזן טאַלאַנט. מצד דער יידישער רעליגיע, ניט געקוקט אויף דעם פּובליסיטי־בום, זיינען מיר גאָר ניט באַוואָרנט קעגן דער איבערחזרונג פון דער קאַטאַסטראָפע.

גייען מיר אַריבער צו ארץ־ישׂראל, צו די חלוצים און זייערע קבוצות, צום „קיבוץ דן", די קבוצה פון „השומר הצעיר", אויף וועלכער די אַגודה מאַכט איר הויפּט־אָבלאַווע. אָבער איך קוק זיך אַרום — מיין כוס של אליהו איז האַלב אויסגעליידיקט. זאָל עס זיין אַ סימן, אַז די צוויי קשיות פון די פיר זיינען שוין פאַרענטפערט? פאַר איין סדר איז עס גענוג.

וועגן פסח און דעם סדר דאַרפֿן מיר רעדן מיט דער צוקונפֿט-שפּראַך

זיינען אונדזערע אויגן מער געווענדט צו דער צוקונפֿט, ווי צו דער פֿאַרגאַנגענהייט? וועגן וואָס טראַכטן מיר מער: וועגן דעם באַפֿרייאונגס-נס, וואָס אַט־אָט, וועט ער זיך אָפּשפּיגלען פֿאַר אונדזערע אויגן? אַדרבא, לאָמיר נאָכפֿאָרשן אונדזערע אייגענע געדאַנקן.

דאַכט זיך, אַז אונדזערע געדאַנקען זיינען מער פֿאַרנומען מיט דעם, וואָס וועט די שנה הבאה אונדז ברענגען.

עס איז קיין עבֿירה ניט אַזוי צו דענקען וועגן דעם זין פֿון פּסח, צו פֿאַרוואַנדלען אים פֿון אַ יום־טובֿ פֿון דעראינערונג אין אַ יום־טובֿ פֿון פֿאַר־געפֿיל. פּסח איז געווען אַ משכון, פֿאַרזעצט ביי דער געשיכטע — און מיר לייזן דעם משכון אויס. פּסח איז אַלעמאָל געווען אַ פֿענצטער, אויסגעהאַקט אין דער פֿאַרגאַנגנהייט, אַריינצוקוקן אין דער צוקונפֿט. ביז איצט איז דאָס פֿענצטער פֿאַרמאַכט געווען מיט לאָדנס. איצט זיינען די לאָדנס פֿאַנאַנדער־געריסן, און דאָס פֿענסטער עפֿנט זיך און צוקונפֿט־האָריזאָנטן שפּרייטן זיך פֿאַר אונדז.

פּסח ווערט אַ צוקונפֿט־יום־טובֿ. און אַזעלכער וועט ער זיין אַ יום־טובֿ ניט נאָר פֿאַר אונדז אַליין. וואָרים גאָר אַן אַנדערער ארץ־ישׂראל ווי אַמאָל גייט אויסגעלייזט ווערן. אַמאָל האָט דאָס לאַנד באַדאַרפֿט אַרויס־געריסן ווערן ביים כנעני פֿאַר אַ פֿעלקעלע פֿון אַ טוץ שבֿטים, וואָס האָבן קוים מיטן לעבן זיך געראַטעוועט פֿון מצרים.

צוויי מאָל איז דאָס פֿאָלק אויפֿגעשטאַנען תּחית המתים. און איצט צום דריטן און צום פֿערטן מאָל. דריי וועלט רעליגיעס זיינען דאָרט געבוירן געוואָרן — און איצט צום פֿערטן מאָל. צענדליקער מאָל האָבן וועלט־דער־אָבערער זיך ארויפֿגעשטירצט אויף דעם לאַנד, און ענגלאַנד דעראָבערט עס צום הונדערט־און־ערשטן מאָל.

ניטאָ קיין שטיין, אויף וועלכן אַ בלאַט געשיכטע איז אויף אים ניט אויסגעקריצט געוואָרן.

און ארויסגעריסן האָט מען דאָס לאַנד — און מען דאַרף עס נאָך

ארויסרייסן פון גאר דער וועלט. די פעלקער־ליגע האט דעם אקט געדארפט באשטעטיקן. און ענגלאנד האלט עס, און די אראבער לאזן עס נאך ניט אפ — און דער גאנצער מזרח גלאצט מיט די אויגן.

עס וועט ניט זיין גענוג צו שפאלטן א ים, נאר ימים, לענדער און פעלקער דארפן געשפאלטן ווערן, אום א וועג זאל אויסגעלייגט ווערן פאר דעם פאלק, וואס קערט זיך צוריק אום אין זיין לאנד.

עס איז גאר אן אנדער ארץ־ישראל ווי אמאל. דאס לאנד וואס דארף אויסגעלייזט ווערן איצט, איז דער צענטער פון דער וועלט געווארן.

און אויך איז עס אן אנדער אויסלייזונג; דארף אן אנדער פסח געיום־טובט ווערן — א פעלקער פסח! ארץ־ישראל וועט מוזן פראוון דעם סדר פאר די פעלקער.

זיינען מיר גרייט דערצו? האבן מיר כח דערצו?

אויב מיר וואלטן ווירקלעך געדארפט שפאלטן פעלקער און לענדער, ווי אמאל דעם ים, אום א וועג זאל פאר אונדז אויסגעלייגט ווערן — וואלט עס געווען איבער אונדזער כוח. סיידן א נס, וועלכער זאל טויזנט־פאך איבערשטייגן דעם נס פון יציאת מצרים. וואו איז די גאראנטיע פאר אזא נס?

דארפן מיר זען צו באווארענען, אז מיר זאל ווערן ראוי צו באוויזן דעם גרויסן נס.

עס האנדלט זיך וועגן דעם — אויסצושפירן די נשמה פון ידישן עבר, און א געלייטערטע זי אריינשליידערן אין דער יידישער צוקונפט, אנטאן זי אין א נייעם לבוש; פארקערפערן זי אין מעשים פון היינט; ניט צו גרויסן זיך דערמיט, וואס מיר האבן אמאל געטאן, נאר צו ליפערן דעם באוויז, אז מיט אונדזערע אויפטוען פון היינט קענען מיר נאך איבערשטייגן אונדזער אמאל; אז מיר קענען ווידער שאפן און ווירקן און באצווינגען און וועגווייזער זיין.

דארפן מיר זען צו פארווירקלעכן די אלע צוזאגן, וועלכע מיר האבן זיך געגעבן. און צוגעזאגט האבן מיר זיך בנוגע ארץ־ישראל — דערנענטערן משיחס קומען — אדער, לכל הפחות דאס, וואס מאדערנע יידן פארשטייען אונטער דעם סימבאל: א נייע מתן־תורה, א נייע געזעצגעבונג פון גייסט, א וועלט דערלייזנדיק־ברענענדיקע רעליגיע; דערלייזונג אין דעם פולן זינען פון ווארט; דערלייזונג פון דעם חומר און פון דער נשמה, פון דער מאטעריעלער און גייסטיקער ארדנונג פון זאכן.

א נייער וועלט סדר!

צו יעדן בארג־שפיץ דארט אין ארץ־ישראל קוקט די גאנצע וועלט.

ארץ־ישראל איז איצט דער צענטער פון אַלע פעלקער. דער היינטיקער לעבעדיקער מזרח האָט די פעדים פון אַלע פעלקערס גורל. אַ וועלט־ציי־טערניש האָט אים דורכגענומען, וואָס געפינט אויסדרוק אין די רעליגיעס פון מזרח. זיי האָבן אויפגעבראַכן זייערע פאַרטריקנטע איינפאַסן און וואַרפן זיך אין געבורטס ווייען.

און די שטימונג איז אַן אויסגעשפּראָכן־משיחיסטישע. זיי שטייען אויף תחית־המתים כדי צו דערלייזן די פעלקער און לענדער. זיי לאָזן זיך אַרויס אין אַ וועלט־שליחות.

און מיר יידן בכלל, דאָס באַרופענע משיח־פאָלק, הויבן ניט אָן צו וויסן, אַז גאַנץ מזרח האָט געפיבערט אויף משיחיות. ווילן מיר אַרויסלאָזן פון די הענט אונדזער באַרוף? מען זאָל אונדז דעם וועג פאַרלויפן און די ראָלע אַרויסכאַפּן? און דאַן וואָס? אויסגעשפּילטע און ניט־נויטיקע?

דאַרפן מיר גאָר קיין מורא ניט האָבן פאַר אונדזערע אַזיאַטישע משיח־קאָנקורענטן. בלויז מיר, וועלכע קאָמבינירן אין זיך מזרח און מערב, בלויז מיר קענען דעם בריק וואַרפן. מיר האָבן די פולע מאָס מזרחשע ווי־ויאָנערישקייט אין אונדזער בליק און דעם פולן מערב־טעמפּעראַמענט פאַר אַקטיוויטעט אין אונדזערע הענט. מיר רעאַליזירן כסדר משיחן. אַפילו ווען מיר האָבן אָנגעוואָרן דעם גלויבן אין אים, טוען מיר זיין דערלייזונג ווערק.

און מיר מעגן זיכער זיין, אַז ווען די וועלט וועט האַלטן ביי איר יציאת מצרים און וועט זיך נעמען גרייטן צום דערלייזונג־יום־טוב, אָפּצושפּילן איר פסח־ספּעקטאַקל, וועלן מיר אונדזער ראָלע ניט פאַרזען. מיר וועלן זיין אויפן פּלאַץ — אויף דער וועלט־בינע אין ארץ־ישראל.

אויב ארץ־ישראל איז די בינע פון וועלט־טעאַטער, איז דער מזרח די פאָדער־סצענע. אויב עס דאַרף זיך עפּעס אָפּשפּילן אויף דער וועלט, וועט עס זיך צוערשט מערקן אויף דער פאָדער־סצענע.

ארץ־ישראל איז דער בריק צווישן מזרח און מערב. מיר דאַרפן גאָר ניט מורא האָבן, אַז די אַזיאַטן וועלן ביי אונדז אויסכאַפּן די משיח־ראָלע. מיט זייער גאַנצער אויפגעפיבערטער משיחות בלייבן זיי, ווי זייער שטיי־גער איז — פּאַסיוו.

דער פּסחדיקער סדר אין קונסט

דער ייד מאַגט „שהחינו" און האָט האַרץ פילט דעם „וקימנו". —

די טעאַטראַלישע קונסט איז אַ פּראָבלעם, וואָס שטייט פאַר יידן זייט די יידישע קולטור איז געקומען אין באַרירונג מיט דער גריכיש־רוימישער וועלט.

קונסט, אין גריכישער פאָרם — די בילדער־קונסט און סטאַטועז־קונסט — און ספּעציעל די שפּיל־קונסט איז געווען עפּעס איבעלדיקעס פאַר דעם יידישן געפיל. עס האָט געשמעקט פאַר יידן מיט געצנדינערײ. נאָר פעלקער, וואָס האָבן אַ סך געטער, וואָס שפּילן זיך ווי צעלאָזענע בחורים און מיידלעך און פירן אַ הפקר־לעבן בכלל — מאָרדן און שענדן — נאָר פעלקער מיט אַזעלכע געטער קאָנען זיך אָפּגעבן מיט לייכטזיניקע שפּילע־רייען; וויפיל געטער אין הימל, אַזויפיל געצקעס אין קאָפּ, אַזויפיל געצקעס אין לייב. קאָן דער קאָפּ טראַכטן סאָקראַטישע פילאָזאָפיע, און דער לייב, זיך באָדן אין זנות, און זיך וויקלען מיט די לייבער פון העטערעס. ווייל יעדער אבר האָט אַ באַזונדער געצקע, צו וועלכער צו דינען. דער פיל־געצנדיקער מענטש איז אַ צעריסענער מענטש. ער איז ניט מחויב צו זיין גאַנץ, אים פעלט אַחדות, און ער פילט ניט קיין באַדערפעניש פאַר דעם.

און די גריכישע קונסט איז פאַר דעם יידישן געשמאַק געווען אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם פיל־געטערישן לייכטזין, וואָס האָט געוועלטיקט דורך דעם גריכישן לייב — יעדער אבר אַ בעל הבית פאַר זיך, ווייל ער דינט צו אַ באַזונדערן גאָט.

יידן אָבער זיינען „אחדניקעס" — זיי דינען צום ה' אחד. אַ ייד מוז האָבן גאַנצקייט אין זיך: איין אבר מוז אָנפרעגן ביים אַנדערן. און אַלע צוזאַמען ביים קאָפּ. און אַלע צוזאַמען ביים האַרץ. און אַלע צוזאַמען ביי גאָט. אַ ייד טאָר זיך ניט אריינלאָזן אין לייכטזין, דאָס מיינט פאַרגעסן אָן גאָט. ווען מען געדענקט כסדר דעם סאַמע עצם פון לעבן, דעם גרונט־פּסוק, וואָס איז אויבן, אונטן און אין דיר — מוז מען זיין ערנסט. טאָר מען זיך ניט שפּילן. קיין שפּיל, נאָר אמת זאָל זיין! און אַז מען שפּילט שוין יאָ, זאָל דאָס שפּיל אַן אמת זיין.

זאָל דאָס שפּיל זיין גאָטעס־דינסט. אַ לויב צום רבונו של עולם. „אַלע מיינע אברים זינגען שירה צו דיר”.

און די גאַנצע צייט האָט דער ערנסטער ייד ניט אויפגעהערט צו פילן דעם שאַרפן ווידערשפּרוך צווישן גריכישן־שפּיל און יידישן אמת, — וואָס דאָס איז סימבאָליש אויסגעדריקט געוואָרן אין דער יידישער פּאָעזיע, אין דער מלחמה צווישן אָלימפּ און חורב, דעם גריכישן געטער באַרג און יידישן גאָט־באַרג.

אָבער טראָץ דעם ווידערשפּרוך זיינען יידן פּאַרט באַצוואונגען געוואָרן. מיר זיינען דעראָבערט געוואָרן פון גריכנלאַנד קינסטלעריש. אין דער דעראָבערונג זיינען געפאַלן אַ סך יידישע קרבנות. היינע איז געווען אַ גריך ביים לעבן, אַן אַפּאָלא־ווענוס אָנבעטער. ערשט אויפן טויטן־בעט האָט ער זיך צוריק אומגעקערט צום יידישן גאָט.

וואו איז געלעגן די באַצווינגענדיקע קראַפט פון דער לייכטזיניק־שפּי־לערישער גריכישער קונסט ?

וואָס אַזעלכעס פאַרמאָגט זי, וואָס זי האָט געקענט גובר זיין דעם געטלעכן יידישן אמת־ערנסט ?

ווי עס איז צו זען איז אין דער גריכישער קונסט פּאַרט געווען אַ כוח — אַ שטיק אמתע קראַפט, אָדער ריכטיקער, אַ שטיק אמת־קראַפט, וואָס האָט דעם יידן באַצוואונגען. צוערשט האָבן די יידן זיך אונטערגעגעבן צו יענע גריכישע קונסטן, וואָס זייערע רעליגיעזע און עסטעטישע פאַרמען זיינען שוין געווען ביי יידן, ווי דהיינו, פּאָעזיע, מוזיק, פילאָזאָפיע (פילאָזאָ־פיע פאַרצייטן איז געווען אַ קונסט).

דערנאָך האָבן יידן זיך אונטערגעגעבן דער טעאַטראַלישער קונסט — אין דער פאָרם פון פּורים־שפּילן.

ווייל אין תוך איז ניטאָ קיין גרונט־אונטערשייד צווישן דער שפּילע־רישער קונסט און דעם געטלעכן אמת־ערנסט.

דאָס איז נאָך פאַרויסגעפילט געוואָרן פאַרצייטן אין דעם מאמר : עס וועט קומען אַ צייט ווען די טעאַטערס און צירקן וועלן פאַרוואַנדלט ווערן אין ערטער פון תורה.

אויב עס לאָזט זיך נאָר פאַרוואַנדלען, זיינען זיי דאָך אין תוך איינס — קאָן די פאַרוואַנדלונג זיין פאַרקערט אויך : אַ תורה־אָרט זאָל ווערן טעאַטער.

יאָ, אין תוך איז דאָס איינס — תורה און קונסט — מען דאַרף עס נאָר קאָנען כאַפּן ; מען דאַרף עס קאָנען צוריקפירן צום סאַמע אָנהויב.

עס איז דאָ קונסט אין רעליגיע, אַן אַ שיעור קונסט אין דער יידישער רעליגיע ; און רעליגיע איז געווען די יידישע הויפּט־קונסט.

װאָס איז קונסט? שפּיל, זאָגט איר. װאָס איז שפּיל? אַ ריזיקע, אַ שפּרונג צו גאָרנישט, און אַן אויספֿורעמונג פֿון נייע קאָמבינאַציעס פֿון דעם גאָרנישט אַרויס. קונסט איז די אויפֿכאַפּונג פֿון נייע קאָמבינאַציעס דורך ריזיקע און שפּיל.

די פּרימיטיוועסטע פֿאָרם פֿון קונסט איז אַ װיץ. טראַכט זיך אַריין: אין װיץ האָט איר אַלע עלעמענטן פֿון קונסט: שפּרונג, שפּיל, ריזיקע און אַ נייע קאָמבינאַציע.

רעליגיע טוט דאָס זעלביקע, מיט דער נפֿקא מינה, װאָס די ריזיקע האָט דאָ אין זיך אומענדלעכע דרייסטקייט. עס איז אַ שפּרונג צום אומ־ענדלעכן, צום אין סוף, צום טיפֿסטן װעלט־סוד, װאָס איז געצייכנט מיט דעם נאָמען גאָט. עס איז אַ שפּיל איבער אַ תהום.

און די צװייטע נפֿקא מינה איז, װאָס דער מאַטעריאַל פֿון דער קונסט, װעלכע איז רעליגיע, איז דער לעבעדיקער מענטש — ניט פֿאַרב, ניט ליים, ניט קלאַנג, ניט װאָרט — נאָר זיי אַלע צוזאַמען, אויף װיפֿל זיי זיינען געצייג פֿון לעבעדיקן מענטשן פֿאַר לעבעדיקער מענטש־שאַפֿונג.

רעליגיע איז די קונסט פֿון לעבעדיקער־מענטש שאַפֿונג מיט דער אומענדלעכקייט אין אויג. נייע מענטש־פֿורעמונג. נייע מענטש־קאָמבינאַ־ציעס לויפֿן אַלץ העכער און העכער צו אַן אומענדלעכן מוסטער — צו גאָט געשטאַלט.

אָט די מענטש־קונסט איז שוין דאָ אין דער רעליגיע פֿון פּרימיטיוון מענטשן, — נאָר גאָט איז ביי אים אין האָלץ, אין געץ.

און יעדעס מאָל װען אַ נייער גאָט איז געשאַפֿן געװאָרן, איז אַ נייער מענטש געשאַפֿן געװאָרן.

די יידן, װעלכע האָבן די גאָט־געשטאַלט פֿאַראומענדלעכט, האָבן די געשטאַלט כּסדר באַגעגעניאָגט מיט דער קונסט פֿון מענטש־שאַפֿונג.

זיי האָבן געהאַט די געניאַלסטע מענטש־קינסטלער אין די נביאים, װעלכע האָבן פֿון טרוקענעם מדבר־שטיין נייעם גאָט־באַגריף געשאַפֿן. ריכטיקער, נייע גאָט־געשטאַלט, אַלס אַ מאָדעל פֿאַר נייער מענטש־גע־שטאַלטונג.

הערט זיך איין אין דעם נביאס רייד: װי ער בויערט אַרויס גאָט. דאָרט װאו גאָרנישט איז געװען, איז געװאָרן גאָט. און נייע געטלעכע מאָראַל.

איר װעט ניט פֿאַרשטיין די נביאים, ביז איר װעט ניט באַנעמען, אַז אין תּוך זיינען זיי געװען מענטש־קינסטלער, די געניאַלסטע, װאָס די

מענטשהייט האָט פאַרמאָגט: צוערשט האָבן זיי גאָט געשאַפן, און גאָט — דעם מענטשן.

ווי געשריבן שטייט: און גאָט האָט געשאַפן דעם מענטשן לויט זיין געשטאַלט. דאָס האָבן די נביאים געטאָן פאַר אים. זיי האָבן געפורעמט מענטשן, זיי האָבן געפורעמט גאַנצע פעלקער; אין דעם משיח־געשטאַלט האָבן זיי געשאַפן אַ פורעם, איבערצופורעמען די גאַנצע מענטשהייט.

דאָס איז די געניאַלסטע קונסט־פאַרמעסטונג — אַ פּראָצעס פון מענטש־איבערשאַפונג, וואָס הערט ניט אויף, ביז עס וועט זיך ניט פאַר־ענדיקן מיט נייעם מעשה בראשית, ווען אויפן זעקסטן טאָג פאַר זון אויפ־גאַנג, וועט אַ שפּאָגל נייער מענטש אַרויסשפּרינגען.

די פאַלשע משיחים האָבן עס געפּרואווט פאַראויסכאַפּן — און אַפילו די פאַלשע נאָכקרימונג האָט געגעבן געבענטשטע רעזולטאַטן — אין פרייד און יום־טוב. וואָרים יעדעס מאָל ווען אַ נייער מענטש ווערט געבאָרן, זאָל זיין אַפילו דורך פאַרבלענדעניש, איז פרייד און יום־טוב.

אין חסידות האָבן מיר געהאַט אַן ערלעכע באַשיידענע אָנשעפּונג פון פרייד און יום־טוב — אָן פאַלשע פּרעטענזיעס און פאַרבלענדעניש.

אַלזאָ, ווען מיר נעמען קונסט אין איר תוך און מיר נעמען רעליגיע אין איר תוך — זיינען זיי ביידע איינס, וואו שפּיל און אמת, ריזיקע און גאָט באַגעגענען זיך — אַ ניי לעבן אויספורעמונג פון גאַרנישט אַרויס. נאָר אַנדערע פעלקער נעמען אָט די קונסט שטיקלעכווייז, אין זאָרגלאָזער צעוואָרפנקייט. זיינען זיי נעענטער צו דער גריכישער קונסט; יידן, וועלכע האָבן פיינט זיך צו צעשטיקלען, און זיינען די געטרייסטע צום מענטשן, נעמען אָט די קונסט גאַנצערהייט, אין סאַמע מהות, און זיי זיינען נעענטער צו רעליגיע. אָבער אין תוך איז דאָס איינס.

און דערפאַר האָבן יידן זיך געלאָזט באַצווינגען פון דער גריכישער קונסט, טראָץ דעם אינערלעכן פּראָטעסט; און דער פּראָטעסט האָט ניט אויפגעהערט, ביז עס איז ניט געקומען דאָס אָפּריכטן די „סדרים" און האָט ניט באַשטעטיקט די קרובהשאַפט צווישן קונסט און רעליגיע.

ווי אַזוי איז עס דעם יידן געלונגען ביים סדר צו באַוויזן דאָס?

עס איז דאָך אויבנאויף קלאָר. ווי־באַלד רעליגיע האָט אויך איר קונסט פון מענטש־באַשאַפונג, דורך דעם לעבעדיקן־מענטשן, אָנגעמאָסטן אין ריזיקאַלישן־שפּרונג, אויף אַן אומענדלעכער מוסטער־געשטאַלט — איז די טעאַטראַלישע קונסט, וועלכע האָט דעם לעבעדיקן מענטשן — דעם יידן פאַר איר געצייג — אַמנאָענטסטן צו אָט דער קונסט־רעליגיע.

אָבער ווען יידן האָבן געשפּילט טעאַטער, האָט זיך אַלץ געפילט, אַז זיי

זינדיקן — זיי פֿאַרדאַטן אונדז צו די געצנדינער. ביז עס איז ניט געקו־מען דער יום־טוב פּסח מיט אויפֿשפּילן דעם סדר, יציאת מצרים, מכות צו די מצרים, שפּאַלטן דעם ים... דאָס איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכע צערעמאָניע צו וועלכער יידן זיינען צוגעגאַנגען ווי כהנים צו דער עבודה — און פּונקט ווי די כהנים צו דער עבודה צוגעגאַנגען צו איר אין דער אויס־דערווילטער שפּראַך פֿון דער הגדה...

דער פֿאַקט איז, אַז דעם יידן ביים סדר איז געלונגען אַרויסצוברענגען דעם סאַמע עיקר פֿון קונסט, וואו זי איז אַמנאָענטסטן צו רעליגיע — ווי זי איז געווען לכתחילה ביי יידן, ביי גריכן, און מער פֿון אַלץ ביי די נביאים.

דאָס איז דער הויפּט־סימן פֿון „סדר" אויפֿשפּילן, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט פֿון אַלע אַנדערע קונסט־פֿאָרמען. עס איז אַלעמאָל אַ שפּאָגל־נייע אויפֿגעכאַפּטע נשמה־שטימונג, פֿאַר וועלכער עס איז געפֿונען געוואָרן אַ שפּאָגל נייע פֿאָרם.

עס פֿורעמט זיך כסדר אַ שפּאָגל נייע, נאָך ניט געוועזענע לעבעדיקע היסטאָרישע געשעעניש, פֿאָלק־ווירקלעכקייט, וואָס דאָס רופֿט אַרויס פֿרייד, וואָס דאָס רופֿט אַרויס יום־טוב. דער ייד מאַכט שהחינו און דאָס האַרץ מאַכט שהחינו.

אין פּסחדיקן סדר האָט זיך אָפּגערופֿן די עלטסטע פֿון אַלע קונסטן, וואו מיר יידן זיינען געווען אַמגעניאַלסטן — די קונסט־רעליגיע.

פֿאַר די פֿרייע איז דאָס די ריינע קונסט, אַן רעליגיע, פֿאַר די פֿרומע איז דאָס ריינע רעליגיע — ניט קיין נאָכגעקרימטע — אַן קונסט, ווייל עס איזביידע צוזאַמען.

מיר האָבן אַכט טעג פּסח און מיר הערן ווי פֿון אַלע יידישע ווינקע־לעך — פֿון פֿרומע און פֿרייע — טראָגט זיך אַ גוויט־געשריי: דעם יום־טוב גיט אונדז אַהער.

גאולה־שפּיל

די גאַנצע וועלט איז אַ טעאַטער, און אַלע גרויסע וועלט־געשעענישן זיינען ספּעקטאַקלען. ווען די וועלט איז אַ טעאַטער, איז ארץ־ישראל די בינע, וואָס דאַרף צושטעלן דעם מאַטעריאַל, דעם סוזשעט און די קרעפטן פאַר דעם קינפטיקן דערלייזונגס־יום־טוב, דעם פּסח־ספּעקטאַקל פון דער וועלט.

וועט איר זיך נאָך אַלץ קווענקלען און ניט וועלן מסכים זיין: איז דאָס ניט גלאַט אַ שפּיל אין ווערטער? בלויז דעם נאָמען געענדערט. משנה שם געווען! וואָס איז, אַז מיר וועלן שוין באַצייכענען די וועלט אַלס טעאַטער, ווערט זי שוין אויס וועלט? די וועלט בלייבט וועלט, און טעאַ־טער בלייבט טעאַטער. צוויי באַזונדערע זאַכן ווי געווען, און אַז פּסח ווערט אָנגערופן ספּעקטאַקל, ווערט שוין פּסח אַ ספּעקטאַקל?

יעדער אמתער טעאַטער שפּילט אויף מענטשן פאַר אייך, ציט אייך אַריין אין דעם שפּיל, און שטעקט אייך אָן מיט די אויפגעשפּילטע גע־שטאַלטן.

שפּיל שאַפט איבער. קינדער שפּילנדיק זיך אין דערוואַקסענע וואַקסן אויס דערוואַקסענע מענטשן.

און ווען איר באַמערקט ווי גרינג איין יידישער דור פאַרוואַנדלט זיך אין אַ צוויטן, איז דאָס אַלץ צום גרויסן טייל אַ דאַנק דעם צוגעזעענעם טעאַטער־שפּיל.

אומעטום, וואו עס איז דאָ פאַרוואַנדלונג איז דאָ שפּיל.

שפּיל ברענגט אַרויס אַ יש מאין. אַ זאַך, וואָס איז ניט געווען, ווערט באַשאַפן. איר קאָנט זאָגן, אַז גאָט האָט באַשאַפן די וועלט אין שפּיל, אַז משיח וועט קומען שפּילנדיק.

און אין יעדן גרויסן געשיכטלעכן מאָמענט, וואו עס קומען פאַר פלוצלעכע פאַרוואַנדלונגען פון מיליאָנען קעפּיקע מאַסן, איז דער שפּיל עלעמענט גאָר שטאַרק פאַרטראַטן. פון דרויסן, ווען איר זייט צושויער, ניט קיין אָנטייל־נעמער, וועט אייך פאַרקומען אַז עס איז ניט מער ווי אַ ספּעקטאַקל אויף אָנצוקוקן. די אָנטייל־נעמער אַליין מערקן עס אפשר ניט. ווייל זיי זיינען צו פאַרכאַפּט מיט זייער גוט שפּילן. און אַמאָל וויסן זיי עס יאָ. און זיי זיינען באַוואוסטזיניקע שפּילער.

אַלע רעוואָלוציעס האָבן זיך פאַרוואַנדלט פון אַ שפּיל־דעמאָנסטראַ־ציע, און פון שפּיל לאָזט זיך אויס אמת. די באָלשעוויסטישע איבערקע־רעניש, אָנגעהויבן האָט זיך עס פון אַ פּראָצעסיע. אַ שטאַרקע פּראָצעסיע מיט סאָלדאַטן־רעגימענטן; מיט געפּאַנצערטע אויטאָמאָבילן, מיט אויס־געשטרעקטע העלדזער פון קאַנאָנען. עס האָט געקאָנט וואַרפן אַן אימה. אָבער עס איז פאָרט געווען אַ שפּיל־דעמאָנסטראַציע, וועלכע האָט אָפּגע־גאָלטן, פון שפּיל האָט זיך אויסגעלאָזן אַן אמת. אומגעריכט פאַר די אָראַנזשירער אַליין.

פון שפּיל לאָזט זיך אויס ערנסט. דאָס וואָס אונדז האָט זיך געדוכט, אַז עס איז אַ פאַרבלענדעניש, איז געווען אַ סימן, אַז זיי שפּילן. די מאַסן האָבן אויסגעשפּילט צוקונפט־אָרדענונג, און יעדער איינער פון דער מאַסע האָט געשפּילט דעם צוקונפט־מענטשן, און עס איז געווען התלהבות און עס איז געווען פאַרוואַנדלונג, און נייע מענטשן באַשאַפונג — און עס איז געגאַנגען ווי געשמירט.

איצט ווערט זייער שווערער; זיי גייען אַ טריט פאָרווערטס און פאַלן צוויי טריט צוריק. ווייל זיי שפּילן מער ניט! זיי האָבן פאַרגעסן ווי צו שפּילן. קיין צוקונפט־געשטאַלט מינעט זיך זיי ניט פאַר די אויגן... דאַרפן זיי זוכן און געפינען, אום ניט צו פאַרלירן די ראָלע.

פון דער רוסישער רעוואָלוציע שפּרינגען מיר אַריבער איבער טויזנט להבדילס צום באַרג סיני: מתן תורה איז געווען אַ ספּעקטאַקל אין דעם גרויסן היסטאָרישן זינען פון דעם וואָרט. אויסערלעך דאָך זיכער אַ ספּעקטאַקל; אַ באַרג וויקלט זיך אין רויך, דעקט זיך מיט וואָלקנס, שנור־רעוועט זיך מיט בליצן, און צעגליט זיך ווי אַ שרפה. און מוראדיקע קולות טראָגן זיך פון דער ברענענדיקער פינצטערניש אַרויס, און דער קול איבער אַלע קולות, וואָס גיט געזעצן פון הימל צו דער ערד.

און אַ פאָלק, אָפּגעשיידט דריי טעג פון די ווייבער, שטעלט זיך אויס אין אַ קרייז אַרום באַרג, און ציטערנדיק, פלאַטערנדיק, ענטפערט עס דעם קול פון הימל: „נעשה ונשמע!"

און אינערלעך אויך אַ ספּעקטאַקל. שפּיל. וואָס הייסט שפּיל: טאָן נאָך ניט געטאָנענע זאַכן; טאָן וואָס מען טוט ניט אַלע טאָג; האַנדלען ניט לויט אָנגענומענעם שאַבלאָן, לויט דעם מוז פון געוואוינהייט. נאָר לויט שפּאַגל־נייע נאָך ניט געוועזענע מוסטערן.

האָט דאָס פאָלק, וואָס איז געשטאַנען ביים באַרג סיני, פריער געהאַט אַזאַ איבערלעבונג? ניין; איז דאָס געווען שפּיל.

און דער רעזולטאַט פון דעם שפּיל? אין איינע דריי טעג איז אַ גאַנץ

פאָלק ביז צו זײנע האַרצנס־װאָרצלען איבערגעשאָקן געװאָרן. א צװײטע מעשה בראשית.

אומעטום, װאו עס װערט אַרויסגעבראַכט עפּעס פון גאַרנישט — א יש מאין, איז דאָ שפּיל.

און מיר, יידן, זײנען בטבע אויסגעצײכנטע שפּילער — אפשר צוליב די פילע פאַרװאַנדלונגען, נײ־באַשאַפונגען, װאָס מיר האָבן דורכגעמאַכט. אונדזערע טאַלאַנטן האָט מער פון אַלץ אָפּגעגאָלטן אויף דער בינע. מיר האָבן מער געניאַלע בינען־קינסטלער, װי יעדן אַנדער סאָרט קינסטלער.

און איר װײסט, אונדזערע װאָרט־קינסטלער, לײם־קינסטלער, פאַרב־קינסטלער פילן זיך, אין דער טיפעניש פון זײער האַרצן, אַביסל דערני־דעריקט אין זײער באַרוף, עפּעס ניט דאָס! ניט קײן גאַנצע אַרבעט טוען זײ! עפּעס פאַרשװוּעכן זײ אין זיך. זײ װילן עפּעס מער — װאָס מער?

דער אמת איז, אַז װאָרט, לײם, פאַרב, איז ניט דער מאַטעריאַל פאַר דעם יידישן קינסטלערישן שאַפן. דער ריכטיקער מאַטעריאַל פאַר דעם יידישן קינסטלער איז דער מענטש־מאַטעריאַל. ניט מיט װערטער באַ־רעדן די מענטשן, נאָר מענטשלעך קלעפּן; ניט מענטשלעך מאָלן װילן זײ, נאָר מענטשן פון מענטשן באַשאַפן. פון אַלטע מענטשן נײע מאַכן. און אויב זײ װילן זײן מער װי קינסטלער, װילן זײ מענטשן באַשאַפער זײן. אויף לעבעדיקע מענטשן װילן זײ קינסטלערן. עס ציט זײ נביאים צו זײן. דאָס רופט זיך אָפּ אין זײ זײער יידישקײט.

אַ געװיסע באַפרידיקונג געפינען זײ אין באַשאַפן קינסטלעכע מענטשן — אויף דער בינע. עס טוט זײ הנאה דער עסק, אָבער קײן גאַנצע יידישע קונסט־אַרבעט איז עס ניט. אָפּגעשפּילט די ראָלע, אַרונטער פון די ברעטער און דער קינסטלער־באַשאַפענער מענטש איז פאַרשװוּנדן. אין לעבן גופא װילט זיך זײ װירקן; אויף לעבעדיקע מענטשן זײערע שעפע־רישע כוחות אויספּרובירן; אָרדענונגען שטירצן און איבערבויען; מענטשן פאַרניכטן און פון דאָס־נײ זײ באַשאַפן...

דער געניאַלסטער קינסטלער אונדזערער פון דעם סאָרט — אַן אַק־טיאָרן־מענטשן־באַשאַפער — איז געװען — נעמט ניט פאַר אומגוט — שבתי צבי. װען ער באַגײט ניט די נאַרישקײט זײנע און רופט זיך ניט אַן משיח. ביז ער האָט דאָס ניט אַרויסגערעדט האָט ער געטאָן גלענצנדיקע אַרבעט. ער האָט זיך ניט געדאַרפט אָנרופן משיח, און שפּילן בלויז די ראָלע זײנע — יעדער בעסערער ייד שפּילט די משיח־ראָלע — װאָלטן מיר אָנשטאָט צו שילטן אים מיט טויטע קללות, אים גאָר געדאַרפט בענטשן.

װאָרים ביז די נאַרישקײט זײנע, איז זײן אויפטו געװען גוואַלדיק. ער

האָט אויפגעכאַפּט די משיח־געשטאַלט, וואָס בלאַנדזשעט פאַר דעם יידנס בליק זינט טויזנטער יאָר און וועלכע איז דעמאָלט אַנגעגליט געוואָרן פון די ברענענדיקע יידישע ליידן — דער הימל האָט זיך נאָך רויט געלויכטן פון דער שׂרפה אין אוקראַינע — און די אַנגעגליטע געשטאַלט האָט ער אַנגעמאָסטן און אָנגעטאָן אויף זיך. און האָט גענומען האַנדלען לויט דער געשטאַלט — ווי ער וואָלט אַליין משיח געווען. דאָס מעג מען — טאָן אַלץ, וואָס משיח דאַרף טאָן, אַבי זיך ניט אָנרופן ביי זיין נאָמען.

ער האָט אויסגעשפּילט די משיח־געשטאַלט, וואָס איז אים אויפגעגעבן געוואָרן פון דער יידישער געשיכטע — פּונקט ווי אַן אַקטיאָר שפּילט אויס די געשטאַלט וואָס דער דראַמאַטורג גיט אים אויף — ער האָט זיך געגעבן אַלס דעם לעבעדיקן מוסטער פון דער געשטאַלט — און ער האָט זי אַרויפגעפּרעסט אויף דער צעפלאַמטער פאַנטאַזיע, אויף די אויסגעגלאָצטע אויגן, אויף די געעפנטע הערצער־טאָוולען פון דעם יידן, וואָס האָט נאָר וואָס זיך אַרויסגעריסן פון די גרוילן פון גזירת ת"ח.

שפּיל איז אָנשטעקיק. ער האָט אַריינגעצויגן די יידישע מחנות אין דעם משיח־שפּיל, פּונקט ווי לענין און טראָצקי, אין אונדזער צייט האָבן אַריינגעצויגן די רוסישע מחנות אין צוקונפט אָרדענונג־שפּיל, און ער האָט די פּאַריאַמערטע אויסגעלערנט זיך פרייען, און די אבלים טאַנצן. אַ פאַרוואַנדלונג — אַ נייע באַשאַפונג איז געקומען אויף זיי. נאָר וואָס געווען דערנידעריקטע און צעוויינטע; אויף אַמאָל שטאָלצע דערהויבענע טאַנצנדיקע פריילעכע יידן.

און פון דעם ווילדן, ניט אויסגערעכנטן ראַדיקאַל שבתי צבי האָט די ניי־געבאָרענע יידישע פרייד זיך איבערגעגעבן צו דעם פאַרזיכטיקן רעפאָרמאַטאָר דעם בעל שם, און פון חסידות דורך פרצן איז זי דערגאַנגען צו אונדז מאָדערנע יידן. און ווען עס פרייט זיך אין אונדז יידישע פרייד, שטאַמט עס פון אים, דעם געניאַלן משיח־שפּילער אונדזערן, שבתי צבי. אָ, ווען ניט זיין באַנאַרישן זיך מיט געבן זיך דעם נאָמען משיח, ווי דאַנקבאַר וואָלטן מיר אים געדאַרפט זיין!

דאָס איז עכט יידישע קונסט: מענטשן באַשאַפן לויט פאַרשוועבנדיקע מוסטער געשטאַלטן. דאָס איז געטלעכע קונסט. גאָט האָט אויך אַזוי געטאָן: ער האָט דעם מענטשן באַשאַפן לויט זיין געשטאַלט, אַזוי שטייט בפירוש אין חומש. און עס איז אונדז פאַרווערט געוואָרן צו גיסן צלמים, צו מאַכן בעצקעס פון מעטאַל און פאַרשטעלן גאָט אין מאַטעריאַל, כדי אין זיין אומזיכטבאַרקייט און ניט פאַרגעשטאַלטיקייט זאָל ער שטאַרקער אויף אונדז ווירקן.

און דאָס איז דאָס גענעץ פון מענטשן שאַפן: זיך אַליין שאַפן לויט אומזיכטבאַרע געשטאַלטן.

משיח מוז בלייבן אַן אומזיכטבאַרע זעאונג, אַ וויזיע און אַ מוסטער פאַר די אויגן פון גייסט. און קיינער טאָר זיך ניט אָנרופן ביי זיין נאָמען. אָנרופן זיך משיח איז פאַרמענטשלעכט, און דערנידעריקט. און די זעאונג איז אויס זעאונג, און דער מוסטער אויס מוסטער.

(אַ זעאונג קען פון זיך אַליין, אָנגענומען זיכטבאַרע לעבעדיקע פאָרמען, אָבער מיט אַ תנאי: אַן אונדזער ווילן און וויסן. אַן כוונה פון אונדזער זייט, אַן אונדזער צו־טאָן. און אַזוי וועט געשען!).

פאַר אונדז זאָל משיח בלייבן אַ מוסטער־געשטאַלט אין אַ וויזיע — פאַר אונדזערע גאונים צו שפּילן אים, און זיך אַריינצושפּילן, און מיר אויף זיי קוקנדיק.

און אַזוי האָבן אונדזערע גרעסטע געטאָן: די נביאים. זיי זיינען קינסטלער־שפּילער געווען אויף זעאונגען און געשטאַלטן. קינסטלער־שפּילער אין דעם גרויסן יידישן זין פון וואָרט: מענטשן־באַשאַפער.

וואָס האָבן זיי געטאָן? זיי האָבן אָבער און ווידער דאָס פאָלק באַשאַפן און איבערגעשאַפן, פאַר איינס מעשה בראשית. פאַר איינס מתן תורה. פון יעדן דראָענדיקן אומגליק, פון יעדן חורבן האָבן זיי אַ זעאונג אַרויסגעקראָגן, און דאָס פאָלק פאַר די הערצער אַריינגעצויגן אין דער זעאונג. ביז זיי האָבן אָנגעצונדן די זעאונג פון משיחס צייטן און משיחן.

און וואָס האָט דאָס פאָלק געטאָן זייט די נביאים? אָבער און ווידער פון דאָס ניי מיט כוחות זיך אָנגענומען, פון דאָס ניי זיך באַשאַפן פון דער נביאישער משיח זעאונג.

און וואָס האָט איר די צווייטע סדר נעכט געטאָן? איר האָט געפּראָוועט אַ צערעמאָניאַל, אַ הייליקן ספּעקטאַקל כדי אַריינצושפּילן זיך אין דער יום־טובדיקער שטימונג פון דערלייזונג.

און איר האָט געעפנט די טיר — איר האָט געשפּילט — כדי אייער קינד זאָל זיך אָננעמען מיט אַביסעלע וואונדערלעכע יידישע גוטסקייט פון דער אומזיכטבאַרער אליהו הנביא געשטאַלט.

אַ, די סדרים מיט דער געעפנטער טיר פאַר אליהו הנביא האָבן מער יידישע קינדער פאַר יידן געמאַכט, ווי אַלע תלמודי־תורה צוזאַמענגענומען. ווייל סדרים איז שפּיל, ספּעקטאַקל, און אין תלמודי־תורה לערנט מען בלויז.

און איצט, ווען די וועלט האַלט ביים איבערסדרן איר סדר, דאַרפן די פעלקער פון גרונט אויס איבערגעשאַפן ווערן. אָבער עס פעלט זיי די

זעאונג, און עס פעלט זיי די געשטאַלט, און אָן דעם איז קיין מענטשן באַשאַפונג. וואָס זיי האָבן יאָ, האָבן זיי געבאַרגט ביי אונדז און איבער־געפירט. האָט זיך אין אונדז אָפּגערופן אונדזער משיח באַרוף. קלייבט זיך, דערקלייבט זיך דער בעסערער טייל פון אונדזער פאָלק אַריבער אויף דער בינע פון וועלט־טעאַטער — אין ארץ־ישראל.

צווייטער אַקטן פון דעם שאַפונגס פּראָצעס — דער גראָבער, דער חומרדי־קער, די געבורט ווייען — וועלן זיך אָפּשפּילן — אָדער האָבן זיך שוין אָפּ־געשפּילט? — דרויסן פון ארץ־ישראל בינע, אין חוץ לארץ, צווישן די פעלקער און לענדער. דער שלום־אַקט, דער דערלייזנדיקער אַקט, דער וואָס וועט דעם גראָבן שאַפונגס־פּראָצעס דערהייבן צו געלייטערטער גייס־טיקייט, — די נייע מענטש־געבורט — וועט זיך אָפּשפּיגלען אין ארץ־ישראל. דאָרט וועט די משיח־זעאונג אויפגיין, דאָרט — אויב נויטיק — וועט די משיח־געשטאַלט זיך ווייזן אין לייבלעכער לעבעדיקער פאָרם — אויף אַ רגע נאָר, עס וועט זיין גענוג. אַבי ניט קיין געמאַכטער משיח, אַבי ניט קיין מאַגישער קונץ. און וואָס וועט דעמאָלט זיין? די מענטשן, דערזעענדיק ווי אַ זעאונג איז לעבעדיק געוואָרן, וועלן פאַרכאַפּט ווערן, ווי פון אַ גלגול. און די זעאונג וועט ווערן לייב אין זיי און דאָס וועט זיין די נייע געבורט.

איז דאָס מעגלעך? אין די וואונדער לענדער פון מזרח איז אַלץ מעגלעך. אין טיבעט און אינדיע זאָגן זיי, אַז זיי קענען אַ זעאונג אַרויס־רופן צום לעבן. וועט מען דאָס אין ארץ־ישראל — דאָס ניסים־לאַנד, אַוודאי קענען. און טאָמער ניט, זאָל די זעאונג בלייבן שוועבן אין די וואָלקנס וועט זיין — דיינו.

עס ווייזן זיך שוין די סימנים: אונדזערע חלוצים שטרעקן שוין זייערע טרוקענעביינער צום תחית המתים.

וואָס וועט ווייטער זיין? אַ ספּעקטאַקל וועט זיין, אַ וועלט־ספּעקטאַקל. פון ארץ־ישראל וועט ער זיך אַריבערוואַרפן. ווי יעדע גרויסע עפּאָכע־מאַכנדיקע געשעעניש איז אַ ספּעקטאַקל: די מאַסע שפּילט זיך אַרויף אויף אַ גליענדיקער זעאונג, שלינגט זי איין אין זיך, און ווערט איבער־געשמאָלצן און איבערגעפורעמט לויט דעם מוסטער, וואָס די זעאונג טראָגט מיט זיך.

און די מענטשהייט וועט פייערן איר דערלייזונגס־יום־טוב, איר פּסח.

אליהו הנביא אין אונדזער שטוב

דער כוס פון אליהו הנביא איז דער הויך־פּונקט פון סדר. — דער אומזיכטבאַרער גאַסט. — גלוי אליהו. — אַ סדר ביים מאַנסטרישטשער רבין. אליהו, דער בשורה־טרעגער פון אַ נייער, בעסערער וועלט. — אמונה און קונסט.

דער סדר איז ניט דער איינציקער ספּעקטאַקל ביי ייִדן. הקפות איז אויך אַזאַ ספּעקטאַקל. אַזוי אויך דער גאַנצער רעליגיעזער צערעמאָניאַל, וואָס טראָגט אַריבער דעם ייִדן אין אַ געהויבענער פאַרגעשטעלטער וועלט. אָבער דער סדר איז מער, דער פערזענליכסטער, דער אינטימסטער ספּעק־טאַקל. דער ייִד ביים סדר איז אַליין דער רעזשיסאָר, אַליין דער אַקטיאָר, דערפאַר איז די ווירקונג פון סדר־שפּיל אויף דעם שפּילער אַ סך שטאַר־קער.

דער ייִד אויפן היסב־בעט, מיטמאַכנדיק מיט די פאַרצייטיקע ייִדן יציאת מצרים, מתן תורה, דורכמאַכנדיק די גאַנצע ייִדישע געשיכטע — שפּילט זיך אין דער ייִדישער פאַרגאַנגענהייט אַריין; ער זויגט אַריין אין זיך דעם ייִדישן פאַרצייטן — און ווערט ביים סדר אַ פולער ייִד.

ניט דער ברית, ניט דאָס לערנען אין חדר און ניט דאָס דאַוונען דריי מאָל אַ טאָג האָט געמאַכט דעם ייִדן פאַר אַ ייִדן. ערשט ביים סדר איז דער ייִד געיידישט געוואָרן. דערמאָנט זיך די שטימונג ביים סדר: דאָס צימער ווערט גרויס ווי אַ פּאַלאַץ; די לופט איז ווי אַנגעווייעט פון איבער בערג און טאָלן, פון ווייטע לענדער; פון ווייטן מזרח־לאַנד; דער ניגון הערט זיך פון פאַר טויזנטער יאָרן.

און אַלע חושים פאַרוואַנדלען זיך; מען זעט און מען הערט אַנדערש. דאָס האַרץ רעגט זיך, דער געדאַנק שטרעקט זיך און די פאַנטאַזיע פינקלט, ווי דער ווייַן אין בעכער.

דאָס איז די פיינע אויפגעוועקטקייט פון שפּיל; אַ זיכערער סימן, אַז דער סדר איז אַ ספּעקטאַקל...

און עס איז פאַראַן אין סדר מער:

ב. ריוועקין

דער סדר־ספעקטאַקל שליסט אײן אַן אײנאַקטער, וואָס קאָן באַטיטעלט ווערן „דער כוס פון אליהו הנביא״ — דער הויך־פונקט פון דער גאַנצער אויפפירונג. און אין דעם אײנאַקטער איז דאָ אַ הויפט־שפילער, וואָס מען זעט אים ניט — טאַקע אליהו הנביא אַליין.

אַ מערקווירדיקע דעקאָראַציע. אַ פולער כוס און אַ ליידיקער שטול פאַר אַן אומזיכטבאַרן גאַסט; ער איז געבעטן און אײנגעלאַדן צו קומען.

אַ קבלת־פּנים ווערט פאַר אים געשפּילט: מען עפנט די טיר — און שפוך חמתך... קום, העלף אונדז דערייון!...

ער קומט, נאָר מען זעט אים ניט. אָבער קינדער פילן, אַז ער איז דאָ, און די וואָס זײַנען זוכה, זעען אים אויך. אַזוי דערציילט זיך אין די פאָלקס־מעשׂיות.

האָב איך געהאַט די זכיה מיט מײַנע אויגן צוצוזען אַזאַ „גילוי אליהו״, ביים מאַנסטרישטשער רבין — צום סדר. האָב איך, דער אורח, מיט מיין פרוי, מיטגעבראַכט נאָך צוויי אורחים — צוויי שריפטשטעלער, וואָס האָבן זיך ספעציאַליזירט אין אַפּיקורסות. ווען די טיר האָט זיך געעפנט פאַר אליהון, איז דער רבי, אַ הויך־געשטאַלטיקער, אויסגעוואַקסן צו זײַן פולן וואוקס און ער האָט גענומען זאָגן דעם שפוך חמתך — דאַכט זיך, מיטן געוויינלעכן הגדה־נוסח. אָבער דורך דעם נוסח האָט זיך געהערט דער ניגון פון קדיש איבער בערג מיט הרוגים — פון אײנעם, וואָס זײַנע אויגן זעען־צו די הריגה, גרייט זיך יעדע רגע אַליין צו ווערן אַ הרוג. זײַן קול האָט זיך געבראָכן און מיט יעדן בראָך איז ער אַלץ העכער געשטיגן, ביז דורך דעם שטילן קול האָט זיך גענומען הערן אַ מוראדיקער געשריי, געווענדט צו דער אָפענער טיר — אליהו, אליהו, דו בשורה־טרעגער — טראָג די „בשורה״ צו משיחן און קריג אים אַרויס פון זײַן באַהעלטעניש — ווי לאַנג נאָך, רבונו של עולם...

מײַנע צוויי ספעציאַליסטן אין אפיקורסות זײַנען דערשיטערט געוואָרן. טרערן האָבן אומפאַרשעמט זיך געקייקלט איבער זייערע פּנימער און זיך אַרײַנגעקייקלט אין זייערע כוסות.

דאָס איז דער עפעקט פון קינסטלערישן שפילן — זי נעמט גלייך טאָן באַשעפערישע אַרבעט אינם מענטשן.

דאָס איז דאָך אונדזער חלום וועגן צוקונפט־טעאַטער: ווען די וויזיע, די אידעאַלע געשטאַלט, אויף וועלכער די דראַמע טײַטלט אָן, פלאַטערט ניט אויף דער בינע, איבער די קעפּ פון די אַקטיאָרן, נאָר אין צושויער־זאַל, איבער די קעפּ פון פובליקום...

איצט מאָלט איך אַ דראַמע, וואָס גיט ניט דעם הויפט־העלד, נאָר דורך

אַלע האַנדלונגען און האַנדלדיקע פּערזאָנען צילט זי צו אים ; מאָלט איך אַ בינע, וואו דער הויפּט־שפּילער פעלט. נאָר דאָס גאַנצע שפּילן יאָגט זיך נאָך אים.

וואָס וועט דעמאָלט געשען? דער צושויער, ניט קריגנדיק אַלץ צוגע־טראָגן פאַרטיקערהייט, אָבער קריגנדיק אַלע נויטיקע אָנווייזונגען פון די אַקטיאָרן, וועט פאַרזעצן זייער שפּילן אין זיך, וועט פאַרענדיקן די אָנדיי־טונגען, דערשפּילנדיק אין זיין פאַנטאַזיע די פאַרשוועבנדיקע וויזיע.

דער צושויער וועט פיל מער קינסטלעריש אָנגערעגט ווערן, אַליין אַ מיטשפּילער ווערן און — און אַוועקטראָגנדיק פון טעאַטער אַן אייגן־געשאַ־פענע וויזיע, וועט ער האָבן אַ גרויס געווינס...

עס קאָן אַפילו געמאָלט זיין, אַז מאַנכע פון די צושויער מיטשפּילער, ספּעציעל די פרויען, וועלן אין עקסטאַז פון שפּילן דערזען די וויזיע.

אויב איר ווייסט עס ניט, ווייסט עס, די וויזיעס, די אומזיכטבאַרע מוסטער־געשטאַלטן, וואָס מיר טראָגן אין זיך, בויען אונדז, באַשאַפן אונדז.

און וואָס איז אמת פאַר יחידים איז נאָך אמתער פאַר גאַנצע פעל־קער. מיר יידן, האָבן געהאַט אַן אומזיכטבאַרע מוסטערגעשטאַלט אין דער משיח־וויזיע, וועלכע איז אונדז פאַרויסגעגאַנגען, פורעמנדיק אונ־דזער געשיכטלעכן פּנים. דער חלום וועגן צוקונפט טעאַטער אַרום אַן אומזיכטבאַרן הויפּטהעלד האָבן מיר פאַרווירקלעכט דורך אונדזער גע־שיכטע. אונדזער גאַנצע געשיכטלעכע אַרענע איז געווען אַ סצענע פאַר אויפשפּילן אַרום אונדזער אומזיכטבאַרן הויפּט־העלד, און די אויפשפּילן האָבן וויפיל מאָל אונדז געראַטעוועט דאָס לעבן, ווען עס האָט זיך שוין גע־דוכט — אַט־אַט גייען מיר אונטער. ניין, נאָך יעדן אַזאַ אויפשפּיל — אַפילו אַ פאַלשן אויפשפּיל — זיינען מיר אויפגעשטאַנען תחית המתים, נייבאַ־שאַפענע.

אַט דאָ קאָן, פון אַלטן יידישן סדר, דורך זיין אומזיכטבאַרן מיטשפּי־לער, געוואָרפן ווערן אַ בריק פון דער פרומער אמונה צו דער פרייער וועלטלעכקייט, מיט איר פרייער קונסט. דאָ קומען זיי זיך צונויף — אמונה און קונסט. ביידע נעמען זיך אַרויס פון זעלביקן קוואַל. גלויבן איז שאַפן, שאַפן איז גלויבן. ביידע זיינען האַנדלונגען אויף קרעדיט, אין ריזיקע פון גייסט. און ביידע האָבן אין ציל און אין מעטאָד — מענטש־באַשאַ־פונג לויט געשטאַלט.

אליהו הנביאס כוס

די ערשטע און צווייטע נאַכט פון פּסח שפּילן די פרומסטע יידן טעאַטער: זיי שטעלן אַ היסטאָרישע ספּעקטאַקל־פּיעסע, וואָס הייסט מיטן נאָמען: „דער סדר".

ניט זיי אַ שטאָך צו טאָן, נאָר דוקא צו לויבן זייער גרויסן שוי־שפּילערישן טאַלאַנט, ווערט עס געזאָגט: און דער סדר ווערט דורך דעם ניט פאַרשוועכט. ניט דערנידעריקט, נאָר דוקא דערהויבן און געהייליקט. פיל גרעסערע און הייליקערע האַנדלונגען, ווי דער סדר, זיינען ספּעקטאַקלען געווען. גאָט האָט זיך באַוויזן צו די יידן אין שפּיל — אויפן באַרג סיני; די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן אין שפּיל. שפּיל איז אומעטום. וואו עס דאַרף זיך אַרויסשיילן אַ „יש מאין", ווען אַ זאַך, וואָס איז ניט געווען, דאַרף ווערן.

ווען אַ מענטש לעכצט נאָך נייער קראַפט, און ער ווייסט ניט פון וואַנען זי צו נעמען — זאָל ער זיך פאַרשטעלן, אַז די געווינשטע קראַפט באַזיצט ער שוין — און זאָל ער זי שוין אויסגעבן, פאַרשווענדן, אַוועק־שענקען — וועט ער די קראַפט פון זיך אַרויסקריגן.

דערפאַר איז געזאָגט געוואָרן: „גיב, וועט דיר נאָך מער געגעבן ווערן". גיב, וואָס דו האָסט ניט, וועט דיר צוקומען. דאָס איז די עצה פון די מענטשן־פריינטליכע יידישע תלמידי חכמים און דאָס איז אויך די עצה פון דעם בייזן מענטשן־האַסער ניצשע צו זיין אויבערמענטשן, דעם אויבער־עגאָאיסט:

„פאַרשווענד זיך, וועסטו רייך ווערן". וואָרים דאָס איז אַ פּסיכאָ־לאָגישע געזעץ — פאַר גוטע און שלעכטע; דער געזעץ פון שפּיל.

דערפאַר קענען אַזוי גרויס זיין קינסטלער — פּאָעטן, אַקטיאָרן, מאָלער, מוזיקער — שפּילנדיק גיבן זיי...

און דאָס איז אויך די גרויסקייט פון נביא: פון גאָרנישט אַרויס דער־לאַנגט ער אייך אַ זעאונג, וואָס איז אַן אָנווייזונג אויף דער צוקונפט; די זע־הונג וועט שפּעטער מקוים ווערן. דער נביא שפּילט אויס צוקונפטיקעס.

אָבער מיט דעם נביא איז אַנדערש ווי מיט דעם היינטיקן שוי־שפּילער; ער שפּילט ניט אויפצופלייסנס. ער שפּילט אויף אַן אמת. עס האָט אים אַנגעווייטיקט אין האַרצן מיט דעם ווייטיק פון פאָלק, — שפּילט ער אויפן ווייטיק אַ רפואה אויס...

און פונקט אַזוי אַנדערש איז דער סדר: עס איז ניט דער היינטיקער שוישפּיל, דאָס פּאַרשטעלעניש אין טעאַטער; מען פּראָוועט ניט סדר אויפצופליסנס; עס איז אַ שטיק אמת, אַ שטיק יידיש לעבן. אָבער עס איז לעבן און שפּיל צוזאַמען, און דערפאַר איז די ווירקונג פון סדר־שפּיל אויף דעם שפּילער פיל גרעסער.

דער ייד אויפן היסב־בעט, מיטמאַכנדיק מיט די פּאַרצייטיקע יידן יציאת מצרים, מתן־תורה, און די גאַנצע יידישע געשיכטע — שפּילט זיך אין דער יידישער פאַרגאַנגענהייט אַריין: ער זויגט אַריין אין זיך דעם גאַנצן יידישן פאַרצייטן — און ווערט ערשט, ביים סדר, א פולער ייד.

ניט דער ברית, ניט דאָס לערנען אין חדר און ניט דאָס דאַווענען דריי מאָל א טאָג — מאַכט דעם יידן פאַר אַ יידן. ערשט ביים סדר ווערט דער ייד געיידישט. אַ ייד, וואָס האָט קיינמאָל קיין סדר ניט געפּראַוועט, קען קוים גערעכנט ווערן פאַר אַ יידן...

דערמאָנט זיך די שטימונג ביים סדר: דאָס צימער ווערט גרויס ווי אַ פּאַלאַץ, די לופט איז ווי אַנגעוויַיט פון איבער בערג און טאָלן, פון וויַיטע לענדער; פון וויַיטן מזרח־לאַנד; דער ניגון הערט זיך פון פאַר טויזנטער יאָרן.

און אַלע חושים פאַרוואַנדלען זיך: מען זעט און מען הערט אַנדערש, דאָס האַרץ רעקט זיך, דער געדאַנק שטרעקט זיך און די פאַנטאַזיע פינקלט, ווי דער וויין אין בעכער. דאָס ייִנגעלע, נאָך די פיר קשיות, חלומט וועגן זאַכן, וואָס ער שעמט זיך טאַטע־מאַמע אויסצוזאָגן —

דאָס איז די פיינע אויפגעוועקטקייט פון שפּיל; אַ זיכערער סימן, אַז אַ סדר איז אַ ספּעקטאַקל...

ניט דער איינציקער ספּעקטאַקל ביי יידן. הקפות איז אויך אַ ספּעקטאַקל. און דער גאַנצער רעליגיעזער צערעמאָניאַל, אָבער דער סדר איז מער — דער פּערזענליכסטער, דער אינטימסטער ספּעקטאַקל; דער ייד ביים סדר איז אַליין דער רעזשיסאָר, אַליין דער אַקטיאָר...

די עבודה אין בית־המקדש איז א ריזיקער ספּעקטאַקל געווען — פאַר גאַנץ ירושלים, פאַר די הונדערטער טויזנטער עולה־רגלניקעס, וואָס פלעגן אָנקומען אויף יום־טוב פון גאַנץ ארץ־ישראל; און דער ריזיקסטער פון אַלע ספּעקטאַקלען. וואָס די געשיכטע האָט צו אים קיין גלייכן ניט; אַ ספּעקטאַקל פאַר אַ גאַנץ פאָלק, וואָס קיין שום אומה ולשון האָט אַזוינס ניט געהאַט — איז געווען מתן־תורה...

עס איז געווען אַ שפּיל אין העכערן זין פון וואָרט — ווען אמת ווערט געשפּילט; עס איז אויסגעשפּילט געוואָרן אַן אמת פאַר אַלע

צייטן; דער גאַנצער יידישער עבר — זייט אברהם אבינו — איז אויסגעלייזט געוואָרן, און די גאַנצע צוקונפט איז דאָרט געבאָרן געוואָרן.

אַלע יידישע נשמות—די מילע מיליאָסן נאָך ניט געבאָרענע—זיינען געשטאַנען ביים באַרג סיני; און אין יידישן זכות—די גוישע נשמות אויך...

פונדערוויטנס זיינען זיי געשטאַנען. פרעגט ביי זיי. זיי האָבן ניט איינמאָל אַנטלייען און אַנטלייען נאָך איצט נשמה ביי יידן; דערפאַר האָבן זיי אונדז פיינט. ווי מען האָט פיינט וועמען מען איז שולדיק אַ גרויסן חוב...

אַזאַ ספּעקטאַקל, ווי ביים באַרג סיני, וועט זיך נאָר ווידערהאָלן, ווען משיח וועט קומען...

ענליכס — אָבער אין פיל קלענערן מאַסשטאַב — האָבן די גריכן אויך געהאַט: ספּעקטאַקלען פון גרויסער רעליגיעזער וויכטיקייט — די יערלעכע מיסטעריעזע דיאָניסיוס־שפּילן.

און פון יענע גריכישע מיסטעריען שטאַמט דירעקט דער מאָדערנער טעאַטער; ער איז אָבער אַ וויטער, בלייכער שאָטן פון די אַמאָליקע, ווייל דער טעאַטער איצט — איז שפּיל אויפצופלייסנס, בעת אַמאָל איז ער געווען שפּיל אין אמת...

די ווירקונג פון היינטיקן טעאַטער — זיין כח צו פאַרוואַנדלען דעם צושויער, אויסשפּילנדיק פאַר אים כוח — זיין ווירקונג איז אינדירעקט — אויף אַן אומוועג; שפּעטער, אַן זיין וויסן, וועט אין צושויער זיך אָפּרופן וואָס עס האָט זיך אין אים אַריינגעהויכט, אַן זיין וויסן, אין צושויער־זאַל.

בעת צו די רעליגיעזע ספּעקטאַקלען, וואו לעבן און שפּיל איז איינס — איז דער צושויער געגאַנגען דירעקט קויפן כוח, ווי מען גייט קויפן סחורה.

ביים סדר קויפט דער ייד יידישן כוח, און דער סדר איז דאַרום אַ מוסטער פון אַמאָליקן טעאַטער, און אויך אַ מוסטער פון צוקונפט־טעאַטער. ווייל עס גייט ווידער דערצו, אַז לעבן און שפּיל זאָלן ווערן איינס...

נאָכדעם ווי דער ספּעקטאַקל האָט זיך אָפּגעזונדערט אין טעאַטער, און איז באַרייכערט געוואָרן מיט אַן אַ שיעור מיטלען — מיט דראַמאַטורגען, אַקטיאָרן, רעזשיסאָרן; מיט אויסשטאַטונג אין טעכניק — וועט ער צוריק אַרויס אין לעבן; און ווען עס וועט דאַרפן דאָס גרויסע געשען, און כוח וועט פעלן דערצו, וועט דאָס געווינשטע אויפגעגעבן ווערן אַלס סוזשעסט, און דאָס געשעעניש וועט אויסגעשפּילט ווערן און זיך פאַרוואַנדלען אין אַ לעבנס־פאַקט.

און דער סדר איז נאָך מער, וויפל מיר האָבן ביז אַהער געזאָגט

וועגן אים: ער איז נאָך מער אָנווייזונג אויף צוקונפט־טעאַטער: ביים סדר איז דאָ אַ שפּילער, וואָס מען זעט אים ניט: אליהו הנביא...

און אַזוי וועט זיין אין צוקונפט־טעאַטער; איצט איז קיין אמת קינסט־לעריש טעאַטער ניטאָ, ווען די וויזיע, די אידעאַלע געשטאַלט, אויף וועלכע די דראַמע טייטלט אָן, פּלאַטערט ניט אויף דער בינע, איבער די קעפּ פון די אַקטיאָרן, נאָר אין צושויער־זאַל, איבער די קעפּ פון פּובליקום...

דאָס נייע, וואָס דאַרף אויסגעשפּילט ווערן, מוז זיך שוין שפּירן ביים שפּילן...

אָבער דער היינטיקער טעאַטער איז ניט מסוגל פאַר וויזיעס; די דראַמע זאָגט צופיל אויס — זי גיט דעם הויפּט־העלד אַ פּאַרטיקן; דער אַקטיאָר, אַ לעבעדיקער בשר ודם, אויסשפּילנדיק דעם הויפּט־העלד, קען דאָך ניט אַרויסקריכן פון זיין הויט; ער איז געבונדן מיט זיין גייסטיקן און פיזישן וועזן.

אַזאַ טעאַטער איז שוין געווען. ער האָט פונקציאָנירט אַרום מינכען אונטער דעם נאָמען „אַנטראָפּאָזאָפישער טעאַטער", געגרינדעט פון דעם מיסטיקער רודאָלף שטיינער — דעם מאָדערנעם דייטשן נביא. וועלכער איז באַטירלעך געווען אַ ייד — ווי זשע אָן אַ יידן? צום באַ־דויערן אָבער האָט אים זיין טאַטע געשמדט אין דער מאַמעס בויך...

דאָס שפּילן איז געווען אינטים — פאַר אַ געקליבענעם עולם; די דראַמע איז געווען אַ צערעמאָניעל, און דאָס גאַנצע האָט אויסגעזען ווי אַ ספּיריטואַליסטישער סעאַנס...

און שטיינער האָט געהאַט אויסגעאַרבעט אַן איינלייטונגס־צערעמאָניע — וואָס איז געווען אַ תפילה און אַ גייסטיקע טבילה צוגלייך — ער האָט עס גערופן „איינווייהונג" — וואָס גרייט צו די צושויער צו זען גייסטער...

דער צושויער איז געווען אַ מעדיום...

עס זיינען מערסטנס געשטעלט געוואָרן היסטאָרישע איינאַקטערס, און דער פאַרשטאָרבענער העלד אַליין האָט זיך געדאַרפט באַווייזן אויף דער בינע.

און שטיינערס געשוואָרענע אָנהענגער האָבן געשוואָרן, אַז זיי זעען אים...

איר וועט זאָגן:

דאָס איז סעאַנס און ספּיריטואַליזם. וואָס איז מעגלעך נאָר אין אַן אינטימען קרייז? אָבער עס איז מעגלעך אַ געלייטערטער סעאַנס אָן ספּיריטואַליזם, וואו אינטימיטעט זאָל פאַרבונדן זיין מיט עפנטלעכקייט.

„הבימה" קינסטלער מיט זייער הייליק שפּילן שאַפן פאַר אונדז נייע רעליגיעזע צערעמאָניאַלן

דער פרייער און דער פרומער זיצן זייט ביי זייט און ביידע האָבן בשותפותע יום־טובדיקע פרייד

מאָלט אייך, עס איז אויפגעגעבן געוואָרן אַ קאָמפּאָזיטאָר צו שרייבן מחיק צו אַ טאַנץ פון אָרימע לייט אויף אַ גבירישער חתונה.

די מוזיק וועט אייך ניט דערציילן וועגן דעם אָדער יענעם טאַנצנדיקן אָרימאַן; נאָר וועגן דער עסענץ פון דער זאַך; וועגן דער אָרימקייט, וואָס מאַכט זיך לוסטיק, כדי משמח צו זיין די רייכקייט; אַ טאַנץ מיט אַ בייזן ווילן, מיט אַ ניט פאַרגינען.

די אָרימקייט קען ניט צוזען די שמחות פון די רייכע; זי בענטשט מיט די ליפּן, און שעלט אין האַרצן.

און וואָס דער מוזיקער וואָלט דערציילט מיט זיין מוזיק. דערציילט די „הבימה" מיט איר שפּילן אין דעם טאַנץ פון די אָרימעלייט אויף סענדער ברוניצעס טאָכטערס חתונה.

דער מוזיקער באַהעלפט זיך בלויז מיט קלאַנגען; די „הבימה" באַהעלפט זיך מיט אַלע מיטלען פון אַלע קונסטן צוזאַמען — פון דער סקולפּטור, פון דער מאָלעריי, פון קלאַנגען־קונסט, וואָרט קונסט; פון באַוועגונג און טאַנץ, און פון דער אייגענטליכער קונסט פון טעאַטער — דער שפּיל־קונסט.

זיי, די הבימה־שפּילער קענען פון זייערע לייבער באַוועגלעכע סטאַטועס — איינציקווייז און גרופּענווייז; מאַכן פון זיך בונטיק־פאַרביקע לעבעדיקע בילדער; ניט נאָר דעם הינטערגרונט, די דעקאָראַציעס, די סצענעס שלאָגן פון זיך רייכן פאַרבן־שימער; ניט נאָר די קליידונג איז קאָלירט, נאָר אויך די פּנימער זיינען קאָלירט.

די קאָלירטע פּנימער פאַרשטאַרקן נאָך מער די אילוזיע פון לעבעדיקע בילדער.

איז יעדער מאָמענט א נייע האַרמאָנישע גרופּירונג פון בילדער און סטאַטועז; אַ נייע באַוועגונג פון אַן אָרקעסטער פון קלאַנגען און פאַרבן; אַ באַוועגלעכער אָרקעסטער פון צענערליי קונסטן, און לעבעדיקע מענטשן זיינען די אינסטרומענטן, און דער קאָמבינירטער עפעקט איז ווי פון מוזיק; פאַנטאַזיע און צעגליך די סאַמע עסענץ פון דער ווירקלעכקייט; אָרימקייט טאַנצט מיט שעלטנדיקער קנאה אויף אַ גבירישער חתונה.

אָבער מוזיק דערציילט דאָך מער: ווען אַ מענטש האַנדלט, ראַנגלט זיך פאַר זיין לעבן — רודערט זיך אין זיין האַרצן אַ כאָר פון געפילן; רופן זיך אָפּ אין אים דערנידערונגען און בייִנקשאַפטן פון אַמאָל, וואָס דערגרייכן אַפילו ניט צו זיין באַוואוסטזיין; עס ציען זיך צו אים די געדאַנקען און גליק־וואונטשן פון די מענטשן, וואָס האָבן אים ליב, און די טויט־וואונטשן פון די מענטשן, וואָס האָבן אים פיינט. ווען אַ מענטש האַנדלט, שרייבט זיך איבער זיין קאָפּ זיין גורל, וואָס ווערט דיקטירט פון זיינע האַנדלונגען; האַנדלט איבער זיין קאָפּ זיין צווייטע, אומזיכטבאַרע, גרויסע געשטאַלט — זיין שר אין הימל.

און דאָס אַלץ דערציילט די מוזיק; אין דער אָפּערא איז עס דער כאָר, אין אַ סימפאָנישן אָרקעסטער זיינען דאָס די באַגלייטנדיקע אינסטרו־מענטן, וואָס דערציילן אויף אונטער־טענער און איבער־טענער וואָס עס שפּילט זיך אומזיכטבאַר ארום דער הויפּט־האַנדלונג.

די מאָסקווער מוזיקאַלישע סטודיאָ, וואָס האָט געשפּילט „קאַרמענ־סיטאַ", האָט געהאַט אויפגעבויט אַ סצענע ווי אַ טורם־שלאָס, דער כאָר איז געווען אויסגעשטעלט אויף שטייגענדיקע טרעפּן, הענגנדיקע בריקן און שוועבנדיקע באַלקאָנען. און עס איז גלייך קלאָר געווען וועגן וואָס עס זינגט דער כאָר: וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך אין די טיפענישן פון די הערצער, און וואָס עס טוט זיך אין די הימלען, בשעת עס האַנדלט זיך אויף דער בינע.

איצט, לאָמיר נאָך אַמאָל אויפגעבן דעם קאָמפּאָזיטאָר צו שרייבן מוזיק צו דעם אָרים־טאַנץ אויף דער גבירישער חתונה אין „דיבוק"; עס איז דאָך ניט גלאַט אַן אָרים־טאַנץ; נאָר אַ טאַנץ ביי אַ גביר, וואָס האָט זיך שווער פאַרזינדיקט; ער האָט געבראָכן צוויי יונגע הערצער צוליב גייצי־קייט און פאַלשן יחוס־שטאָלץ.

און די אָרימעלייט טאַנצנדיק נקמה פאַר זיך אליין, טאַנצן אויס אַ שטראָף פאַר דעם גביר, פאַר זיין פאַרברעכן; זיי טאַנצן אריין יענע וועלט, דעם דיבוק, אין זיין טאָכטער.

דער מוזיקער וואָלט זיך באַהאָלפן מיט כאָר־געזאַנג און כאָר־איב־

סטרומענטן: די הבימה שפּילער זײַנען אַליין דער כאָר; און שפּילנדיק וועבן זיי אַרײַן געהיימן גורל אין די האַנדלונגען — דעם גורל, וואָס די האַנדלונגען טראָגן מיט זיך, וועלכער שרײַבט זיך אַרײַן אין די טיפענישן פון די הערצער, איבער די קעפּ, אין די הימלען.

עס איז אַ סימבאָליש שפּילן מיט רמזים, מיט וואונקען צום אומ־זיכטבאַרן, צום צוקונפטיקן.

וואָס איז אַלזאָ די נײַע טעאַטער־קונסט פון הבימה? ניט אַ שפּילכעלע גלאַט אַזוי זיך און ניט קיין אָפּשפּיגלונג פון דערווירקלעכקייט. נאָר אַ שפּילן וואָס איז אַנגעקוואָלן מיט דער נשמה פון מוזיק, וואָס גיט אין אַ פאַנטאַזיע די סאַמע עסענץ פון דער ווירקלעכקייט — די אמתערע, די עכ־טערע, די אינעווייניקסטע ווירקלעכקייט, מיט דעם אָנווייז אויף דאָס נאָך באַהאַלטענע, דאָס גורלדיגע.

עס איז אַ האַנדלונג דערהויבן צו מוזיק, ווי אַן אָרקעסטער פון לעבע־דיקע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, וואָס דערציילן די האַנדלונג פון דער נשמה, און ברענגען דעם נשמה־גערודער אין דרויסן אַרויס — פאַרן אויג און אויער.

וואָס טוט אַ קאָמפּאָזיטאָר? ער נעמט אַן אײַנפאַכן פאָלקס־ניגון, און וויקלט אויף אים אַרויף אַ סימפאָניע פון מעלאָדיען, מיט דעם פאָלקס־ניגון אַלס גרונטמאָטיוו. דאָס טוט אויך הבימה. איר שפּילן איז האַנדלונג דער־הויבן צו קאָמפּאָזיציע.

איז דער בעסטער נאָמען פאַר דעם — צערעמאָניאַל־שפּיל. וואָס איז אַ צערעמאָניאַל — קבלת־שבת, צום ביישפּיל. עס איז ניט קיין שפּילכעלע גלאַט אַזוי זיך; ניט קיין אָפּשפּיגלונג, אָפּקאָפּירונג פון דער ווירקלעכ־קייט. וואו איז אין דער וואָכעדיקייט דאָ אַ קבלת שבת? עס איז אָבער דאָך אַ טייל פון דער אידישער ווירקלעכקייט — דער געהויבענער, געלײַטער־טער טייל, וואָס הייליקט מיט זיך די יידישע וואָך און דעקט זי צו מיט יום־טוב.

עס איז אַ סימבאָלישער טאַנץ אַרום דער פּרינצעסין־כלה, וואָס מאַכט יעדן יידן פאַר אַ פּרינץ־חתן — לכה דודי לקראת כלה! — אַ האַנ־דלונג דערהויבן צו מוזיק.

און די הבימה־שפּילער אויך אַזוי: זיי וואָלטן כסדר זיך אויסגעזוכט אַ פּרינצעסין־כלה, אַנטקעגן וועלכער צו פירן אַ טאַנץ.

אַ לכה דודי לקראת־כלה טאַנץ־געזאַנג־שפּיל, זיי זײַנען מקבל שבת...

און שפּילנדיק שאַפן זיי כסדר צערעמאָניאַלן: מאָלט אײַך, אַז די אָרימעלײַט, מיט זייער קללה אין די הערצער, מיט זייער דורשט נאָך נקמה

דורך זייער פאַרהוגנערטקייט און פּאַרקריפּלטקייט וואָלטן באַקומען אַ נייערע ליניע, און זיי וואָלטן זיך גענויטיקט אין אַ גרונט־צערעמאָניאַל — וואָלט דער חתונה טאַנץ פון דיבוק געקאָנט ווערן זייער צערעמאָניאַל.

עס איז פאַראַן אין „דיבוק" אַ שפּאָגל נייער רייך־רעליגיעזער צערע־מאָניאַל, וואָס וואָלט געקאָנט ווי ער שטייט און גייט אַריבערגענומען ווערן אין די שולן, אין די חסידישע הויפן. . .

דאָס איז דער פּראָצעסיאָנאַלער מאַרש פון די חסידים, בראש מיטן רבין, אַ נצחון־מאַרש, נאָכדעם ווי דער דיבוק איז אַרויסגעטריבן געוואָרן.

דאַכט זיך, אָן איינפאַכער גערוידער טאַנץ אָבער צוגלייך אַ פאַרווי־קלטער טאַנץ: אַ גאַנג־געזאַנג — אַ פאַנאַנדערגיין זיך און צוזאַמענגיין זיך. פיגורן טויכטן זיך צענויף און שווימען פאַנאַנדער. אַ הקפה, אַ מגן דוד, א דריי־עקיק רינג, א זיג־זאַג, א פּינטעלע, א ראָשי תיבות. דער רבי פּראַוועט קבלה, פאַרשווערט די רוחות.

עס איז אַ גאַנג אויף דער שאַרף צווישן דער וועלט און יענער וועלט — אונטער דער אָנפירערשאַפט פון אַ קאָמאַנדיר, א גבור אין גייסט, דעם שוואַכינקן טויט־בלאַסן רבין. מתים אין אייער רו, קאָמאַנדעוועט ער. די וועלט איז פאַרשלאָסן און פאַרריגלט פאַר אייך.

און פון דעם שניי־ווייסן רבין ביז דעם ייִנגעלע, וואָס רויטלט זיך פאַר פרייד, איז דער גאַנג אַן עליה צו די עולמות העליונים.

און דער צושויער ווערט אַריינגעצויגן אין א הייליקן כישוף, און ער ווערט געטראָגן אין דער הויך, אין דער הויך, אין שטייגענדיקער התלהבות — צו אַ מופת.

איך קען זיך ניט דערמאָנען פון מיין קינדהייט אזאַ שטאַרקע איבער־לעבונג אין אַ שול, סיידן דער כהן גדול וואָלט פאַר מיר געדוכנט.

פאַרשטייט זיך, אַז אין ערגעץ ניט טאַנצן אזוי חסידים מיטן רבין. עס איז אַ מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציע אויף אַזאַ טאַנץ, און עס איז דערהויבן געוואָרן צום טאַנץ פון אַלע חסידישע טענץ; צום ניגון פון אַלע חסידישע נגונים. עס איז אויסגעשפּילטער חסידישער שיר־השירים־עקסטאַז.

אַ ניי־געשאַפענער חסידישער צערעמאָניאַל.

איך ווייס ניט צי „הבימה" וואָלט זיך געקענט אונטערנעמען איבער־צושפּילן דעם מוראדיקסטן יידישן צערעמאָניאַל — כל נדרי, מיט דעם ציטערן און פלאַטערן פון דער עדה פאַר דעם גרויל פון די געעפנטע הימ־לען. איך האָב אָבער געזען, ווי זי האָט געשפּילט תשעה באב, און עס איז אַרויסגעקומען שטאַרקער ווי אין שול.

דאָס איז אין פינסקיס „אייביקן יידן״ — וואו א שטאָט מיט יידן דער־וויסט זיך וועגן חורבן בית המקדש.

עס איז אַ קאָמפּאָזיציע אויף דעם איכה־ניגון.

עס נעמען פאַלן ווי סנאָפּעס מיט די פּנימער צו דער ערד די עלטסטע פון שטאָט — ביז דער נשיא פאַלט. און עס ברעכט אויס און עס פאַרגייט זיך אַ געוויין אין דער אייביקייט אריין.

אין שול וויינען צעבראָכענע יידן א צעבראָכענעם געוויין אויף דעם בראַך פון אַמאָל, איז דאָס אַ זיפץ און אַ קרעכץ אף די דערנידערונגען פון פאַר צוויי טויזנט יאָרן.

דאָ וויינט אַ פאָלק אויף אַ בראַך, וואָס צעברעכט אים אָט אין דער רגע. עס ווייס, זיין גורל שפּאַלט זיך און ווערט צעריסן; רוקט זיך אָן אַ לאַנגער פינסטערער גלות. — אַ תהום. און עס גרייט זיך אָן מיט געוויין אויף טויזנטער יאָרן אין פאַראויס...

און אין „גולם״ שפּילט זי אַ מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציע אויף דער שלאַנג, וואָס ברענט דעם יידנס טריט דורך די אלע גלות יאָרן — דער בלוט־בלבול, עלילת־דם — און אויף דעם יידנס אומגעדולד, הלמאי משיח פאַרזאַמט זיך, און דער ייד נעמט זיך מיט די אייגענע הענט מקרב זיין דעם קץ.

עס איז א רייע נייע רעליגיעזע צערעמאָניאלן אויף דעם יידנס היינטיקן גורל...

אויב ניט העכער פון מאָסקווע!

(אַ פאַרגלייך צווישן „הבימה" און מאָסקווער קונסט־טעאַטער).

מיר באַגריסן אין „הבימה" דעם אייביקן יידן:

אַט די גאַנצע שיינענדיקע קינסטלער־משפחה — די משפחה פון מאָדערנע כהנים — וואָס מיר האָבן זיי געזען ביי זייער קינסטלערישער עבודה אין דער משיח־טראַגעדיע „גולם" — אַלע צוזאַמען זיינען זיי איין געשטאַלט — דער אייביקער ייד

אַט דער סימבאָל פון דער ניט אונטערגייענדיקער יידישער אומה, וועלכע גייט ניט געבראָכן אונטער דעם דרוק פון די שווערסטע לאַסטן, וועלכע שטייט אויף תחית המתים נאָך די טויטלעכע קאַטאַסטראָפעס — ווידער פריש, ווידער יונג — גרייט אויסצושטיין דעם בלוט־פּרואוו נאָך אַמאָל, צו באַגעגענען די זעלביקע שונאים פאַר אַ נייעם קאַמף, אויף טויט און אויף לעבן — אַט דער סימבאָל פון יידישן אויסדויער און ענטגילטיקן נצחון האָט געפונען אין אונדזערע טעג אַן אומגעריכטע פאַרקערפּערונג אין „הבימה".

דער אייביקער ייד אין דער געשטאַלט און מיט דעם פּנים פון אַן אַרטיסט — אַזאַ אומגעוויינטע געשטאַלט פאַר אים; אַזוי ניט ענלעך צו זיין טראַדיציאָנאַלן פּנים — ווער האָט דאָס געקענט פאַרויסזען?

האָבן אונדזערע זעער, די טרעפער פון דעם ניט פאַרגייענדיקן יידישן חלום, וועלכע האָבן געגנישטערט אין די קבלה־ספרים, צו געפינען די סימנים פון זיין דערשיינונג, די שפּורן פון זיינע שריט און די שטריכן פון זיין פּנים — האָבן זיי עס פאַרויסגעזען, אַז דער אייביקער ייד וועט זיך באַווייזן פאַרקליידט אַלס אַקטיאָר און וועט שפּילן טעאַטער פאַר דעם כבוד פון יידישן נאָמען און פאַר דעם נצחון פון יידישן גייסט?

אָבער דאָס זיינען זיי דאָך די יונגע קינסטלער פון הבימה — די יונגע, ווייל איר עלטסטער, איר גרינדער, נ. צמח, איז איר יינגסטער אין גייסטיקער ענערגיע — דאָס זיינען זיי דאָך אַלע צוזאַמען די פיל געשטאַלטיקע געשטאַלט פון דעם אייביקן יידן, — דער אויסדרוק פון אַלט־יונגן יידישן גייסט, דעם אויסדויערער, דעם בעל־נצחון.

ווארום הבימה האט דורכגעמאכט דעם גאנצן גורל פון אייביקן ייִדן — שלעק און פורעניות האבן זיך געשאטן אויף איר קאפ; און זי איז גע־פרואווט געווארן מיט מארטירערשאפט אויף קידוש השם; און מיט דער שווערבנדיקער סכנה פאר די אויגן האט זי געשעפטשעט „שמע ישראל" — שאפנדיק אירע הייליקע דראמאטישע תפילות.

די שבעה מדורי גיהנום איז זי דורכגעגאנגען, איידער זי האט פאר־פלאנצט איר גן־עדנל פון אייביקער ייִדישקייט אין א פארווארפענער געסל פון מאסקווע.

מען דארף זיך איצט פיל ניט פארשפרייטן וועגן דעם, אבי הבימה האט מנצח געווען.

אבער אן עדות מעג מען דאך רופן, אן עדות, וואס איז באגלויבט אין מאסקווע — דעם גרויסן מאקסים גארקי:

„הבימה איז געשאפן געווארן ביי הונגער און קעלט; אין אן אומ־דערמידלעכן קאמף פאר דאס רעכט צו רעדן אויף דער שפראך פון דער תורה, אויף דער שפראך פון געניאלן ביאליק. אלע ארטיסטן פון „הבימה" זיינען יונגעלייט און מיידלעך, ווען עס איז בזעת אפם אויסגעקומען צו פארדינען זייער שטיקעלע ברויט.

„איך ווייס מיט וועלכע שוועריקייטן עס האבן געמוזט קעמפן די דא־זיקע מענטשן, וויפיל ענערגיע עס איז פארוועדנדט געווארן אויפן קאמף מיט נארישקייט, קנאה, שנאה וכדומה. איך וועל אבער ניט דערמאנען דיליידן דארטן, וואו מען קען רעדן וועגן דעם גרויסן נצחון פון גייסט".

***

דער מהות פון דער הבימה שטעלט זיך אמבולטסטן ארויס, ווען מען פארגלייכט זי מיט דעם מאסקווער קונסט־טעאטער, וועמעס תלמידה זי איז געווען.

וואס איז די הויפט־כאראקטעריסטיק פון מאסקווער קונסט־טעאטערס שפילן? עס איז א שפילן אין א ראם, וואס איז אפגעטיילט פון צושויער מיט א פערטער וואנט.

די פערטע וואנט איז די אומזיכטבארע מחיצה צווישן דער בינע און צושויער־זאל. אויף דער בינע ווערט געשפילט, ווי קיין צושויער וואלט אויף דער וועלט ניט געווען. די אקטיארן — זיי שפילן ניט, נאר ווי זיי וואלטן געלעבט ביי זיך אין דער היים, וואוהין קיין פרעמד אויג טאר ניט אריינקוקן. זייער שפילן איז אזוי לעבנסטריי, ווי זיי וואלטן בפועל ממש געלעבט, ניט געשפילט.

און אין דעם אופן, ווי די מאָסקווער טוען עס, לאָזט זיך גרעסער ניט אויפטאָן; עס בלייבט מער נישט צו ווינטשן.

פאַרוואָס־זשע לאָזט עס מיר איבער פאַרט הונגעריק און ניט צופרידנ־געשטעלט?

ווייל בעת זיי דערפירן דעם מענטשן צום לעצטן גרענעץ פון פאַר־טיפונג און פאַרמענטשלעכונג, דערפיל איך, אַז דאָס איז מיר ניט גענוג. גוט, ווייס איך שוין, אַז אין יעדן מענטשן, ווי שלעכט, נישטיק שוואַרץ, זינדיק ער זאָל ניט זיין, קען מען אַנטפּלעקן אַ הייליקן. איז דער מענטש געכשרט און אַנטשולדיקט. וואָס־זשע איז דערפון געדרונגען און וואָס־זשע לאָזט עס מיך הערן? גאָרנישט. דער מענטש מעג בלייבן ווי ער איז סטאַטוס קוואָ. אין גרונט פון זיין נשמה איז ער דאָך אַ הייליקער. און דערמיט מוז איך זיך צופרידנשטעלן.

קען איך אָבער דערמיט זיך ניט צופרידנשטעלן. גוט איז דאָס פאַר די רוסן, וועמעס קוק און ענטוזיאַזם איז אויף צוריק און אַראָפּ. ווען דער רוס אַנטדעקט, אַז אין גרונט האַרצן איז ער אַ צדיק, איז ווען ער נעמט זיך כוח, וואָס טוט ער? גייט ער צוריק צום „גרונט". וואַרפט ער אַראָפּ פון זיך די אַלע צוגעקלעפּטע זאַכן און זעט זיין אידעאַל אין וואָס מער פאַראיינפאַכונג און „פאַרפּראָסטונג", „אָפּראָשצעניע". טאָלסטאָי האָט זיין גאַנץ לעבן געזוכט זיך צו פאַרפּויערן. ער איז געגאַנגען צו זיין אידעאַל — דעם סאָלדאַט קאַראַוואַיעוו.

און טאָמער שטעלט זיך דער רוס אָפּ אין מיטן, עס סטאַיען אים ניט קיין כוחות צו דערגיין ביז צום גרונט, גייט ער „צו גרונט". די האַלב אַרויסגעפּליקטע „צוגעקלעפּטע" געוויינהייטן און תאוות, שפּרינגען פון אים אָפּ און שפּרינגען צוריק, ווי שדים און רוחות. „האָסטו געוואָלט פון אונדז פּטור ווערן, נעמען מיר נקמה אין דיר". און דער צדיק מיט דער רעכטער האַנט, ווערט מיט דער לינקער האַנט אַ שוואַרץ יאָר. דער „גוטינקער" קאַראַוואַיעוו, צלמדיק זיך מיט דער רעכטער האַנט, וועט מיט דער רעכטער האַנט, מיט דער לינקער האַנט, חלילה ניט מאַכן קיין פּאָג־ראָם — נאָר לכל הפּחות וועט ער זיך פירן ווי דאָסטאָיעווסקיס אַ העלד, וועלכער גייט גאָט זוכן מיט אַ האַק.

דער פאַראיינפאַכטער און פאַרפּראָסטעטער טאָלסטאָיס רוס צענעמט זיך ביי דאָסטאָיעווסקין אויף ווילדע שטיקער.

און ווען עס טרעפט אַמאָל, אַז דער רוס, וועמעס קוק און ענטוזיאַזם איז געוויינלעך אויף צוריק און אַראָפּ, פאַרקוקט זיך אין דער הויך און אין פאָרויס, אין דער צוקונפט אַריין — דאַן איז נאָך ערגער. ער נעמט

בויען זיין צוקונפט אויף צוריק. און עס ווערן לויז און עס קריגן מאַכט איבער אים די משונה־ווילדעסטע שטיקער אין אים. אַפילו זיין הייליקייט ווערט זנות, און דער צדיק אַ שוואַרץ יאָר. ער ווערט פאַרדרייט אין אַ זאַווערוכע, אַ שדים־טאַנץ מיט אים און אַרום אים. אַ קאַטאַסטראָפע פאַר זיך און פאַר אַלעמען.

גוט איז דאָס פאַר דעם רוס, ווען מען זאָגט אים אָן, אַז סיי ווי סיי, ווי ער איז, איז ער אַ הייליקער; אַפילו ווען ער איז טריף, איז ער כשר. דאָס בעסטע און דאָס גוזינטסטע פאַר אים, איז צו בלייבן וואו ער איז — עס איז געפערלעך פאַר אים גיין אויף צוריק, און נאָך געפערלעכער צו גיין פאָרויס.

אָבער ניט גוט איז דאָס פאַר מיר — דעם זון פון אַ פאָלק, וואָס זיין נעכטן און היינט איז אַלץ אין דעם מאָרגן, וואָס קען זיך ניט פאָרשטעלן און באַנעמען זיך און אַרום זיך, ניט וואַרפנדיק אַ בליק אין דער צוקונפט אַריין.

ווען מען כשרט מיך מיט טריפע רופט עס אַרויס מיין ווידערווילן. איך וויל געלייטערט און אויסגעלייזט ווערן. נאָר אויף אַן אופן אַז די אַלע טריפענע ווילדקייטן זאָלן אַריינגענומען ווערן אין דער העכערער פערזענלעכקייט, וואָס שליסט אויך מיך איין אין זיך — און וועלכע דאַרף געפינען אַ זכות און פאַרענטפערונג. יעדע זינד האָט אַ זכות — אַ ניט באַפרידיקטן ניצוץ פון אַ גרויסן פאַרלאַנג. און יעדער שד אין אונדז האָט אַ פאַרענטפערונג — ער איז אַ פאַרשאָלטענער מלאך.

און באַפרידיקט, און געבענטשט, געלייטערט און אויסגעלייזט קען נאָר ווערן יענע צוקונפט־געשטאַלט, וואָס שפּאַצירט פון אונדז אַרויס.

פאַר אַ צערעמאָניאַל־טעאַטער מיט דער „הבימה" אין אַמעריקע!

עס נעמט אָן אַ ספק, צי יידן זיינען אַזעלכע בריהדיקע געשעפט־אונטערנעמער, ווי זיי שמען און ווי זיי פּרעטענדירן.

אַט האָט מען יאָרן לאַנג אין זיי אַריינגערעדט, אַז היסטאָרישע סיגע־מאַ־בילדער, גענומען אין ארץ ישראל און אין די געגנטן אַרום ארץ־ישראל, אויף די סאַמע ערטער וואו די געשיכטלעכע אַקטן האָבן זיך פאַרציטן אָפּגעשפּילט — אַז אַזעלכע בילדער וואָלטן געהאַט אַ ריזיקן אָפּגאַנג אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער.

איך מוזאוי געזען מיט די אויגן קען פאַרבייטן אַ האַלב יאָר לערנען אין אַ בוך.

שולן, וואו קינדער לערנען געשיכטע, אָדער אין רעליגיעזע אַנשטאַלטן, יידישע און נ̇יט יידישע, און דער עולם בכלל וואָלטן זיך אַ וואָרף געטאָן צו ארץ־ישראל־פּראָדוצירטע בילדער, ווען געשטעלט און אויפגעפירט מיט דער געהעריקער קינסטלערישער טעכניק און מיט דעם געהעריקן קינסטלערישן אַנסאַמבל.

האָט מען יאָרן מיט זיי איינגעטעניהט: טוט עס! — און מען האָט זיך ניט דערוואַרט אויף אַ יידישן אונטערנעמער, וואָס זאָל אונטערכאַפּן די אידייע. ביז עס זיינען געקומען די קריסטלעכע קירכן און האָבן אויסגעכאַפּט די אידייע. אַ קירכן־קאָרפּאָריישאָן איז אָרגאַניזירט געוואָרן, וואָס האָט זיך געגרייט דורכצופירן די אונטערנעמונג אָן יידן. יאָ, אַ פּאָר יידן האָט מען אויך איינגעלאַדן, אַלס אורחים, אַלס שטומע עדות. עס זאָל הייסן אַלע רעליגיעס זיינען פאַרטראָטן.

און איר מעגט זיכער זיין, אַז מען וועט אונדז שוין מכבד זיין מיט נייע „קינגס און קינגסס" — וואו אין גאָטס נאָמען וועט מען שטעכן יידן אין די הערצער מיט פאַרגיפטעטע שפּיזלען.

וואו זשע איז די באַרימטע יידישע בריהשאַפט און אונטערנעמערישקייט און קלוגשאַפט? ווי האָבן זיי דאָס אַרויסגעלאָזט פון די הענט? שוין אָפּגערעדט פון דער געוויסנס־פליכט, וואָס איז געלעגן אויף

זיי, אַלס יידן. וואָס האָט זיי געדאַרפֿט אונטערזאָגן, אַז די יידישע געשיכטע האָט באַדאַרפֿט אויסגענוצט ווערן אויף צו ערן יידן ,ניט זיי פֿאַרשעמען...

ניט אַנדערש, אַז יידן זיינען גרויסע בריות אויף פּאַרטיקע זאַכן, וואָס מען טראָגט זיי אונטער די נעזער. ווען זיי זעען אַז דעם שכן האָט עפּעס אַפּגעגאָלטן וועלן זיי גלייך נאָכטאָן און דעם שכן אַריבערשטייגן. דערויף זיינען זיי אומפֿאַרגלייכלעכע בריות — אויף אָנגעגריפֿן ווערן פֿון קנאה און אויף אַרויסצורופֿן שנאה.

אָבער עפּעס מחדש צו זיין אין אַ זאַך וואָס איז פֿאַרבונדן מיט אַן אידייע, וואָס קיינער פֿריער האָט נאָך ניט געטאָן — דאָס ניט.

(עס וואָלט געווען אַך און ווי צו אונדז, ווען מיר וואָלטן געווען אַזעלכע בריות — בריות־נאָכקרימער — אויף דעם גייסטיקן געביט, כאָטש געווויסע אַנטיסעמיטישע רבנים ווילן איינריידן די וועלט, אַז אויך אידייאיש זיינען מיר בלויז נאָכקרימער).

די געשיכטע האָט זיך ווידערהאָלט מיט דער „הבימה" — דאָס וואָס מיט די סינעמאַ־בילדער פֿון ארץ־ישׂראל.

עס זיינען דאָ מיליאָנען אויב ניט מאַטעריעלן, איז גייסטיקן פּראָפֿיט אין ריכטיק אַרויסגעשטעלטן הבימה־טעאַטער אין ארץ־ישׂראל.

צוליב דער אונטערשעצונג פֿון טעאַטער בכלל, זעט מען ניט, וואָס אַ בלינדער, דאַכט זיך קאָן אײַנזען: אַז די צוקונפֿט פֿון העברעאיש — איז אין העברעאישן טעאַטער פֿון ארץ־ישׂראל; אַז די צוקונפֿט פֿון ישׂראל גופא איז אין טעאַטער; ווייל ארץ־ישׂראל, מיטן ציוניזם, מיט העברעאיש איז כולו טעאַטער — אין דעם העכסטן זין פֿון וואָרט — דער ספּעקטאַקל וואָס לויפֿט פֿאַרויס דער געשיכטע — אין דעמזעלביקן גרויס — אין היס־טאָרישן זין, ווי מתן תורה איז געווען ספּעקטאַקל, און די געבורט פֿון חסידות — און להבדיל, די משיח משוגעת פֿון שבתי צבי.

דאַרף מען זיך אַריינלאָזן אין אַ לאַנגען וויכוח וועגן טעאַטער און זיין באַטייט און וועגן דער גרונט־טעאַטראַלישקייט פֿון ארץ־ישׂראל, און מיט וועמען נאָך דעם וויכוח פֿירן? — מיט לערער און ליטעראַטן! — פֿאָלג מיך אַ גאַנג!

מאַכן מיר עס בקיצור. ארץ־ישׂראל איז דער קינפֿטיקער טעאַטער צענטער פֿון דער וועלט. טעאַטער — אין אַלע זיינע פֿאָרמען, גערעדטער און געפֿילמטער — וועט זיין איר הויפּט אינדוסטריע פֿאַר עקספּאָרט.

דאָס, וואָס דער מאָדערנער טעאַטער דאַרף זיך שאַפֿן קינסטלעך — דאָס וואָס די „הבימה" האָט געדאַרפֿט לערנען ביי דעם רוסישן אַרמענער וואַכטאַנגאָוו — שפּילן איבערן קאָפּ, אין אויסגעטראַכטע ציכנס, סטיליזירן

לעבנס־עסענץ אין קאָלירטע סימבאָלן — פאַנטאַזיע־שפּיל, אילוזיע־שפּיל — דאָס אַלץ ליגט פּאַרטיקעדהייט אין ארץ־ישראל.

דאָרט וואָלט ניט נויטיק געווען צו שפּילן איבערן קאָפּ אין אויס־געטראַכטע צייכנס — גאַנץ ארץ־ישראל איז איבערן מענטשנס קאָפּ, און וואָס דאָ דאַרף מען ערשט אויסטראַכטן, איז שוין דאָרט אַ ווירקלעכקייט.

וואָס דאָ איז חלום, איז דאָרט חלום אויף וואָר, פאַנטאַזיע און אי־לוזיע איז דאָרט רעאַל. ווייל מיט ארץ־ישראל גייען מיט 4,000 יאָר, אָנגעלאָדענע מיט גראַנדיעזע ספּעקטאַקלען, און עס לויפן איר פאַרויס נאָך טויזנט יאָר, אָנגעגלויבטע מיט נאָך גראַנדיעזערע ספּעקטאַקלען.

וואַכטאַנגאָוו שוועבט דאָרט אין דער לופטן.

איר צווייפלט נאָך אין דער טעאַטראַלישקייט פון ארץ־ישראל, אַז ארץ־ישראל איז אַ נאַטירלעכע גרייטע בינע? בויט אַ ייד אַ הייזקע אין עמק, הערט מען דעם אָפּקלאַנג אין ניו־יאָרק און וואַרשע, ווי פון אַ בינע וואָלט עס זיך צו אונדז דערטראָגן; וואָס דאָרט געלעבט, איז פאַר אונדז געשפּילט...

שטייען פאַר אונדז פאַרטיקע דעקאָראַציעס — וועגנט מיט היסטאָרישע טראַדיציעס; מען דאַרף קיין קינסטלעכע סצענעריע ניט שטעלן; אָנגע־זאַפּט מיט בינע־אַטמאָספערע — אַ רעזשיסאָר דאַרף זיך ניט מיען, מיט קינסטלעכע עפעקטן עס אַרויסצורופן.

גנעסין האָט געמאַכט אַ טעות, ווען ער האָט יעקבס חלום געשטעלט אין אַ הייזקע, צווישן פיר ווענטלעך, אין תל אביב. אויף דעם אָרט, וואו עס האָט זיך אים געחלומט, ביי דעם שטיין אונטער דעם פרייען הימל. אין דעם פינצטערן טאָלכעל צווישן די בערג, וואו ער האָט זיך געראַנגלט מיטן מלאך, וואָס האָט נאָך עד היום ניט אָנגעוואָרן איר גרויליקע פראַכט — דאָרט האָט ער עס געדאַרפט שטעלן. אַ יאָר האָט ער זיך געדאַרפט גרייטן. פינף יאָר שפּילן. און בילעטן פאַרקויפן איבער דער גאַנצער וועלט. און די „הסתדרות עברית" האָט געדאַרפט זיין זיין אַגענטור פאַר אַמעריקע.

און ווען די מאָסקווער הבימה גייט אַוועק קיין ארץ־ישראל, וואָלט אַן אָרמענער זי ניט געדאַרפט דרעסירן אין איבערגעשפּיצטן עקספּרע־סיאָניזם — כדי צו פליקן פון דער הוילער לופט צוקונפט־רעאַליטעט. — דאָרט וואָלט זי זיך פאַראייניפּאַכט ביז צו דער פרימיטיווער נאַטירלעכקייט פון דעם וואַנדערנדיקן געצעלט־טעאַטער פון די חלוצים — דער „אוהל" — געגרינדעט פון דער מאָסקווער הבימה מיטגליד משה הלוי, וועלכער האָט געהאַט חוש געבונג אַן וואַכטאַנגאָוו, צו דערהויבן די פשוטע עבודה פון פעלד צו דער הייליקער עבודה פון בית המקדש. זיי דאַרפן זיך ניט רייסן

צו צוקונפט־טעאַטער; זייער היינטיק לעבן איז אין צוקונפט־שפּיל. זיי דאַרפן ניט שלײַדערן איבערן קאָפּ פאַנטאַזיעס.

קורץ און גוט: די „הבימה" איז דער איינציקער טעאַטער אין דער וועלט, וואָס קאָן אויפשפּילן „גוט יום טוב" — פאַר דעם וואָכעדיקסטן מענטשן, אין וואָכעדיקסטע טעג, אין וואָכעדיקסטן לאַנד.

ניט נאָר אחרון של פּסח, ווען עס ווייעט נאָך דער הויך פון אַכט טעג יום־טוב — נאָר אין מיטן מיטוואָך, אין מיטן אַמעריקע.

איך וויל זיך דאָ ניט פאַרשפּרייטן וועגן דעם קינסטלערישן סעקרעט פון דער „הבימה". איך האָב נאָך אַלץ מורא, אַז מיט צופיל שבחים אויף קונסט שרעקט מען אָפּ דעם עולם. דער עולם האַלט מסתמא, אַז קונסט איז אַ מאכל בלויז פאַר מבינים. דער עולם איז ניט חושד, אַז ווען ער לויפט צו אַ סטאָקאָווסקי־סימפאָניע, און פאַרגעסט זיך, און פאַרגייט זיך פאַר הנאה — איז דאָס די קונסט, וואָס באַצווינגט אים — די קונסט פון מאַכן יום־טוב.

דער עולם ווייסט ניט און וויל ניט וויסן די פאַרשיידענע קינסטלערישע כוחות, וואָס ליגן באַהאַלטן אין יעדער קאָמפּאָזיציע און וואָס מוזיק־קריטיקער לייענען עס פון איר אַרויס — אָבער זיין נשמה איז דערהויבן געוואָרן! אַ יום־טובדיקייט האָט אים דורכגענומען, ווען נאָר וואָס האָט די גראָע וואָכעדיקייט געגעסן זיין האַרץ. און דאָס איז פאַר דעם עולם גענוג. און עס איז טאַקע גענוג, און דאָס איז קונסט. און גענייסן קאָן זי דער עולם צוזאַמען מיט דעם קונסט־מבין; דער עולם דירעקט, און דער מבין מיט כוונות, מיט אויסטייטשונגען און אַריינטייטשונגען.

נו, דער עפעקט פון הבימהס שפּילן קאָן צוגעגליכן ווערן צום עפעקט פון אַ מוזיקאַלישער קאָמפּאָזיציע, אין דער אויפפירונג פון אַן ערשט־קלאַסיקן סימפאָנישן אָרקעסטער, אונטער אַן ערשט־קלאַסיקן דיריגענט, פון סטאָקאָווסקי שפּיל ציט אַרויס דעם יום־טוב, וואָס ליגט באַהאַלטן אין דער וואָכעדיקסטער נשמה — באַהאַלטעניש אונטער זיבן שלעסער.

אַ שפּילן, וואָס איז ענלעך צו מוזיק און די פּעאיקייט אַרויסצורופן יום־טוב — אַזאַ טעאַטער איז נאָך ניט געווען ביז אַהער.

ממש אַ נס איז געשען, ווען די „הבימה" איז געבאָרן געוואָרן אין מאָסקווע.

דער מאָסקווער קונסט־טעאַטער, וועמענס האַדעוואַניק „הבימה" איז געווען — צייכנט זיך גאַרניט אויס מיט דער מעלה. ער פאַרכישופט אייך ניט אין יום־טוב אַריין: ער באַזיגט אייך מיט דער געוואַלדיקער אמת־דיקייט פון זיין שפּילן.

אָבער קענטיק אַז דערזעלביקער מאָסקווער מעטאָד, אָנגעווענדט אויף אַ גרופּע אויסדערוויילטע יידישע אַקטיאָרן, האָט געגעבן גאָר אַן אַנדער רעזולטאַט: די אמתדיקייט, וואָס סטאַניסלאַווסקיס תּלמיד וואַכטאַנגאָוו האָט געלערנט די „הבימה", האָט זיך פאַרוואַנדלט אין יום־טובדיקייט.

קענטיק, יום־טוב איז דעם יידנס אמת. דער ייד איז אַ יום־טוב־מאַכער. אַ ירושה־זאַך: אַ זאַך פון פיר טויזנט־יעריקער געוווינהייט און דערפאַרונג.

לאָזט דעם יידן ערלעך זיך אַ שפּיל טאָן, וועט אַרויסשפּרינגען דער לויטערנדיקער יום־טוב, און וועט נעמען פינקלען און בליצן. גיט דעם יידן אַ פּסוק צו זאָגן, פון גאַנצן האַרצן אַרויס, וועט ער האָבן עלית נשמה; וואַרפט דעם יידן אין אַ מדבר אַריין, מיט אַ נאַקעטן שטיין פאַר אַ צו־קאָפּנס — און עס וועט ווערן יום־טובדיק אַרום.

צוויי חלהלעך, מיט אַ טישטיכל צוגעדעקט, מיט צוויי מעשענע לייכ־טער פאַר באַלייכטונג, און עס ווערט שבת אין הויז — און מלאכים זינגען שירה. און די ווינקלען פון נאַקעטן חדרל זינגען מיט און העלפן צו.

מען האָט אַ גרופּע יידישע יונגע לייט און יונגע פרויען, מיט דעם שטויב פון ליטע און וואָלין אויף זייערע שיך, אַריינגעוואָרפן אין אַ נאַ־קעטן מאָסקווער קעמערל, וואָס איז ענלעכער געווען צו אַ תּפיסהלע, ווי צו אַ טעאַטערל — און וואַכטאַנגאָוו, דער רוסיפיצירטער אַרמענער, איז זיי געקומען לערנען ווי מען שפּילט אויף אַן אמת — איז דאָס קעמערל געוואָרן דער יום־טובדיקסטער טעאַטער אין מאָסקווע. און יעדער וואָס איז די שוועל אַריבערגעטראָטן, האָט באַקומען עלית נשמה...

אָט אַזוי איז דער נס געשען: צוויי דריי פעלקער האָבן איינע די אַנדערע דאָס טייערסטע, וואָס זיי פאַרמאָגן איבערגעגעבן, און באַהעפט — און דאָס טייערסטע וואָס אַ ייד פאַרמאָגט, איז יום־טוב...

בלויז איין עדות וועל איך ברענגען, אָבער דער איינער וועט זיין גענוג — פיאָדאָר שאַליאַפּין:

„פאַר אַזאַ אומרואיקן אַרטיסט, ווי איך, איז זעלטן ווען איך האָב אין טעאַטער אַ גייסטיקע באַפרידיקונג. דאַכט זיך, עס איז גוט, אָבער עפּעס פעלט... דו שפּילסט און זינגסט אי דאָ, אי דאָרטן, און ביסט זעלטן מיט זיך צופרידן, אַלץ פעלט דער עפּעס."

„און אָט בין איך אַמאָל געקומען אין אַ טעאַטער. אַ קליינינקער טעאַטער אויף דער „ניזשנע קיסלאַווקע". זיין נאָמען איז „הבימה". איך האָב דערהערט צום ערשטן מאָל די אומבאַקאַנטע פאַר מיר העברעאישע שפּראַך; דערזען אומבאַקאַנטע אַרטיסטן, וועלכע שפּילן אויף דער

שפראַך די פּיעסע „הדיבוק" און איך האָב דערפילט באמתדיקע „גאָטעס־דינסט", און אומדערקלערלעך אַנגענעם איז געוואָרן מיין אומרואיקע נשמה . . .

איך בין אַרויס פון טעאַטער אַ דערשיטערטער, און אויפן גאַנצן לעבן איז מיר געבליבן אין זכרון, אַז אין יענעם אָוונט האָב איך געהאַט די אמתע קינסטלערישע באַפרידיקונג.

זאָל לעבן „הבימה"!

פון גאַנצן האַרצן ווינטש איך אַ דערפאָלג דעם גלענצנדיקן טעאַטער.

פיאַדאָר שאַליאַפּין פאַרגעסט נאָר, אַז ער, דער געניאַלער קינסטלער וואָס ער איז, וואָס יעדע קינסטלערישע באַפרידיקונג אין דער וועלט איז אים געוועזן צוגעגנגלעך. האָט נאָר איינמאָל אין לעבן געפילט אמתע קינסט־לערישע באַפרידיקונג — איז דאָס געוועזן פיל מער ווי דאָס, וואָס מען פאַרשפּרייט געוויינטלעך אונטער דעם נאָמען קונסט.

פיאַדאָר שאַליאַפּין איז מיט־אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ יידישער עלית נשמה; יידן האָבן יידישן יום־טוב פאַר אים געמאַכט.

און דער נס, וואָס איז געבאָרן געוואָרן צוזאַמען מיט דער הבימה אין מאָסקווע, האָט באַגלייט די „הבימה" אויף איר וועלט־רייזע.

אין פּאַריז האָט די קריטיק געשריבן:

פּאַריז איז די שטאָט, וואו יעדער קונסט־טרופּע דאַרף אויסהאַלטן עקזאַמען: וואָס די „הבימה" האָט אונדז געוויזן, האָט פּאַריז קיינמאָל ניט געזען; עס איז מער ווי יעדער געזעענער טעאַטער.

אין ניו־יאָרק האָבן די קריטיקער ניט געקאָנט געפינען גענוג ווער־טער אויף אויסצודריקן דעם זין פון דעם פשוטן יידישן וואָרט: יום־טוב!

אָבער איך האָב געזאָגט, אַז איך וועל זיך ניט פאַרשפּרייטן וועגן דעם קינסטלערישן וואונדער פון דער „הבימה".

אָט דער עפעקט, וואָס הבימהס שפּילן לאָזט נאָך זיך, אָט די באַ־וואונדערונג, וואָס זי רופט אומעטום אַרויס — און דער עיקר: איר פעאי־קייט צו מאַכן יום־טוב אין מיטן וואָך איז דער באַזיס פאַר דעם איב־ווערסטמענט.

איר פאַרשטייט? ניט נאָכשפּילן, ניט נאָכצוקרימען יום־טוב, וואָס דאָס קאָן יעדער טעאַטער — נאָר בפועל ממש מאַכן יום־טוב.

„הבימה" שפּילט ניט סדר — זי סדרט. און דאָרט וואו עס איז גאָר קיין צערעמאָניאַל ניט געווען וועט זי שאַפן אַ צערעמאָניאַל, זי וועט פון גאָרנישט אַ יום־טוב אַרויסקריגן; פון ברעטלעך וועט זי אַ סוכה אויפ־שטעלן.

אַט אין דער אויסנאַם־פּעאַיקייט פון דער „הבימה" לויִנט זיך צו שאַפן אַן אַקציע און שאַפן אַ פּאָר צענדליק טויזנט דאָלאַר, און אַ טעאַ־טער געשעפט זאָל זיך אַליין נעמען וואַקסן.

נאָך יום־טוב גאַרט די גאַנצע יידישע אַמעריקע — פרייע און פרומע. די יום־טוב־מאַכער האָבן פאַרגעסן ווי מען מאַכט עס: דעם איינגעבאַ־רענעם יום־טוב־אינסטינקט האָבן זיי אָנגעוואָרן.

עפּעס האָט זיך אויסגעדריבלט אין זייער נשמה־געוועב, און עס איז געבליבן אַ ליידיקער אָרט, וואָס שרייט אַ הונגער־געשריי...

אַפילו די ספּעציאַליסטן אונדזערע אויף יום־טוב מאַכן — די אָרטאָ־דאָקסן; זיי אַליין גייען נאָך ווי עס איז דורך מיט דער צערעמאָניע, אָבער צו זייערע קינדער קאָנען זיי עס ניט איבערגעבן. אַנטלויפט די יוגנט אין די האַלב־אָרטאָדאָקסישע דזשוואיש סענטערס, וואו אַן אָנשטעל ווערט געמאַכט אויף יום־טובדיקער צערעמאָניאַליטעט. אָבער דאָרט איז נאָר איינ־געלערנטע מעכאַניקע, וואו מען בלאָזט אָן די באַקן, מיינענדיק עס איז גייסט.

און די קונסט־רעליגיע מוז אומבאַדינגט באַגלייט ווערן מיט געוויסע אויסערלעכע קונסט־פאָרמען, וועלכע מען רופט צערעמאָניאַלן און מען מוז האָבן גרויסע אויפפירונגען, וועלכע מען רופט יום־טובים.

דער צווילינג, וואָס קאָן ניט פאַנאַנדער־געטיילט ווערן

ברויט און שוישפּיל! איז געווען דער געשריי, וואָס דער רוימישער המון האָט געווענדט צו זיינע הערשער. און דער קיסר, וואָס האָט געקאָנט דעם המון ליפערן ברויט און שוישפּיל, איז געווען זיכער מיט זיין טראָן.

ניט ברויט אַליין, נאָר אויך שוישפּיל.

נאָך מיין אָפּשאַצונג, איז דאָס די גרעסטע חכמה, וואָס איז אונדז געבליבן בירושה פון פאַרצייטיקן רוים. דער רוימישער המון האָט איינסטינקטיוו אַרויסגערעדט אַ באַדערפעניש, וואָס גילט פאַר אַלע פעלקער און אַלע צייטן. אַפילו די פעלקער, וואָס האָבן על כל פנים קיין ווען ניט געמאַכט פון טעאַטער. האָבן זיי אַ שטיק פון זייער לעבן פאַרוואַנדלט אין טעאַטער.

יידן, צום ביישפּיל, וועלכע האָבן פאַרצייטן פון טעאַטער ניט געוואוסט און ניט געהאַלטן, ווען זיי האָבן זיך דערוואוסט, און שפּעטער, ווען זיי האָבן פאַר הונדערטער יאָרן קיין אַנדער שוישפּיל ניט געזען, ווי בלויז אַ פּורים־שפּיל — האָבן זיי אָבער פאַרט געהאַט מער טעאַטער און שוישפּיל, ווי יעדער אַנדער פאָלק. זיי האָבן זייער היימיש לעבן און רעליגיעז לעבן אָנגעלאָדן מיט שוישפּיל. שמחות, מנהגים און צערעמאָניאַלן, בריתן און חתונות; קבלת־שבת און הבדלה; פּראָצעסיעס און הקפות; סדרן, דוכענען און בענטשן אתרוג אין סוכה; קידוש לבנה און קידוש אויף וויין; און קידוש אויף חלה.

אין דעם וואָכעדיקסטן טאָג האָט דער ייד זיך ניט געזעצט צום טיש, ניט דורכפירנדיק אַ גאַנץ קאָמפּליצירטע שוישפּילערישע צערעמאָניע: דאָס וואַשן זיך מיט אַ ברכה, דאָס המוציא מאַכן מיט פאַרמאַכטע אויגן, און דאָס בענטשן, וואָס האָט ביי אַ פאַרהאַרעוועטן מענטשן געדויערט לענגער ווי דאָס עסן.

פאַרגלייכט די הנהגה פון אַ פרומען קריסט ביים טיש — זיין קורצע אָפּגעשעפּטשעטע תפילה — מיט דער פרומער יידישער הנהגה: די הכנות, די באַגלייטונגען, די נאָכשפּילן — און זאָגט, ווער איז געווען אַ גרעסערער שוישפּילער — דער ייד צי דער קריסט?

ניט אומזיסט קלאַמערט זיך דער היינטיקער יידישער טעאַטער מיט אַזאַ ליבשאַפט אָן דאָס פרומע הויז און שול־צערעמאָניאַלן — עס איז דאָ אַ לייבלעכע קרובהשאַפט צווישן זיי...

אויף דעם יידן, ביים ברויט־עסן, איז אַמקאַנטיקסטן צו זען — אַ סך קאַנטיקער ווי ביי די פאַרצייטיקע רוימער — אַז ברויט און שוישפיל גייען צוזאַמען — אַן אייביקער צווילינג, וואָס קאָן קיינמאָל ניט פאַנאַנדערגע־שיידט ווערן.

דער ייד האָט קיין קיסר ניט געהאַט, פון וועמען צו פאָדערן, ער זאָל זיי ליפערן ברויט און שוישפיל — האָבן זיי עס זיך אַליין גענומען מיט אַ פולער האַנט.

און וואָס ווייניקער ברויט זיי האָבן געהאַט, אַלץ מער שוישפיל האָבן זיי זיך גענומען. אין דעם שווערן גלות־לעבן, ווען דער ייד מיט זיינע פרנסות און מיט זיין לייב און לעבן איז געהאָנגען אויף משקולות, האָט ער זיך אַרומגערינגלט מיט אַן אַטמאָספערע פון היילע שוישפיל, און אַזוי האָט ער זיך געהאַלטן אין דער לופטן שיער ניט גאַנצע צוויי טויזנט יאָר.

קוקט זיך צו פון דערוויטנס צו דעם יידן אין דער געטאָ, צו זיין האַנדל־וואַנדל, צו זיין יעדן ריר און קער — גייט ער דען ניט אַרום, פון פרי ביז שפעט — פון זיין אויפהויבן זיך פון בעט ביז זיין לייגן זיך שלאָפן — גייט ער דען ניט אַרום אַ גאַנצן טאָג אין אַ גלעזערנעם הויז — אַ גרימירטער — און האַלט כסדר אין שפילן טעאַטער. אויף טריט און שריט איז ער מקיים אַ מצווה, וועלכע האָט קיין אַנדער צוועק ניט, ווי צו געבן דעם שוישפילער אַ געלעגנהייט אַ שפיל צוטאָן.

אין דער פרי צו שחרית, טוט ער נאָך אָן אַ ספעציעלן טעאַטראַלישן קאָסטיום.

דער שולחן ערוך איז פול מיט תרי״ג פאַרשריפטן פאַר דעם יידן ווי צו שפילן. דער שולחן ערוך האָט זיי גערופן סייגים — צווימען אַרום דער תורה; אין דער אמתן זיינען דאָס געווען בינען־ברעטער, דעקאָראַ־ציעס, פאַפירענע טישן, לאָמפּען־כלים, ווענט און בערג — „פּראָפּס״ — זאַכן נויטיקע צום שפילן.

דער שולחן ערוך איז געווען דער גרעסטער יידישער רעזשיסאָר פון אַלע צייטן; ער האָט דאָס גאַנצע יידישע לעבן פאַרוואַנדלט אין אַן אויס־געטראַכטע פיעסע, אין אַ ריזן־ספעקטאַקל אין דער לופטן, אויף צו שפילן טויזנטער יאָרן — נאָר ניט קענענדיק די היינטיקע רעזשיסאָרישע שפּראַך האָט ער גערעדט האַרט און טרוקן: אַ גדר נאָך אַ גדר, און נאָך אַ גדר. אַט דער ספעקטאַקל אין דערלופטן האָט דעם יידן פאַרביטן אַ קיסר,

א טעריטאָריע, אַ מדינה, אַ רעגירונג, אַ ארמיי און אַ פּאָליציי. מען רופט דאָך ניט פּאָליציי, ווען אַקטיאָרן צעשלאָגן זיך אויף דער בינע ביים שפּילן.

און אָט דער ספּעקטאַקל אין דער לופטן האָט דעם יידן אָפט פאַר־ביטן אַפילו ברויט. עס איז געווען מער ספּעקטאַקל, ווי פּרנסה. מען האָט בריתן געפּראַוועט איבער אַ הערינג, און גאַנצע חתונות איבער אַ קיכעלע מזונות, צוליב וועלכער עס איז אַפילו איבעריק אַ ברכה צו מאַכן.

זעט איר שוין ווי לייבלעך פּאַרוואַנדט ברויט און שווישפּיל זיינען, אַז זיי קאָנען איינס דאָס אַנדערע פאַרבייטן. ביידע זיינען פון איין טייג גע־קנאָטן. ביידע זיינען ברויט. ברויט און שווישפּיל מיינט ברויט מיט ברויט!

ברויט איז לעבנס שפּייז, וואָס אָן דעם איז לעבן ניט מעגלעך. פּשוט ברויט איז שפּייז פאַרן לייב, שווישפּיל־ברויט איז נשמה־שפּייז, וואָס אָן דעם קאָן מען די נשמה ניט דערהאַלטן.

קיין נייער שפּראַך לעבן קאָן ניט צוקומען. קיין נייע חכמה, קיין נייער וויץ, קיין ניי געפּיל, סיידן מען גיט עס אַ ריזיקאַנט אַ שווישפּילער עס אויסצושפּילן.

נייע אידייען־ברענגער זיינען שווישפּילער. שייקע־פייפער, מאָטקע חב"ד און הערשעלע אסטראָפּאָלער זיינען עס געווען.

יאָ, אידייען־ברענגער זיינען שווישפּילער: זיי דאַרפן אויסטראַכטן, ריזיקירן, זיך פאַרמעסטן און דערלאַנגען.

פאַרליבטע, וועלכע דאַרפן איינס דאָס אַנדערע אויסטראַכטן אום איינס דעם אַנדערן צו געפעלן; אום ווערט צו זיין איינער אין דעם אַנ־דערנס אויגן, אום צו קאָנען ליב האָבן — זיינען צייטווייליקע שווישפּילער.

דערפאַר זאָגט מען ביי יידן: שפּילן אַ ליבע.

און דאָס יידישע פאָלק, וואָס האָט פאַר דער גאַנצער צייט פון זיין עקזיסטענץ געשפּילט אַ גרויסע ליבע מיט זיך אַליין, האָט די גאַנצע צייט „געשווישפּילערט" אויף אַ גרויסן שטייגער.

**
*

און איצט, ווען דער שולחן ערוך, מיט זיין שווישפּילערישן צערע־מאָניאַל, דער שבת און דער יום טוב האָבן זיך אָפּגעטאָן פון יידישע הייזער — אויף אַ העלפט, אויף דריי פערטל זיך אָפּגעטאָן — איז פאַראַרימט געוואָרן דאָס אָרימע יידישע הויז. דער אָרימער ייד — ספּעציעל דער ראַ־דיקאַלער אָרימער ייד — הונגערט נאָך שווישפּיל: דעם ברויט און חיות פון זיין לעבן. דער אייביקער שווישפּילער — דער שווישפּילער דורך ירושה

און בלוט — וועלכער האָט זיין יוגנט פאַרבראַכט אין אויסוואַרצלען אַלע שווישפּילערישע יידישע סימנים אין זיין געפיל, געמיט און הנהגה — איצט, ווען ער איז געקומען אין די מיטעלע יאָרן, האָט דערפילט אַ ליידיקייט, אַ לאָך אין האַרצן.

ער איז זיך מצער ניט אַזוי פאַר זיך, ווי פאַר זיינע קינדער. ער פאַרזענלעך טראַגט נאָך שפּורן אין זיך פון דער אַמאָליקער יידישער שווי־שפּילערישקייט — די דערינערונגען פון זיין קינדהייט אָן, אין טאַטנס הויז, און אַז ער וויל גאָר שטאַרק, קאָן ער זיי אָפּפרישן, און זיך שפּייזן מיט די אָפּגעפּרישטע שפּורן. אָבער וואָס וועט ער צו זיינע קינדער אי־בערגעבן? — אַפילו קיין שפּורן ניט, נאָר דעם לאָך אין האַרצן.

און דער ראַדיקאַלער טאַטע האָט זיך פאַרבענקט נאָך יום־טוב, — וואָס זאָל אים ליכטיק מאַכן דאָס הויז און פרעלעך מאַכן אין אַלע ווינקע־לעך און אויפמונטערן דעם דרויסן פאַרן פענצטער. און ער נעמט זיך אָן מיט האַרץ צו סדרן אַ סדר.

אויב ניט פאַר זיך אַליין, איז כאָטש פאַר די קליינע קינדערס וועגן.

אָבער דער פּסח קומט און גייט אַוועק — און ווי ער וואָלט גאָרניט געקומען, נאָר אַן אָפּקומעניש געווען. — עס איז ניט געלונגען דער פּאַר־זוך צו אימפּראָוויזירן אַ סדר — מיט דער הילף פון אַ האַלבער מצה און אַ גלעזל וויין, און אומבאַהאָלפן איז געווען די פּסחדיקע מעשה, וואָס ער האָט אָנגעהויבן צו דערציילן די קינדער.

און שיקן די קינדער צו גאַסט צו אַ פרעמדן אָדער אייגענעם פרומען פעטער, וואָס ריכט אַ סדר אָפּ — וואָס נוצט עס? ווען דער טאַטע איז ניט דער מלך פון דער צערעמאָניעלער מלוכה — וואָס פאַר אַ טעם האָט עס פאַר קינדער? אַז דער טאַטע שפּילט ניט מיט, איז עס מסתמא אַ שפּיל־בעלע פאַר קינדער, מיט וועלכן דער קלוגער טאַטע וויל זיך ניט באַ־נאַרישן...

אַזוי איז געווען דער פּסח און אַזוי פאַר־יאָרן פּסח, און אַזוי צו יעדן יידישן יום טוב אָבער האַיאָר מער ווי אַלעמאָל — עפּעס שפּירט זיך אין דער לופט מער יידישער ערנסט, מער בענקשאַפט און מער קלעמעניש. צי די שווערע כמאַרעס, וואָס האָבן זיך אָנגערוקט אויפן יידישן הימל; אָדער; ווי פריער געזאָגט, דער דור פון די אַמאָליקע פראַנק־פרייע, ראַ־דיקאַלע, פריי־געזאָגענע איז געקומען אין דעם עלטער, ווען מען נעמט זיך אָפּגעבן חשבון הנפש — אָבער האַיאָר מער ווי אַלעמאָל; מער אַזעלכע יידן ווי געוויינלעך, האָבן זיך געבראָכן דאָס האַרץ מיטן קאָפּ מיט דער פראַגע, וואָס טוט מען?

און מיר הערן, אַז גלייכצייטיק, ניט צונויפגערעדט זיך, איז ביי פיל אַזעלכע ראַדיקאַלע יידן געבאָרן געוואָרן אַ געדאַנק, אַז עס דאַרף גע־שאַפן ווערן אַ ספּעציעלע יידישע רעליגיע פון זייערטוועגן, וועלכע זאָל זיין ניט אָרטאָדאָקסיש און ניט רעפאָרמעריש, און זיי זאָלן ניט דאַרפן אויף אַ האָר פאַרבויגן דעם ראַדיקאַליזם, וואָס האָט זיך איינגעוואָרצלט טיף אין זייער נפש, און דאָך זאָל זי געבן אַ יום־טוב, אַ פריד, און אַפּטאָן אַ כישוף די קינדער און אָפּשטעמפּלען זיי פאַר יידן.

איר פאַרשטייט; ניט ווי זינדיקע וואָס טוען תשובה אויף זייער ראַ־דיקאַליזם; ניט ווי בעלי תשובות, וואָס קומען מיט געבויגענע קעפּ זיך איבערבעטן, ווילן זיי אריינציען אין דעם טעמפּל פון זייער נייער רע־ליגיע — נאָר שטאָלצע מיט אַ געהויבענעם בליק, מיט גאָט אין האַרצן און פרייען געדאַנק זיך אין מוח.

אַ ליבנסווערטער וואונטש, אַן אויסגעצייכנטער געדאַנק — אָבער ווי שאַפט מען דאָס אַ נייע רעליגיע, ווען קיין נביאים זיינען נישטאָ? מיט פּשוטער מלאכה, דורך מעכאַנישער האַנט אַרבעט לאָזט זיך דאָס ניט שאַפן.

דאָס פאַרשטייט יעדער ניט נאַאיווער מענטש, אַז קינסטלעך קאָן מען אַ רעליגיע ניט מאַכן, פּונקט ווי זי לאָזט זיך ניט קינסטלעך צע־נישט מאַכן.

און עס איז געפאַלן אַ פאָרשלאָג, אַז פאַרלויפיק ביז די נייע רע־ליגיע וועט זיך אַנטפּלעקן, זאָל מען בויען אַ הויז פאַר איר — לייגן דער־וויל דעם מאַטעריעלן פונדאַמענט און איינשטעלן די מאַטעריעלע ווענט, וואָס דאַרפן האָבן אַ גאָט, וואָס קאָן לעבן בשלום מיטן פרייען געדאַנק, וואָס בראַקירט ניט מיטן לעצטן וואָרט פון דער וויסנשאַפט.

און אַ גאָט, און אַ יידישער גאָט דערצו, פאַר וועלכן דער דער־וואַקסענער ייד, וועלכער לייענט די נייסטע טעאָריע פון די פיזיקער וועגן אַטאָמען און עלעקטראָנען, זאָל קאָנען דורך ארץ האָבן פון איין זייט — און די קליינע יידישע קינדער, וואָס שפּילן זיך מיט ראַדיאָ, זאָלן מיט אים זיך קאָנען שפּילן, און אים ליב האָבן דערפאַר, און אים געדיינקען און שווערן אויף אים — פון דער צווייטער זייט.

אַ הויז פאַר גאָט, וואו גאָט איז נאָך דערווייל ניטאָ — וואָס זאָל אָבער צוגרייטן די שוישפּילערישע יום טובדיקייט אויף צו שפּייזן די פאַר־אָרעמטע, פאַרהונגערטע און פאַרבענקטע יידישע ראַדיקאַלע הייזער — אָבער וואו נעמט מען דעם אַרכיטעקט וואָס זאָל אַזאַ הויז פון הייזער בויען?

ש ב ו ע ו ת

מתן-תורה און כיבוש הארץ

„און עס איז געווען אויפן דריטן טאָג, ווי עס איז געוואָרן פרי־מאָרגן, אזוי זיינען געוואָרן דונערן און בליצן, און אַ שווערער וואָלקן אויפן באַרג, און דער קול פון שופר איז געווען זייער שטאַרק, און דאָס גאַנצע פאָלק וואָס אין דעם לאַגער האָט געציטערט. און משה האָט אַרויסגעפירט דאָס פאָלק פון לאַגער אַנטקעגן, און זיי האָבן זיך געשטעלט אונטערן באַרג. און דער באַרג סיני איז געווען אין גאַנצן אין רויך, פון וועגן וואָס גאָט האָט אַראָפּגענידערט אויף אים מיט פייער; און זיין רויך איז אויפגעגאַנגען אַזוי ווי דער רויך פון אַ קאַלכאויוון, און דער גאַנצער באַרג האָט זייער געציטערט. און דער קול פון שופר איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער; משה האָט גערעדט, און גאָט האָט אים געענטפערט אויפן קול, און גאָט האָט אַראָפּגענידערט אויפן באַרג סיני, אויפן שפּיץ באַרג".

(שמות יט).

און מער ווי ווען עס איז קאָנען מיר היינטיקן שבועות זאָגן, אַז דער הימל האָט זיך געשפּאָלטן. מיר פילן עס בחוש:

איז עס געווען אַ כוונה אין הימל־שפּאַלטונג. קערן מיר זיך אום צוריק צו דער ערשטער הימל־שפּאַלטונג, ווען גאָטס פלאַם־פייער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ באַרג אין דעם מדבר. און גאָטס קול האָט מיט דונערן און בליצן זיך אריינגעשריען מיט אַזאַ גבורה, און דאָס פאָלק, וואָס איז אויסשליסלעך אַנגעוויזן אויף אמת און יושר, מענטשן־רעכט און פעלקער רעכט, איז אויפגעהויבן געוואָרן און אריינגעטראָגן געוואָרן אין ארץ ישראל.

וואָס איז דער שטאַטוס פון ארץ־ישראל? אַ נייער וועלט־פּלאַן. וואָס אויב ער וועט זיך ניט פאַרווירקלעכן תיכף ומיד, וועט ער דאָך סוף כל סוף זיך יאָ פאַרווירקלעכן. די וועלט בינע איז אויפגעשטעלט. וואָס פאַר אַ וועלט דראַמע עס וועט זיך אויף איר אָפּשפּילן, דאָס ווענדט זיך אָן דעם גוטן אָדער שלעכטן שפּילן פון די הויפּט־ראָליסטן. ווען זיי וועלן שלעכט שפּילן, וועט די דראַמע זיך פאַרציִען, וואָס פאַראַ ראָלע וועלן מיר שפּילן אין דער דראַמע? אַ גרויסע ראָלע, ניט קיין קליינע.

אין וועלכער ריכטונג וועט זיך דאָס יידישע לעבן אין ארץ ישראל אנטוויקלען? לויט אַלע סימנים, אין דער ריכטונג פון ציוניסטישן סאָציאַליזם. ניט אַלע אַרבעטער־פּאַרטייען זיינען באַוואוסטזיניק סאָציאַליסטיש. די פּועלי אגודות ישראל אודאי ניט. הפּועל המזרחי — אַפילו ניט, די פירערשאַפט יאָ. „דת ועבודה" האָט אָפיציעל זיך צוגעשדכנט צום סאָציאַליזם, מיט דעם צוגאָב פון קלאַסנקאַמף דערצו. — אָבער סיי ווי סיי די נויט פון דער זיך בויענדיקער נאַציאָנאַלער היים, וועלכע קאָן אַנדערש ניט געבויט ווערן, סיידן דורך אָנצונעמען זיך מיט וואָס מער סאָציאַלן יושר, די זריעה פאַר דעם איז אין איבערפלוס פאַרזייט אין דער תורה. „תורה ועבודה", „דת ועבודה" מיט איר שליסל צום מאַקסימום פון דער יידישער גלויבנס־ענערגיע, וועט מיט אַ פּלאַמיקן אימפּעט פאַרכאַפּן ארץ ישראל.

די אַרבעטער, בויער פון ארץ ישראל, אפילו ווען ניט פרום, זיינען אינווייניק אין ארץ ישראל נאָך פריער, איידער די פרומע. — ארץ ישראל איז נאָך מער ווי מכפר זייער אַרבעט, זייער עבודה פירט זיי אריין אין סאַמע אינווייניק פון קדשי קדשים. זייער עבודה איז זייער גאָטעסדינסט. זיי דינען גאָט, זיי זיינען מקיים אמונה מיט די הענט. און דאָס איז דאָך די גרונט־אידייע פון רעליגיעזן אַרבעטער־ציוניזם.

און ארץ ישראל גיט די געלעגנהייט צו פאַרלעבעדיקן די אַלטע מצוות, און צו פאַרמערן זיי מיט נייע מצוות מעשיות פאַר נייער אָנשטרענגונג.

די היינטיקע לעבנס־באַדינגונגען אין ארץ ישראל, גיבן אַ מעגלעכקייט צו באַווייזן, אַז די תורה איז געגעבן געוואָרן אויף צו לעבן מיט איר.

אין אַזאַ צייט ווי אונדזערע, ווען די יסודות ציטערן, הייסט דער אייביקער־ייד־געפיל, וואָס איז דעם יידנס היסטאָרישער זין, קוקן אין תוך אריין. ניט באַנוגנען זיך מיט האַלבע מיטלען און האַלבע ענטפערס. נאָר גרונט־ענטפערס דערלאַנגען, וואָס זיינען אָנגעצילט צו די יסודות — צו פאַריכטן אין זיי וואו זיי זיינען קאַליע געוואָרן — האָט דער אייביקער־יידישער היסטאָרישער זין גאַנץ פעסטע און זיכערע סימנים, לויט וועלכע צו מעסטן און צו שאַצן זיי לויט זייער באַטעקייט צו די יסודות און לויט זייער מאָס אָנשעפונג פון יידישן גלויבנס־רעזערוו און לויט דעם איינפּאַס, וואָס זיי קאָנען מעגלעך געבן פאַר א נייעם געלויבנס־אויסברוך.

דאָס גאַנצע יידישע פאָלק מיט אַלע זיינע מיטגלידער, פירט אַ

געמיינשאַפטלעכן חשבון הנפש און שטעלט צונויף, לויט פּרצס אויס־דרוק, אַ נאַציאָנאַלע פּערזענלעכקייט, וואָס די פעלקער, בדרך כלל, פאַר־געצן זי אין אָפּגעטער. דאָס יידיש פאָלק האָט מיט זיין גאַנצן סכנותדיקן קיום זיך אָנגעהאַנגען אָן זיין גאָט־זעאונג, די אַלץ געלייטערסטע רעפּ־לעקסיע פון זיין „נאַציאָנאַלער פּערזענלעכקייט". צוליב סכנת נפשות האָבן יידן זייער גאָט־זעאונג אלץ מער פאַרטיפט און געשטאַרקט, מיט כסדרדיקע גאָט אַנטפּלעקונגען און גאָט־אַנטדעקונגען, אין אַן אומאויפ־הערליכן פּראָצעס פון אריינדרינגונג אין אומענדלעכן „סוד שבסודות". יידן זיינען בוכשטעבלעך געווען „גאָט־באַשעפער" — אין דעם זין, וואָס זיי האָבן אַלץ אַ גרעסערן חלק פון וועלט־באַשעפער אריינגעצויגן אין זייער גאָט־באַוואוסטזיין. און צוליב סכנת נפשות האָבן זיי מיט אַזאַ כוח געפּרעסט אויף זייער גאָט־באַוואוסטזיין, ביז זיי האָבן אים אריינגעפּרעסט אין באַוואוסטזיין פון די פעלקער און אין דער טיף פון דער געשיכט־לעכער ווירקלעכקייט.

ווי איבערן יחיד שוועבט די השגחה וועלכע ער האָט אליין אויס־געאַרבעט, און וועלכע צייכנט זיין לעבנס־גורל פּונקט אזוי און טויזנט מאָל מער האָט די דאָזיקע השגחה, וואָס איז איינגעפּאַסט אין דעם יידנס גאָט־באַוואוסטזיין, — און פון אָנהויב אָן פון זיין געשיכטלעכן גורל שטרעקט זי זיך דורך צוויי טויזנט יאָר וועלט־געשיכטע ביז צום היינטיקן טאָג — געמאַכט אַז די געשעענישן זאָלן זיך וויקלען לויפנדיק ארום דער וועלט, ביז זיי וועלן זיך פאַרווירקלעכן און צו־נויפלויפן אין אַ פינאַל — אַ וועלט־קאַטאַסטראָפע; און דער ייד איז געשטעלט געוואָרן צו פּראָבע: ביזסטו ראוי פאַר דער גאולה? — דער ייד ענטפערט: יאָ! געניי אויף דעם האָב איך זיך דאָך פאַרנומען און זיך צוגעזאָגט אין מיין בטחון־אמונה: הריגות, הריגות ביז צו גאולה אין אחרית הימים. און דאָס איז טאַקע גאָטס כוונה.

דאָס יידיש פאָלק געשיכטלעך גענומען איז אינגאַנצן אַנדערש פון אַלע אַנדערע פעלקער, אַנדערש פון די פעלקער, וואָס האָבן געוואוסט וועגן איין־גאָט, האָבן יידן, דאָס איינציקע אין דער וועלט, אָנגעפאַר־טרויט דעם איין־און איינציקן וועלט גאָט די פירונג פון זייער געשיכטע, איינשטעלנדיק זיך אויף דעם אומענדלעכן, אויף אין־סוף, ברענגענדיק פאַר דעם אומגעהוירענע קרבנות, האָבן זיי אָנגעצויגן כוח צו עקזיס־טירן: ווי אַ וועלט־פאָלק דורך אַלע גלותן. אזוי אַרום איז גאָט דער אומענדלעכער געוואָרן אַ יידישע געשיכטלעכע רעאַליטעט. דאָס אַלץ איז מיטגעגאַנגען מיט דעם גלויבן אין גאולה.

און אַלץ, וואָס דער ייד האָט צוגעשריבן צו גאָט, דאָס איז ער אַליין, דאָס איז דער ייד פּערזאָניפיצירט. און אַזוי אַרום איז דער ייד געוואָרן אַ וועלט־סימבאָל. און די פעלקער זיינען פאַרכישופט געוואָרן.

און דער אייביקער ייד האָט דערוואַכט, ווייל ער האָט דערשפּירט, אַז איצט איז די שעת הכושר פאַר אים — ער גלויבט, דער וואולקאַן אויס־ברוך גיט אַ ברייטע עפענונג פאַר אַ יידישן גלויבנס אויפברוך; און עס גייט אים שטאַרק אין דעם, אַריינצופּאַסן דעם ציוניזם אין דער זיך גרייטנדיקער איבערקערעניש פון וועלט־סדר — ער זאָל אַפילו ווערן אַן אומבאַדינגט נויטיקער באַשטאַנד־טייל פון דער איצטיקער איבער־קערעניש — מיט זיין יידישן גלויבנס־בייטראַג אויסצוהיילן די וועלט פון דער שנאת ישראל צרעת.

דער אייביקער ייד, וואָס האָט איצט דערוואַכט און לעכצט נאָך אַ יידישן נצחון איבער זיינע שונאים און גלויבט אין דעם נצחון באמונה שלמה — ניט נאָר וועט ער דערלאַנגען פון זיך שעפערישן אויסברוך, וואָס האָבן געשפּייזט דעם פאָלקס קיום דורך די צייטן, נאָר ער וועט אויך אויפעפענען די מאַקסימאַלע פּאָטענצן פון דער יידישער רעליגיע — פאַר אַ נייער שעפערישער אַנטפּלעקונג.

איצט איז געקומען דער ריכטיקער מאָמענט — צו דערפילן די גאולה־פונקציע פון דער יידישער רעליגיע. דערפאַר נעמט זי אויך אריין די אַרבעטער אין יידישן גאולה־פּלאַן.

איז עס ניט גענוג וואָס ארץ ישראל וועט פאַר די פרומע, וואָס גלויבן אין גאָט, זיין אַ פעסטונג פאַר גייסטיקער זעלבסטשוץ — וואו זיי וועלן זיך אָנלאָדן מיט אַ טאָפּלטער מאָס גלויבן. זי דאַרף איבערגעשמידט ווערן אין אַ מעכטיקן געווער פאַר אַ יידישער אָפענסיווע אויף אַ וועלט, וואָס באַלאַגערט מיט שנאה דאָס גאַנצע וועלט־פאָלק.

רעליגיע איז סודותפול... זי וויל דערגיין דעם סוד פון דער וועלט — יעדע רעליגיע שטעלט מאָראַל העכער איבער אַלץ. די אמתע מאָראַל איז פאַרבונדן מיט דעם מקור פון דער וועלט. מיט דעם שעפער פון דער וועלט. גאָט איז ניט נאָר אַ פילאָזאָף און אַן עטיקער, נאָר אַן אַרבעטער, דער מענטש־באַשעפער לויט זיין געשטאַלט, דער געשטאַלט־געבער. אריינלאָזן גאָט אין זיך מיינט זיך באַשאַפן לויט גאָט־געשטאַלט שעפן פון אים דעם אומענדלעכן לעבנס־קוואַל, וואָס איין טראָפן פון אים אין אונדז איז ווי דער גאַנצער אָקעאַן.

באַרג סיני אויף דעם וועג קיין ארץ ישראל

איצט איז די שעה, פאַר וועלכער געשיכטע האָט אונדז איינ־געהיט, פאַר וועלכער זי האָט אונדז צוגעגרייט. אויף די הכנות צו אָט דער שעה האָבן מיר זיך געהאַלטן דורך איבער אַ העלפט פון אונדזער געשיכטע. דאָס איז דער סוד פון אונדזער געשיכטע. דאָס איז דער סוד פון אונדזער לעבנס־כוח, וואָס דאַרף זיך אַנטפּלעקן. דער צוזאָג, וואָס די נביאים פון פאַרצייטן און די גרויסע יידישע גייסטער פון אַלע צייטן האָבן אריינגעענדערט אין אונדזער בלוט, דאַרף איצט אויסגעלייזט ווערן.

אויב ניט איצט, ווען־זשע דען? איצט ווען אויף ארץ ישראל האָט זיך ארויפגערוקט אַ באַלאַגערונג פון דער יבשה, פון ים און פון דער לופט; און זי ווערט אַלץ ענגער ארומגעכאַפּט פון אַ פייער־שפּייענדיקן רינג; ווען זי, דער צענטער פון דער וועלט אין אונדזער געפיל און וויזיע, ווערט בפועל ממש דער צענטער פון דער וועלט־שרפה — איצט, איצט דאַרף דער צוגעזאָגטער נס געשען.

קיין חילוק ניט ווער עס זאָל די שורות לייענען — פרומער, פרייער, גלויביקער, אומגלויביקער, ציוניסט, ניט־ציוניסט — דאָס גילט פאַר זיי אַלעמען. אַלץ, וואָס מאַכט זיי גרעסער ווי זיי זיינען, וואָס גיט זיי נשמה יתירה, וואָס גיט זיי בטחון אין זייער נצחון — איז געקומען צו זיי דורך דער יידישער גאולה־וויזיע ארום ארץ ישראל. דאָס האָט געמאַכט דעם יידן פאַר אַ שותף צום מענטש־באַשאַפער און וועלט־באַשאַפער. אפילו ווען זיי ווייסן ניט און ווילן ניט וויסן דערפון, אפילו ווען זיי וועלן עס לייקענען.

איז וואָס זאָלן מיר טאָן? האָפן, גלויבן, תפילה־טאָן — דער נס זאָל געשען? וועלן טרייסט און גלויבן אָפּשטעלן די געפּאַנצערטע חילות, וואָס שיטן זיך, גליטשן זיך פון די וואָלקנס אַראָפּ? וועט תפילה זיך ארויסשטעלן מעכטיקער פון דער מיליטערישער מאַכט? יאָ! עס ווענדט זיך ווי מען גלויבט, ווי מען טוט תפילה און צו וועמען מען טוט תפילה.

ניין! ניט קיין אונטערהאַלט, נאָר אַ לעבנס־אָנהאַלט איז אונדזער

תפילהדיקער גלויבן געווען. אונדזער גאַנצער לעבנס־איינשטעל איז געווען אַ פאַרקערפּערטע תּפילה און גלויבן. דער נדר, וואָס האָט געדאַזט לויפן אונדזער געשיכטע איר אַנגעצייכנטן וועג פון פאַרצייטן ביז משיחס צייטן; דער נדר, וואָס האָט זיך אַריינגעריזלט אין אונדזער בלוט צוזאַמען מיטן ברית אברהם, און איז שטאַרקער פאַנאַנדערגערעדט געוואָרן דורך די נביאים און גאונים אין לויף פון די צייטן — אָט דער נדר האָט כסדר תּפילה געטאָן אין אונדז און אויפגעהאַלטן אונדז אין אַנגעגליטן גלויבנס־צושטאַנד. אונדזער גאַנץ וועזן איז געווען אַ תּפילה — מיר זאָלן זוכה זיין, ווי אַ פאָלק, צו לעבן און דערלעבן ביז דער נדר וועט מקוים ווערן אין אחרית הימים. און די תּפילה אויף לעבן פלעגט תּיכּף באַוויליקט ווערן. דער אויבערשטער האָט זיך צוגעהערט צו איר. וואָרום דורך אָט דער תּפילה האָבן מיר אַריינגעצויגן אין זיך אַ חלק פון דעם אויבערשטן אַליין און דאָס איז געווען דער סוד און יסוד — דער סוד פון אונדזער געשיכטלעכן כּוח צו קענען זיך האַלטן על בלימה — דער יסוד פון אונדזער קיום. און אַזוי האָבן מיר אָפּגעלעבט טויזנטער יאָרן און דערלעבט.

און איצט, אין דער שעה פון הרת־עולם, ווען ארץ ישראל האָט גענומען דעם נדר מקיים זיין, איצט קאָן און זאָל די אייביקע ידישע תּפילה, אין אַנגעגליטן גלויבן, וואָס פאַרווירקלעכט זיך אַליין, צוריק אָפּגערופן ווערן, ווייל דורך ארץ ישראל, דורך דער גאולה־וויזיע אַרום ארץ ישראל, האָבן מיר אונדזער הויפּט־חלק אין אויבערשטן.

וואָס איז געווען די ידישע טרעפונג — נבואה, אינטואיציע — קריגט איצט די איבערצייגנדיקסטע באַשטעטיקונג. דער קול, וואָס טראָגט אין זיך אַן אָפּהילך פון קולות פון באַרג סיני, האָט אונדז ניט אָפּגענאַרט. די מעכטיקע מאַשין, אויף וועלכער אונדזערע שונאים האָבן זיך געשטיצט, און זיי האָבן שיער ניט טריאומפירט, איז אומגעריכט צעפאַלן געוואָרן ווי אַ קאָרטן־שטיבל — אַ שריפה האָט געפרעסן זי אינווייניג און פון דרויסן.

אַ בליק פון באַרג סיני האָט געטראָפן זייערע אָפּגעטער. אָבער וואָס איז דער לאָגישער באַוויז, אַז דאָס איז די ווירקונג פון באַרג סיני, וואָס, געדווירנדיק ביז היינטיקער צייט, האָט געמאַכט אַ תּל פון די שונאים? דער באַוויז איז אין דעם, וואָס גראַד דעם היפּוך פון דעם הויפּט־געבאָט פון די עשרת הדיברות — דעם האָבן זיי אויסגעקליבן, דעם תּרצח! — זאָלסט מערדערן! עס איז לייכט איינצוזען, אַז פאַרערלעכונג פון מענטשן־לעבן, דאָס גרויסע איינזעענעש מיטן ברודער־מענטש, אַז דער

ברודער־מענטש איז דיין גלייכן, אַז ער — דאָס ביזטו אַליין — דאָס איז דער נאַטירלעכער מיטל־פּונקט פון די עשרת הדיברות. ערשט די ניי־אַנדעקטע חשיבות פון מענטשן האָט געבראַכט צו דער נייער גאָט־אַנט־פּלעקונג אויפן באַרג סיני. גאָט איז דער, וואָס קאָווירט פאַר דער הייליקייט פון מענטשן. די מענטש־געבאָטן ווערן סאַנקציאָנירט פון גאָט־געבאָטן, וואָס פאַרטייערן גאָטס נאָמען: ניט אַרויסריידן אים צום פאַלשן, ניט נאָכמאַכן אים מיט אַ געץ — ביז צום קרוינענדיקן ערשטן געבאָט: אנכי — איך בין דער גאָט, וואָס האָט דיך אַרויסגעצויגן פון הויז פון קנעכטשאַפט. גאָט, דער איבערגאַראַנטאַר פאַר דעם מענטשנס חשיבות, ווערט איינגעפאַסט אין אַ יידישער געשיכטלעכער געשעעניש. און ער ווערט אַפּגעלייגט אין אַ יידישן לעבנס־פיר, וואו גאָט און מענטש פאַלן צונויף: דער געבאָט פון שבת ווערט פאַרענטפערט אי מיט דעם, וואָס גאָט, ביים באַשאַפן די וועלט, האָט גערוט אויפן זיבעטן טאָג, אי מיט דעם, וואָס שבת סימבאָליזירט דעם יידנס אויסלייזונג פון קנעכטשאַפט — דעם יידנס מענטשלעכסטע דערהויבונג.

און ווי ביים באַרג סיני, אַזוי איז עס געבליבן אַלע צייטן. מתן־תורה — מענטש־עליה, געקרוינט מיט גאָט־עליה, איז נאָכגעגאַנגען און פאַראויסגעגאַנגען יעדן יידישן דור. יעדער יידישער דור, אָננעמענדיק זיך מיט נייע ליידן, איז אַלץ טיפער דורכגענומען געוואָרן מיט רחמנות צום מענטשן, וואָס דאָס האָט פריער אָדער שפּעטער זיך אָפּגערופן מיט אַ נייער גאָט־מאַניפעסטאַציע, וואָס האָט זיך איינגעפאַסט אין נייע געשיכטלעכע געשעענישן און זיך אָפּגעלייגט אין נייע יידישע לעבנס־שטייגערס, ווי אין די פילצאָליקע יידישע משיח־באַוועגונגען, וואָס צייטנווייז האָבן זיי זיך אויך איבערגעגעבן צו די פעלקער. אַזוי אַרום האָט דער יידישער כוח פון אמונה זיך אויך אַריינגעפּרעסט אין די פעלקער, וואָס זיינען ביים באַרג סיני ניט געשטאַנען. זיינען זיי אויך אונטערוואָרפן דער מתן־תורה. און ווען זיי פאַרזינדיקן קעגן דעם גרונט־געבאָט פון „לא תרצח" מיט גרינגשעצונג פון מענטשן־לעבן בכלל און גאָר באַזונדערס מיט שפיכת דמים קעגן יידישן פאָלק, דעמאָלט ברעכט זיך דורך דער פייערדיקער גרימצאָרן פון באַרג סיני מיט דער רויער קראַפט פון אַ נאַטור־פּראָצעס, ווי אַן ערד־ציטערניש, ווי אַ וואולקאַן־אויסברוך. אַ דאַנק דעם יידנס פיל־טויזנט־יאָריקער נשמהשפּאַנונג, און זיין צוגעקלאַמערטקייט צום באַרג סיני, איז גאָט פאַרגעזעצט געוואָרן ווי אַ ווירקנדיקער כוח אין דער געשיכטע, אין נאַטירלעכן גאַנג פון די גע־

שעענישן, אין דער נאַטור פון מענטשן. גאָט איז געוואָרן נאַטור־געזעץ אין מענטשן.

דער באַרג סיני איז נאָך אין דער אַרבעט, אָבער צו אונדזער גרויסן אומגליק ווייסן מיר ניט ווי איינצושפּאַנען דעם וועלט־כּוח, וואָס שלאָגט פון אים. מיר האָבן לויזגעלאָזן די נשמה־שפּאַנונג, וואָס דער באַרג סיני, מיטוואַנדערנדיק מיט די יידישע דורות, האָט אָנגעצויגן אין אונדז. יעדער דור צוגעבנדיק אַ פלאַסט מסירות נפש, וואָס האָט געשפּייזט מיט קראַפט — לויזגעלאָזן פון דער נשמה־שפּאַנונג האָט פון דער גאַנצער פּיל־טויזנט־יאָריקער נשמה־מי אונדז זיך אָפּגעשטעלט אַ נעגאַטיווע קראַפט, וואָס שטראָפט, צעזעצט אַרמייען, רודערט־אויף די וועלט מיט צעטרייסלנדיקע געשעענישן, וואולקאַנישע קאַטאַסטראָפעס, אָבער ניט קיין פּאָזיטיווע קראַפט, וואָס בענשט און געפינט אויסוועגן אויף צו פאַרמיידן קאַטאַסטראָפעס.

גאָט איז דאָס וועלטלעכסטע אין מענטשן — דעם מענטשנס וועלט־לעכסטער וואָפן; גאָט איז דאָס מענטשלעכסטע אין מענטשן. דער מענטש אַנטפּלעקט ביז צו די גרונט־געזעצן פון זיין וועזן — דאָס איז גאָט.

ווען גאָטס פלאַם־פייער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ באַרג אין דעם מדבר און אים אַריינגעצויגן אין הימל אַריין מיט די נשמות פון דער גאַנצער עדה יידן, וועלכע זיינען געשטאַנען דעם באַרג צופוסנס, צוזאַמען מיט די נשמות פון אַלע צוקונפטיקע דורות, האָט גאָטס קול מיט דונערן און בליצן זיך אַריינגעשריען אין זיי מיט אַזאַ גבורה, אַז עס האָט דעם גוף פון פאָלק אויפגעהויבן פון מדבר און אַריינגעזעצט אין ארץ ישראל.

דאָס אייגענע וועט אויך איצט געשען. אַן אַקט פון מתן־תורה און דאָס באַזעצן זיך אין ארץ ישראל.

א נייער באַרג סיני

סיניאיזם איז די קומענדיקע באַוועגונג, וועלכע וועט אריינבעמען דעם ציוניזם אין זיך און געווינען ארץ ישראל און נאָך מער — די וועלט אויך...

און ארץ ישראל קאָן ניט געוואונען ווערן אַליין, אָן דער וועלט — די וועלט מוז אינערלעך באַצוואונגען ווערן: איר גייסטיקער ווידערשטאַנד קעגן בייעם ייִדישן אויפשוואונג אין ארץ ישראל. דער ציוניזם, אום צו זיגן, דאַרף צוקריגן אַ באַצווינגענדיקן גייסטיקן כוח. און דאָס וועט איר געבן דער סיניאיזם.

דער סיניאיזם מוז קומען צו־הילף דעם ציוניזם, פונקט ווי פאַר־צייטן.

פונקט ווי משה רביגוס „ציוניזם" האָט זיך פריער געמוזט אָנ־נעמען מיט כוח אויפן בארג סיני, אום אריינצופירן דאָס פאָלק ישראל אין קינפטיקן ארץ ישראל.

עס איז אוממעגלעך געווען, אַז דער באַפרייטער קנעכט פון מצרים זאָל גיין זיך פאַרמעסטן מיט דעם כנעני. פריער האָט ער געדאַרפט דורכגיין אַ דערשיטערונג מיט אַ נייער באַשאַפונג. ער האָט געדאַרפט איבערגעבורענט ווערן אין דעם פייער פון באַרג סיני, אָפּוואַרפן דעם אַש און דעם אָפּפאַל אין מדבר; און דער אימפעט פון זיין ניי־גע־לייטערטער, ניי־געשאַפענער, מיט אַ נייער גאָט־באַפליגלטער נשמה האָט איינגענומען ארץ ישראל. נאָך איידער זיין פוס האָט באַטראָטן דאָס לאַנד.

דער גאָט פון באַרג סיני איז געגאַנגען פאַראויס, באַקוקט דאָס לאַנד און עס געהיליקט מיט זיין בליק — און עס האָט מער קיין ווידער־שטאַנד ניט געקאָנט זיין פון דעם כנעני קעגן די נאָכפאָלגער פון גאָט פון באַרג סיני.

ארץ ישראל איז דער צענטער פון אַלע ערטער. די קאָנסעקווענצן פון אַלע פאַסירונגען, וואו זיי זאָלן ניט פאַסירן, לויפן זיך צונויף אין ארץ ישראל.

ארץ ישראל איז א ריזיק אָרט — אַ מיטל־פּונקט: ווייל ארץ ישראל מעסט זיך מיט אַן אויסערגעוויינלעכער מאָס, מיט יאָרהונדערטער פון געשיכטע. ארץ ישראל איז דער צענטער פון אַלע ערטער, ווייל זי איז דער צענטער פון אַלע ציַיטן; אַ רעזאָנאַטאָר, וואו דער שטילסטער קלאַנג הילכט אָפּ מיט אַן עכאָ פון עבר און עתיד.

עפּעס איז דאָרט געשען מיט 19 הונדערט יאָר צוריק — און אין יענער געשעעניש האָט זיך אָפּגעשפּילט אַלץ, וואָס איז געשען מיטן ידישן פאָלק זינט באַרג סיני מיטן באַרג סיני צוזאַמען; און אין יענער געשעעניש איז אַריינגעפאַלן אַלץ, וואָס איז געשען מיט אונדז, און מיט זיי, זינט יענער געשעעניש אין ארץ ישראל.

איז זייער געשיכטע, פּונקט ווי אונדזערע, זייער גערדאַנקען־גאַנג, פּונקט ווי אונדזערער, זייער לעבנס־אַנשויאונג און לעבנס־שטעלונג, זייער וועלט־אַנשויאונג און וועלט־שטעלונג. פּונקט ווי אונדזערע, — אָנגעשפּאַרט אויף ארץ ישראל.

דער ציוניזם דאַרף זיך קאָנען פאַרמעסטן מיט דעם גייסט פון דער צייט, וועלכע איז טראַגעדיק מיט קאַטאַסטראָפאַלער וועלט־דערלייזונג. דער פּאָליטישער ציוניזם דאַרף שפּירן דאָס קאַטאַסטראָפאַלע און דאָס וועלט־דערלייזנדיקע, ער דאַרף אָנגיין מיט אומגעוויינלעכע מיטלען צו דערגרייכן דעם אומגעוויינלעכסטן צוועק — צונויפפירן די צוויי צענטערס פון אַלע ערטער אין ציַיטן — דעם יידן און ארץ ישראל.

וואָס דאָס איז די געהיימע האָפנונג, צו וועלכער די וועלט האָט צוגעקניפּט איר דערלייזונגס־חלום.

דער ציוניזם דאַרף צוטראָגן צו אָט דער האָפנונג, גיין אַנטקעגן דער וועלט מיט אַ נייער בשורה — און דאַן וועט ער האָבן כּוח צו פאַרווירקלעכן ציוניזם.

קומען מיר צוריק צו אונדזער אויסגאַנגס־פּונקט — דעם באַרג סיני.

ווען די פעלקער זיינען פאַרכישופט אויף יידן און אויף ארץ ישראל, איז עס אַ דאַנק דער מתן־תורה.

מתן תורה האָט דאָס אַרויסגעדונערט די סוגעסטיע, וועלכע האָט פאַר אַלע ציַיטן אַריינגעהיפּנאָטיזירט דעם יידן אין דער וועלט און די וועלט אין יידן.

מיר האָבן ווידער דערגרייכט דעם קרייצוועג פון די ציַיטן, און עס פאָדערט זיך אַ נייע מתן־תורה.

מיר זיינען אין דער זעלבער לאגע און אין דערזעלבער פארלע־גנהייט; מיר דארפן איינגעמען גאנץ ארץ ישראל, און קיין כוח איז נישטא; דארפן מיר ווידער דורכגיין גאטס שרפה — א קאטאסטראפע מיט א נייער באשאפונג.

מיר זיינען נאך אין א הארבערער לאגע און פארלעגנהייט דעמאלט — א הייפל אין מדבר סיני, איצט — צעזייט און צעשפרייט איבער אלע מדבריות פון דער וועלט; דעמאלט — דאס קליינינקע לאנד כנען; איצט — דער צענטער פון אלע צייטן.

גאטס קאטאסטראפע האט אונדז געטראפן אומעטום — אין אלע וועלט־ווינקעלעך. און הייליקן דארף ער דעם גאנצן וועלט־באדן, אויף וועלכן מיר טרעטן.

דארף די מתן־תורה געצילט זיין אי אין אונדז, אי אין זיי. דארף עס זיין א געזעגעבונג, אדרעסירט צו אלע פעלקער — א געזעצגעבונג, וואס פסקנט שאלות פאר דעם וועלט־גייסט.

א רפואה דארף ארויסגעשיקט ווערן פון דעם נייעם בארג סיני צו די אלע וויטאקן און שרעקן — אפילו צו די ווייטאקן און שרעקן, מיט וועלכע ענגלאנד פייניקט זיך.

פון בארג סיני דארף געגעבן ווערן די פארמולע פאר דער וועלטס איבערגאנג צו איר נייער טאג־ארדנונג — א נייע ברענעדיקע סוגעסטיע פון יידישן גאט, וועלכער זאל צעשמעלצן די אלע טויזנטער זיך ווידער־שפרעכענדיקע, איינע קעגן דער אנדערער ווירקנדיקע סוגעסטיעס, וואס צערייסן ביז בלוט די פעלקער און קלאסן, — צעשמעלצן זיי און איבער־פורעמען זיי אין א סוגעסטיע פון דערלייזונג.

דאס איז דער מתן־תורהדיקער ציוניזם אדער סיניאיזם, וואס דאס איז אייגענטלעך דער עסענץ פון דער יידישער רעליגיע, וועלכע האט אונדז געגעבן א פארבילד פון דער קונפטיקער מתן־תורה אין דער נבואה אויף משיחן. און דורך דעם פארבילד דארפן מיר זיך אנשטרענגען זיך צו דערנענטערן צו ציוניזם און יידישן פאלק.

און דאס מיינט, קורץ און גוט, אז די יידישע רעליגיע דארף פריער פון אלץ זיך אויפשליסן פאר אלע וועלט־פראבלעמען, וואס מאטערט אונדז די גאנצע צייט.

אונדזער פרומע יידישקייט דארף באצייטנס זיך צוגעוואוינען צו דעם געדאנק, — און זיך צוגרייטן דערצו, — אז באלד וועט פון בארג סיני זיך דערהערן א קול, וואס וועט א קירעווע טאן די פעלקער מיטן

פנים צו ירושלים און פאַרזאָרגן די וועלט־געשעענישן זיי זאָלן זיך נעמען דרייען אין אַ קרייז אַרום ירושלים.

און דער נייער יום־טוב שבועות וועט געפייערט ווערן.

און טאָמער וועט דערביי אונדז אויסקומען אַביסל קאַליע צו מאַכן מיט אַט־דער יידישלעכער אָפּעראַציע די אמונה פון אונדזערע גוטע און שלעכטע שכנים — דאָס מאַכט ניט. גאָט אַליין האָט געהייסן, אַז די יידישע רעליגיע זאָל ווערן אַ וועלט־רעליגיע.

אַ יידישע רעליגיע ווערט געבוירן אונטער דעם שאָטן פון אליהו הנביאס באַרג

ווער איז זי, די אַרויסגערופענע מוסטער געשטאַלט?

איז דאָס דער מענטש אַליין — באַפרייט פון זיינע חסרונות; אָנגע־לאָדן מיט די מעלות וועלכע האָבן אים געפעלט און נאָך וועלכע ער האָט זיך פאַרבענקט.

אָט די מעלות האָבן אים געמאַנגלט. ער זאָל געבענטשט ווערן מיט כוח און טאַלאַנט. דאָס איז ער אַליין — אַן אידעאַליזירטער: אַ לעבעדיק געוואָרענער אין זיין אידייע, אין פאַרשטעלונג פון זיך אַליין.

דאָס איז ער אַליין אין אַ נייער העכערער אויסטייטשונג.

מיט איר הילף וועט ער זיך איבערטייטשן: ער וועט לערנען אַ נייעם פירוש אויף זיך אַליין. עס איז אַן אַלטער פסיכאָלאָגישער געזעץ:

דער טייטש, ווי דער מענטש פאַרשטייט זיך אַליין, אָדער ווי אַנדע־רע פאַרשטייען אים, און ער האָט עס אויפגענומען אין גלויבן, דער טייטש, דאָס וואָרט, וואָס ווערט אויף דעם מענטשן אַרויפגערעדט — דאָס מאַכט אים, דאָס שאַפט אים.

און גאָט האָט געשאַפן די וועלט און דעם מענטשן מיט זיין וואָרט. דאָס וואָרט איז שאַפונג געצייג.

און ביים מענטשן, וועלכער האָט גאָטס אַלע מעלות אין אַן אוממענ־לעך קלענערן פאָרמאַט, איז אויך אַזוי: דער מענטש קען מיט זיין וואָרט פון גאָרנישט באַשאַפן, אָבער זיך אַליין מיט זיין וואָרט באַ־שאַפט ער יאָ.

דאָס וואָס ער איז אין זיין פאַרדאָרבענעם צושטאַנד — איז דער רע־זולטאַט פון אַ שלעכט וואָרט, וואָס ער אָדער אַנדערע, ווען ער האָט זיי געגלויבט — האָבן אויף אים אַרויפגערעדט. אָדער פון אַ שלעכטן געדאַנק, וואָס ער אַליין אָדער אַנדערע האָבן אויף אים אַרויפגעבראַכט.

ער, ווי ער איז — שוואַך, שלעכט און פאַרדאָרבן — איז אַ פאַרגליי־ווערטער פלייש געוואָרענער שלעכטער טייטש.

זיין נידעריקער גלויבן וועגן זיך אַליין — האָט אים נידעריק גע־

מאַכט. ווען ער איז שוואַך, הילפלאָז, טאַלאַנטלאָז, שלימזלדיק — האָט ער עס זיך אַליין פאַרשאַלטן דורך אַ וואָרט, אַ טייטש, אַ מיינונג, אַ גלויבן וועגן זיך אַליין.

און האָט ער זיך געקאָנט פאַרשילטן דאַרף ער קענען אַליין זיך אויך בענטשן.

דאָס וועט טאָן די לעבעדיק לייבלעכע זעאונג — די געשטאַלט, וואָס איז פון אים אַליין אַרויסגעוואַקסן — זי וועט אים בענטשן. זי וועט אים אויסהיילן, זי וועט אים דערהויבן פון זיין נידעריקייט: זי וועט אויס־ברענגען די אַלע אין אים אומגליקלעך מאַכנדיקע שפּלע ווערטער, מיינונ־גען, גלויבנס — און אים איבערטייטשן.

זי וועט לייגן אויף אים אַ נייע חתימה. זי וועט זיין גואל זיין. ווער איז זי? ער אַליין, אַ פאַרגרעסערטער, זיין שר אין הימל.

האָט ער אים איצט אַרויסגערופן און געצוואונגען, ער זאָל אים בענטשן. און דער מיטל אַרויסצורופן די געשטאַלט פון שר און גואל — דאָס שפּילן און טאַנצן פון חסידים און ראַדיקאַלן אונטער דעם שאָטן פון אליהו הנביאס באַרג.

אַ מערקווירדיקע פּערזענלעכקייט איז געווען דער יאַבלאַנער רבי, אין דער היינטיקער חסידיש־רביאישער וועלט איז ניטאָ זיין גלייכן אין פשטות און באַשיידנקייט. ער האָט זיך פאַרנומען מקיים צו זיין דעם בעל־שמס חסידות פשוטה כמשמעה. דער בעל־שם האָט זיין גאַנץ לעבן זיך געריסן קיין ארץ־ישראל. חסידות האָט פון ארץ־ישראל ערד אַרויסגע־שפּראָצט — פון דעם באַרג, אויף וועלכן צפת שטייט. האָט דער יאַבלאָ־נער רבי אים נאָכגעטאָן: אין דעם שאָטן פון אליהו הנביאס באַרג האָט ער געשטעלט זיין קאָלאָניע. אַליין, צוזאַמען מיט זיינע חסידים, די ערד געגראָבן, די זאַמפּן געטריקנט און אונטערגעאַרטלטע, אין די יאַרמלקעס, ביז צו די קנעכלעך אין וואַסער געשטאַנען. און נאָכפאָלגנדיק דעם ביי־שפּיל פון זייער רבין, וועלכער אָטעמט מיט פריינטלעכקייט און ליבשאַפט, האָבן די יאַבלאָנער חסידים איינגעשטעלט די ברידערלעכסטע באַציאונגען מיט זייערע אַפּיקורסישע שכנים — די חלוצים.

די חלוצים, פון זייער זייט, זיינען זיי ניט שולדיק געבליבן קיין ברודערשאַפט. זיי האָבן געהאָלפן די חסידים אויפשטעלן די ערשטע סוכות צום וואוינען. און אַלץ וואָס די חסידים האָבן געטאָן, איז אַ העלפט פון דעם געטאָן געוואָרן מיט דער הילף און אונטער דער אָנווייזונג פון די חלוצים.

און בעת די פרומע לייט פון גאָר דער וועלט האָבן זיך געטרייסלט פאַר

גרויל איבער דער אפיקורסות פון די חלוצים, האבן די יאבלאנער חסידים זיך געטיילט מיט זייער עונג שבת, און געפראוועט מלווה מלכה צוזאמען, און געגאלטע אפיקורסים און בערדיקע חסידים האבן זיך געהאלדזט, טאנצנדיק איין ריקודל און זינגנדיק איין זמרל.

קורץ פאר זיין אפפארן קיין אמעריקע — האבן דערציילט די קארעס־פאנדענטן — געפארן איז ער זאמלען שטיצע פאר זיין קאלאניע, האט דער יאבלאנער רבי געהאלטן פאר זיין חוב זיך צו געזעגענען מיט זיי. און דאס איז געווען די דרשה, וואס ער האט געהאלטן. א דרשה־געשאנק צום געזעגענען זיך. ווי געזאגט — האב איך פאר זיך געהאט בלויז געציילטע שורות פון דער דרשה, אבער לויט דער פערזענלעכקייט און די מעשים פון יאבלאנער רבין קאן איך מיר פון די פסוקים צונויפ־שטעלן די גאנצע דרשה:

„איר וואס האט גענומען אויף זיך די שווערסטע עבודה אין ארץ־ישראל, איר וואס איר זייט עס ישראל און ארץ־ישראל כפל כפליים — איר זייט טאפלט מיר געקרוינט: אויף אייך לייכט זיך די קרוין פון תורה און די קרוין פון בורא, כאטש איר ווייסט עס ניט.

עס וועט אייך ניט זיין אזוי לייכט צו פארשטיין. וועל איך אייך עס דערקלערן טאקע מיט דעם מאמר: ישראל ואורייתא וקודשא בריך הוא חד הוא.

עס איז דאך א קשיה צו פרעגן, סטייטש, גאט, דער וועלט באשאפער, וועלכער איז דער טאטע־פאטער צו אלע פעלקער, זאל זיך אויסדערווילן איין פאלק, צו ווערן איינס מיט אים?

קריוודעט ער דאך די אלע אנדערע פעלקער. א פאטער איז איינס מיט אלע זיינע קינדער.

און פאר אייך, חלוצים־ברידער, איז די קשיה נאך הארבער.

אייער יידישקייט איז ניט געשטיצט אויף פסוקים: אייער גלויבן איז דווקא די גלייכהייט פון אלע פעלקער. וואס זשע הייסט, גאט האט זיך אויסגעווילט א פאלק?

וועל איך אייך אפענטפערן מיט א קשיה אנטקעגן: דאס, וואס אייערע אויגן זעען, ווי קאנט איר דאס דערקלערן?

זעען מיר? דאס וואס די יידן געדענקען אלס גאטס צוזאג, ווערט מקוים: ער האט צוגעזאגט אומצוקערן אונדז קיין ארץ־ישראל, און ער האלטווארט, עס געשעט. האט גאט זיך א נדר געטאן, און איז מקיים זיין נדר.

איר זייט געלערנטע לייט, פילע פון אייך האבן געענדיקט אוניווער־

זיטעטן — זאָגט מיר דורך וועלכן געזעץ, וואָס איז אייך באַקאַנט פון אייער וויסנשאַפט געשעט עס ?

עס איז ניט קיין עקאָנאָמישער געזעץ — טראָץ אַלע עקאָנאָמישע געזעצן זאַמלט זיך דאָס פֿאָלק און עס בויט זיך ארץ־ישראל.

עס איז ניט קיין פּאָליטישער געזעץ — פּאָליטישער געזעץ שטיצט זיך אויף מאַכט. וואו האָבן מיר מאַכט ?

איר וועט זאָגן אומשטענדן. וואָס זיינען אומשטענדן ? שטיינער, אויף וועלכע אונדזער בעט איז אויסגעבעט. זעען מיר אָבער, זיינען דאָס ווייכע אָדער האַרטע שטיינער, דער צוקאָפּנס איז אַלע מאָל געווענדט צום מזרח. דעם יידנס קאָפּ איז אויסגעקירעוועט צו ארץ־ישראל. איז דעם יידן גוט צי שלעכט, איז ער געזונט אָדער קראַנק ; שאַפט זיין גייסט אָדער זיין גייסט דאַרבט. האָט מען אים ליב, צי מען האָט אים פיינט — די גוטסקייט און די שלעכטסקייט. זיין געזונטקייט אָדער קראַנקייט, זיין שעפערישקייט אָדער אומשעפערישקייט, די ליבע און די פיינטשאַפט — אַלץ מיט אַן אַנדער ווענדט דעם יידן אין דער ריכטונג פון ארץ־ישראל.

אַ געהיימע ריזון־האַנט לייגט אויס די אומשטענדן, די שטיינער, מיט ארץ־ישראל צוקונפט.

און ווען עס וועט געשען — די פולע פאַרווירקלעכונג פון דער גאולה דורך ארץ־ישראל, וועט עס זיין אַ באַשטעטיקונג, אַז אַט די גרויסע ריזן־האַנט איז אַ לעבעדיקע האַנט : זי האָט געפירט מיט דעם גורל פון אַ פאָלק און אים דערפירט ביז צו דעם פאַרויסגעזאָגטן און צוגעזאָגטן ציל.

וועט עס זיין אַ דעמאָנסטראַציע אויף אַ גייסטיקער, מאָראַלישער גבורה, וואָס ווירקט אין דער געשיכטע.

עס איז כוח, וואָס לאָזט זיך ניט מעסטן מיט קיינע וויסנשאַפטלעכע אינסטרומענטן, וואָס לאָזט זיך ניט דערפאָרשן מיט אייערע לאַבאָראַטאָריע מעטאָדן : פיזיקע, כעמיע האָבן פאַר דעם כוח קיין נאָמען ניט, מיר זעען אָבער זיינע באַשיינפערלעכע רעזולטאַטן.

פאַר וואָס זאָלט איר אונדז פרומע יידן ניט צוליב טאָן און עס אָנרופן גאָט ? אַז עס וועט מקוים ווערן די גאולה און אין דער עבודה פאַר דער דערגרעכנטערונג פון דער גאולה לייגט איר, ברידער מיינע, מער לעבן ווי די יעניקע, וואָס האַלטן זייער יידישקייט איינגעקלאַמערט אין פרומען זכרון — וועט דער וועלט געגעבן ווערן דער באַווייז, אַז גאָטס ווילן איז אַ געזעץ וואָס ווערט מקוים. אַט דערצו זיינען מיר אויסדערווילט — פאַר דער שליחות און דער געלעגנהייט צו דינען אַלס עדות פאַר די פעלקער, אַז גאָט איז לעבעדיק אין דער געשיכטע.

ווען אַנדערע פעלקער וועלן דערלעבן אַזוי פיל יאָרן מיט די זעלביקע דערפאַרונגען, וועלן זיי אויך אַזוי אויסדערווײלט זײַן.

דערווײַל זײַנען מיר די איינציקע און די ערשטע.

דערפאַר, ברידער מײַנע, זאָג איך: דער קיום פון אונדזער אומה פירט צו אמונה. בײַ אונדז איז אומה און אמונה איינס — קיין צעטיילונג.

און אמת און וואָר איז דער מאמר: ישראל ואוריתא וקודשא בריך הוא חד הוא.

אַ ייד, אַפילו ווען ער איז ניט פרום, לעבט ער פרום, זײַנע מעשים זײַנען פסוקים פון דער תורה.

דערפאַר, ברידער־חלוצים, האָב איך קיין מורא ניט פאַר אײַער פאַר־שריענער ניט־פרומקייט: איר טוט עבודת הבורא: איר דערנענט די צײַט, ווען אַלע וועלן דערזען גאָטס לעבעדיקן וואונדער: און פריער אָדער שפּעטער וועט איר אַליין דורכגעדרונגען ווערן מיט אָט דער שפּירנ־דיקער רעגונג.

און איך טראָג קיין טראָפּן בייז האַרץ ניט אויף אײַך פאַר אײַער פײַערן שבועות, ווי אַ חג הקציר — זײַער חג הקציר איז אַן הכנה צו דער באַנײַאונג פון מתן תורה.

ווײַזט מיר נאָך אַזעלכע יידן, וואָס זײַנען זיך אַזוי מכין ווי איר. מתוך אומה לידי אמונה לייען איך אויף דעם ביישטידל פון יעדער סוכה אײַערער.

ברידערלעך, חלוצימלעך, איך האָב נאָך אַ סך צו זאָגן אײַך — אָבער עס האַלט שוין בײַ חצות.

איך ווינטש אײַך, אַז ווען איך וועל צוריקקומען, זאָלט איר ענלעך ווערן צו מײַנע חסידים, אַז איך זאָל ניט וויסן ווער איז ווער".

וואָרהאַפטיק, אַן אַלט־נײַע רעליגיע ווערט ווידערגעבאָרן אונטער דעם שאָטן פון אליהו הנביאס באַרג — שפּילנדיק...

גאָט און מענטש אין דעם ליכט פון דער איצטיקער טראַגישער צייט

פון היינטיקן שבועות ביז צום שבועות אין צען יאָר אַרום — וועט זיך איינמאָל אַ פייערונג!

אַ פייערונג, אַ שׂרפה פון גייסט, וועלכע פּאַסירט איין מאָל אין טויזנט יאָר. אַ באַרג סיני וועט אויפגעשטעלט ווערן אין צענטער פון דער וועלט, אַ מתן־תורה ספּעקטאַקל וועט געשפּילט ווערן, און סיי די מיטשפּילער און סיי די צושויער וועלן איבערגעשפּילט ווערן אין זייער גרונטוועזן ביז ניט צום געדענקען.

אַ פולשטענדיקע איבערפורמונג פון דער מענטשן־געשטאַלט!

ניי־בעשאַפענע מענטשן; ניי־בעשאַפענע פעלקער; אַ נייע צייט־רעכענונג וועט זיך אָנהויבן ציילן.

איבערשפּילן דעם מענטשן! — מיר היינטיקע זיינען אַזעלכע ניט געראָטענע מאַכטלאָזע באַשעפענישן; מיר קענען ניט בייקומען זיך אַליין; מיר קענען ניט בייקומען די ווירקלעכקייט אַרום אונדז. אַ שטרעק אין דער הויך און אַ פאַל צוריק; אַ הילפלאָז צאַפּלען זיך. עס בעט זיך אַזוי, מען זאָל אונדז איבערשפּילן; מיר זיינען שלעכט פאַרפאַסט, אָדער מען האָט אונדז ניט געשפּילט; אונדזערע ראָלן זיינען אויסגעליידיקט געוואָרן פון יעדן זין און אונדזערע כאַראַקטערן זיינען אויסגעוועפּט געוואָרן.

מען דאַרף אונדז אַלעמען פונדאַסניי פאַרפאַסן און איבערשפּילן; אָנלאָדן מיט נייעם זין אין אונדזערע ראָלן; אָפּפרישן אונדזערע כאַראַקטערן, אַריינשפּילן אין אונדז מזל, געראָטנקייט, פיאיקייט, טאַלאַנט און פרייד. און דער עיקר כח, דער עיקר פון עיקר — כח זיך אַליין צו באַשאַפן, לויט אונדזער אייגענעם וואונטש.

דאָס איז דאָך דאָס ערגסטע מיט אונדז — מיר זיינען אַזוי טאַלאַנטלאָז, אַזוי מאַכטלאָז, מיר קענען גאָרניט אויפטאָן מיט זיך אַליין. אַלעמאָל אָנגעוויזן אויף פירער, וואָס ווען זיי קומען ניט, זיינען מיר פאַר־

לאַרענען, און אַז זיי קומען שוין יאָ, זיינען מיר אויך ניט געדראַטעוועט.

זיינען זיי די פירער און מיר די געפירטע, אָבער וואָס קומט אונדז פּערזענלעך ארויס דערפון, וואָס געווינען מיר איבערלעך, וואָס מיר די געפירטע לאָזן זיך פירן? די זעלביקע ניטגעראָטענע, טאַלאַנטלאָזע, אָנמעכטיקע ווי געווען, זיינען מיר געבליבן.

אַפילו ווען עס באַווייזט זיך דער בעסטער, פולקומענסטער פון אַלע מענטשנפירער, און צענדליקער מיליאָנען זאָלן אים פאַרגעטערן — וועלן זיי גליקלעכער דערפון ניט ווערן; פון זייער גייסטיקער נידעריקייט וועלן זיי ניט דערהויבן ווערן; אין גייסטיקן דלות, ווי זיי זיינען געווען פאַרזונקען, וועלן זיי בלייבן שטעקן. און ביז וואַנען וועלן זיי קענען זיך באַוועגן נאָר געפירטערהייט — ווען מען נעמט זיי ביי דער האַנט, אָדער מען שלעפּט זיי פאַר די האָר?

עס איז קיין מזל ברכה ניטאָ אין געפירט זיין!

פאַרשאָלטן זיינען צוגעוואָרפענע גליקן, מתנות פון פירערס האַנט! פירער וועלן קיינמאָל אין ערגעץ ניט דערפירן!

די צענדליקער מיליאָנען געפירטע דאַרפן געלערנט ווערן — אליין פאַר זיך פירער זיין. זיי זאָלן זיך קענען אָן פירער באַגיין.

דאָס פּראָבלעם איז — ניט צי זאָלן זיי פאָלגן דעם, אָדער יענעם פירער, נאָר אַז זיי זאָלן קיין פירער בכלל מער נישט באַדאַרפן. דאָס פּראָבלעם פון אַלע פּראָבלעמען איז דאָך — ווי פון דעם מאַכטלאָזן אַ גבור, אַ בעל־כוח מאַכן; פון דעם גייסטיקן קבצן אַן עושר מאַכן; אַליין זיך באַרייכערן; אליין פּיאָניקייט, טאַלאַנט, פריידן, זעלבסטפירערשאַפט געווינען.

אַז ניט איז קיין אויסוועג, קיין אויסלייזונג ניטאָ; נאָר אַן אייביק פלאַנטערן זיך אַליין אונטער די פיס: אַן אייביקע געפענטעטקייט.

און קיינע איבערקערענישן אין דער אָרדנונג וועלן ניט העלפן, ביז דער הויפּט־אַקט וועט ניט געשען, ביז די מענטשן וועלן ניט אויסגעלערנט ווערן זיך אליין אַ נס אָפּצוטאָן; כישוף דאַרפן זיי געלערנט ווערן, ווי זיך אליין צו פאַרוואַנדלען, זיך אַליין פון דאָס ניי צו באַשאַפן.

מעשה בראשית דאַרף דער מענטש קענען אין זיך דורכפירן.

וואָס פאַר אַ צויבערשפּרוך דאַרף ער ארויסריידן? וועלכע הייליקע ווערטער דאַרף ער זאָגן? וועלכע הייליקע האַנדלונגען דאַרף ער פּראַווען?

ווער עס וועט די מענטשן דעם צויבערשפּרוך אויסלערנען, וועט זיין זייער דערלייזער!

דאָס איז די דערלייזונג וואָס ווערט פאַרלאַנגט; די גייסטיקע רעוואָלוציע, אַן וועלכער אַלע אַנדערע רעוואָלוציעס אין דער אָרדנונג, זיינען אומזיסט און אַרויסגעוואָרפן.

אָן אַט דער מענטש־באַשעפערישער רעוואָלוציע וועלן די פעלקער, די גאַנצע מענטשהייט, די לענדער, די גאַנצע וועלט קיין שריט פאָראויס ניט מאַכן...

וועגן דעם שרייט די אַנגעוויטאָגטע צייט; איבער דעם קרעמפּן און שליידערן זיך, שפּאַלטן זיך און קראַכן און שמעטערן זיך לענדער — נאָך דעם מוראדיקן בלוט־אָפּצאַפּן פון דער וועלט־מלחמה, נאָך די בלוט־פאַרלאָפענע צוזאַמענבראָכן, נאָך די בלוט־פליסנדיקע שטורם־אַטאַקעס אויף דער איינגעפונדעוועטער אָרדנונג, און נאָך בלוטיקערע אָפּעגטפערונגען פון דער רעאַקציע, אין אַנגעזיכט פון זיך אָנרוקנדיקע נייע מלחמות, מוראדיקע פעלקער־צוזאַמענשטויסן און שווידערלעכע פעלקער־קאַטאַסטראָפעס.

וועגן דעם שרייט די פאַרסמטע, אָנגעגריפענע צייט — אַ שטומער אַלוועלטלעכער געשריי, וואָס האָט קיין לשון ניט.

אָבער דער, ווער עס האָט אויערן צו הערן ווי הערצער קלאַפּן, אויגן צו זען ווי געדאַנקען באַוועגן זיך און אַ מאַרך דאָס אַלץ צו באַנעמען, וואָס עס איז נאָך היינט ניטאָ, אָבער מאָרגן וועט זיין — דער ווייסט, וואָס דער שטומער אַלוועלטלעכער געשריי באַטייט.

אַ נייע בריאת־העולם, אַ נייע מענטשן־געשטאַלטונג!

עס גרייט זיך, עס אָנט זיך אַ נייע מאַניפעסטאַציע פון גייסט. עס וועט ערגעצוואו אין צענטער פון דער וועלט גאָר אין גיכן אויפגעשטעלט ווערן אַ באַרג סיני פאַר אַ נייער מתן־תורה.

מיר ווייסן אפילו, — לויט געוויסע סימנים טרעפן מיר, — וואָס וועט זיין דער ערשטער פון די צען געבאָט:

איך, דער מענטש, מיט גאָטס הילף, אָדער מיט דער הילף פון גאָטס אַ שליח, אָדער אַ גאָט־ענלעכע מענטשגעשטאַלט אָדער אַ געשטאַלט פון מענטשן גופא פאַרחלומטע, פון אים גופא אָפּגעלערנט, פאַרגרעסערט, אידעאַליזירט...

איך, דער מענטש, מיט דער הילף פון גאָט־ענלעכער, מענטשן־ענלעכער געשטאַלט, קאָן זיך אַליין פון דאָס ניי באַשאַפן.

איך אַליין קאָן זיך אַ נס אָפּטאָן, אַ כח, אַן עשירות פון זיך אַרויסרופן, פון אוממעכטיקייט אַ בעל־כח ווערן, פון קבצן — אַן עושר אין גייסט.

אזוי, אַז פון היינט אָן וועל איך מיר אַליין מיין נביא, מיין פירער זיין — ווען נאָר מיין ווילן וועט דערביי זיין און אַ גרייטקייט צו אַ קרבן.

דאָס וועט דער ערשטער געבאָט זיין.

דער צווייטער געבאָט נעמט זיך, פון זיך אַליין, אַרויס פון ערשטן: דער ערשטער קאָן אָן צווייטן ניט געמאָלט זיין.

אומעגדלעך איז דער קוואַל, פון וועלכן איך שעפּ מיין כח. עס שלאָגט פון דער טיפסטער וועלט־געהיימניש. און אומענדלעך איז דער ציל, צו וועלכן איך שטרעק זיך. עס לויפט צוריק אַריין אין דער טיפסטער וועלט־געהיימניש.

דער צווייטער געבאָט מיינט וואָס? אמאָליקע צייטן האָט מען ניט שעמענדיק זיך עס גערופן גאָט. איצט זוכט מען אָן אַנדער נאָמען דערפאַר — אַ במקום. אויב ניט גאָט, איז עס וויניקסטנס די דרינגנדיקע מעגלעכקייט און נויטיקייט פון זיין עקזיסטענץ, אָן וועלכער דער מענטש קאָן ניט לעבן, ניט וואַקסן און ניט געדייען... אויב ניט, קאָן איך דאָך גאָרניט אַנהויבן טראַכטן וועגן אַרויסקריגן פון זיך פרישן כח — אַ כוח, וואָס איז אין מיר לכתחילה ניט געווען. פון וואַנען האָב איך גענומען? פון אַן אומענדלעכן קוואַל פון אורקראַפט, מיט וועלכן איך בין אין מיין טיפסטער טיפענעש באַהעפט.

ווען עס וואָלט די אורקראַפט ניט געווען, וואָס באַשאַפט מיך — ווי וואָלט איך מיך אַליין געקאָנט באַשאַפן?

עס איז דאָ אַ שעפערישער הינטערגרונט הינטער מיין גייסט.

דער דריטער געבאָט, וועלכער איז אויך שטייף פאַרבונדן מיט דעם ערשטן און צווייטן — איז, אַז די גאָט־מענטשלעכע געשטאַלט, לויט וועלכער איך באַשאַף מיך, קאָן איך צו יעדער צייט, דורך אייגענער אָנשטרענגונג, אויף מיין אייגענעם פאַרלאַנג אַרויסרופן.

די געשטאַלט איז מיין ווילן.

עס וועט פון דעם באַרג סיני, ביי דער נייער מתן־תורה — אַ וואָרט, אַ האַנדלונג געגעבן ווערן, וואָס וועלן דינען אַלס מיטל די געשטאַלט אַרויסצורופן — אין אַ קלאָרער, לעבעדיקער, לייבלעכער פאַרקערפּער־טער זעאונג פאַר די אויגן.

פאַר יעדן אַזוי קלאָר, אַזוי לעבעדיק, וויפיל עס פאַרדינט — לויט דער שטאַרקייט פון זיין ווילן, לויט דער הייליקער אויפריכטיקייט פון זיין האַרצן, לויט זיין גרייטקייט צו אַ קרבן.

צו וואָס־זשע דינט די לעבעדיק־לייבלעכע זעאונג, די אַרויסגע־רופענע געשטאַלט? זי שוועבט פאַר מיינע אויגן, אַ הייסע און אַ הר־

ציקע, פון דעם פייער פון מיין ברענענדיקער נשמה איז זי דאָך נאָר וואָס געבוירן געוואָרן. זי וועט מיך אָפּבריען, זי וועט מיך אַנגליען, און אַלץ וואָס אין מיר איז פאַרגליווערט, אַלט און פאַרשימלט געווען, מיינע פאַרשטיינערטע שוואַכקייט, מיין פאַרהאַרטעוועטע אַנמעכטיקייט, מיין הילפלאָזיקייט פון מיין טאַלאַנטלאָזיקייט — אַלץ וועט אין מיר צעפלאַסן און צעשמאָלצן ווערן. און די ארויסגערופענע לעבעדיק־לייב־לעכע, הייס־היציקע זעאונג פאַר מיינע אויגן וועט מיך איבערשמעלצן.

און איך וועל מיך איבערפורעמען לויט אַ מוסטער — לויט איר גרויס, לויט איר וואוקס, לויט איר טיף.

אַלע אירע אינוויניקסטע מעלות וועל איך איבערנעמען.

דער מענטש שאַפט און פורעמט זיך, לויט די געשטאַלטן, וואָס פלאַטערן־פלאַמען פאַר די אויגן.

דאָס איז דער דריטער געבאָט, און דער פערטער פאָלגט דעם דריטן.

אַז גייסט לעבט : אַלץ וואָס פון גייסט קומט ארויס — דער מינדס־טער שבוש פון גייסט — לעבט און קאָן לעבעדיק מאַכן און קאָן לייבלעך ווערן.

ווי יעדער טראָפּן לעבענסשטאָף, וואָס גייט פון קערפּערלעכן מענטש אַוועק, לעבט און קאָן לעבעדיק מאַכן.

עס איז אַ פּסיכאָלאָגישער געזעץ, וואָס די וויסנשאַפט האָט איצט אין אַנטדעקן, און פון נייעם באַרג־סיני וועט ער געגעבן ווערן.

אַ זעאונג פון גייסט קאָן לעבעדיק לייב ווערן.

די פלאַקער פייערן פון באַרג סיני פאַר-ברענען איצט דייטשלאַנד

געדאַנקען לכבוד שבועות

מתן תורה איז אַ פּראָצעס, וואָס געדויערט דורך די צייטן. עס איז געזאָגט געוואָרן, אַז די נשמות פון אַלע קינפטיקע יידישע דורות זיינען געשטאַנעןביים באַרג סיני. עס איז אזוי גוט ווי געזאָגט, אז אין יעדן יידישן דור ווערט די תורה פונדאסניי געגעבן דורך דונערן און בליצן, דורך פלאַמען און רויך, דורך וואולקאַן־אויסברוכן, דורך נאַטור־קאַטאַסטראָפעס. אַ קאַטאַסטראָפע, וואָס שטאַמט פון באַרג סיני, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איצט אויף דייטשלאַנד.

פאַר די אַלע היטלער־יאָרן האָט אַ קול פון נבואה זיך געריסן פון יידישן האַרצן: דייטשלאַנד וועט באַשטראָפט ווערן! זי וועט באַצאָלן כפל כפלים פאַר איר מיליאָנענדיקן יידן־מאָרד. זי וועט לעבעדיקער־הייט צעפאַלן ווערן אויף שטיקער. זי שרייבט זיך אונטער אַ טויט־אורטייל. און אזוי גיך היטלער האָט פּראָקלאַמירט די אויסראָטונג פון יידישן וועלט־פאָלק, וואָס דערמיט האָט ער דאָס אָנגעהויבן זיין פאַר־מעסט אויף וועלט־הערשאַפט, האָבן מיר מיט אינטואיטיווער זיכער־קייט געוואוסט, אַז דאָס האָט דאָס געצנטום פון פאַרצייטיקן דייטשן אורוואַלד ארויסגערופן אין מלחמה דעם גאָט פון באַרג סיני. און וואָס דער סוף איז געווען פון אַלע אָפּגעטער, וואָס האָבן זיך געשטעלט קעגן אנכי פון מתן תורה, וועט אויך זיין דער סוף פון דער נאַצישער אָפּגע־טעריי: זי וועט פאַרצערט און פאַרוויסט ווערן אין פלאַמען צוזאַמען מיט אירע כהנים און שמשים.

וואָס איז געווען יידישע טרעפונג — נבואה, אינטואיציע — קריגט איצט די איבערצייגנדיקסטע באשטעטיקונג. דער קול, וואָס מיר טראָגן אין זיך ווי אַן אָפּהילך פון די קולות פון באַרג סיני, האָט אונדז ניט אָפּ־גענאַרט. די מעכטיקע מיליטער־מאַשין, אויף וועלכער היטלער האָט גע־זאָלט שטיצן זיין וועלט־הערשאַפט, און האָט שיער ניט טריאומפירט,

איז אומגעריכט צעפאלן געווארן ווי א קארטן־שטיבל — א שרפה האט געפרעסן דייטשלאנד פון אינווייניג און פון דרויסן. און ווי היטלער האט אנגעהויבן, אזוי האט ער פארענדיגט — מיט ידען. געבעלסעס לעצט ווארט פאר זיין פארשווינדן צוזאמען מיט היטלערן אין כף הקלע, איז געווען: דייטשטום קומט אום פון יידנטום. און דער נאציזם פגרט ווי א קולט. ביים לעבן האט היטלער זיך געהאלטן פאר א שליח פון דער השגחה און שיער פאר דער השגחה אליין. און א מיתה משונה האט ער איינגענומען ווי א „גאט", וואס איז געשטירצט געווארן פון טראן. די גאנצע מיסטיפיקאציע פון זיין פארשווינדן, עס זאל א ספק בלייבן, אפשר לעבט ער נאך גאר, און אפשר וועט ער נאך אויפשטיין תחית המתים, א היטלער־לעגענדע זאל בלייבן פאר א זכר צו זאמלען גלוביקע אויף זיין נאמען — דאס איז דאך דער שטייגער פון אלע דורכגעפאלענע אפגעטער. און עס איז דאך ניט צו לייקענען, אז ביי זיין טויט, ווי ביי זיין לעבן, האט דער היטלעריזם געארבעט ווי א רעליגיע, רחמנא לצלן. נאצי־גענעראלן, נאצי־רעגימענטן און גאנצע נאצי־דיוויזיעס זיינען בא־גאנגען זעלבסטמארד, די היטלער יוגנט איז געגאנגען אין טויט אריין אויסגעליידיקט פון יעדער מורא, און דייטשע פרויען האבן פארגלאצט די אויגן אין התפעלות פאר היטלערס „אידעאלן". —

קעגן אט־דעם — יידישן גאט־געזעץ אין מענטשן — האט היט־לער רעוואלטירט מיט זיין אורוואלדישער עבודה זרה. דאס איז אים געשטאנען אין וועג צו זיין פארמעסט אויף וועלט־הערשאפט, וואס האט געפאדערט פעלקער־פארשקלאפונג און די פארניכטונג פון מיליאנען לעבנס. דערפאר האט ער אנגעהויבן מיט דעם יידן — טויטנדיק דעם יידן, וועט ער טויטן דעם יידישן גאט־געזעץ, וואס גיט ווערט דעם מענטשנס לעבן. אויף יידן־הריגות וועט ער צוריק אויסלערנען דעם דייטש דעם אורוואלדישן געץ־געזעץ — די ווערטלאזיקייט פון א מענטשנס לעבן. ער האט אים ניט געדארפט פיל לערנען. דער דייטש איז בטבע א שקלאף, וואס גלוסט נאך א האר. ווען ער האט א האר איבער זיך, פילט ער זיך פאר א שטאלצן מיטגליד פון דער דייטשישער „הערן־ראסע", וואס קוקט מיט טעמפער רציחה אויף יעדן אנדער פאלק. און ווען היטלער האט אויסגעשפילט פאר אים דעם האר, וואס פאר־שקלאפט אים, איז ער גאר גליקלעך געווען, היילונג צו זיין געפאלנ־קייט נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה. עס האט זיך געדוכט, אז די עבודה זרה האט אפגעפרישט אין אים די גאנצע רעליגיע אנטציקונג, וואס האט געשלומערט אין אורוואלד פון זיין געמיט. אין באזיץ פון

צענדליקער מיליאָנען ענטוזיאַסטישע מאָרד־גרייטע שקלאַפן, האָט עס טאַקע געהאַלטן דערביי, אַז היטלער זאָל טריאומפירן.

און מיטאַמאָל איז דאָס אַלץ אויסגערונען געוואָרן! עס ווילט זיך ניט צוגעבן, אַז אַפילו אין דייטש האָט דער באַרג סיני אַריינגעאַרבעט דעם יידישן גאָט־געזעץ, וואָס גיט דעם מענטשן ווערט. אָבער קענטיק, אַז אַפילו אַ דייטש קאָן אויף עבודה זרה, וואָס מאַכט דעם מענטשן צו גאָרנישט, לאַנג זיך ניט האַלטן.

דייטשישע מיכעלס, מיט דער פאַרריסנקייט פון שטאָלצע נאַראַ־נים, האָבן באַגעגנט מיט טראָציק־איראָניאַשע בליקן די אַריינמאַר־שירנדיקע אַמעריקאַנער סאָלדאַטן: — נאָך אַ טאָג און דער היטלער וועט אייך הייסן צוריקגיין! און ווען די אַמעריקאַנער האָבן אַפילו זיך ניט אומגעקוקט אויף זייער איראָניע, האַלטנדיק פאַר אומווירדיק צו געבן אַנערקענונג זייער הייל־היטלערישער חוצפה — זיינען זיי מיט־אַמאָל איבערגעביטן געוואָרן. זיי האָבן גענומען זיך חנפהנען און צו־שמייכלען. און ווען זיי זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרן גראָבן קברים פאַר די מתים פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, האָבן זיי געפאָלגט ווי שקלאַפן, וואָס זיינען גרייט צו דינען צו נייע האַרן. פנים אל פנים מיט זייערע פאַרברעכנס זיינען זיי צעזעצט געוואָרן, און דער משפט איבער דייטשלאַנד הויבט זיך ערשט אָן. און ווער ווייס וואו ער וועט זיך אָפּ־שטעלן? דער באַרג סיני איז נאָך אָנגעלאָדן מיט גענוג קאַטאַסטראָפע פון זייערט וועגן...

איצט, ווען היטלער מאַכט זיך ווי געפּגרט, אָדער ער האָט געלאָזט פון זיך מאַכן אַ פּגר, און די אַמאָל מעכטיקע היטלער־אַרמיי איז צעזעצט געוואָרן, און די מלחמה איז אָפּגעשטעלט, פרייען מיר זיך אודאי פאַר די יונגע לעבנס, וואָס וועלן געשאָנעוועט ווערן. אָבער פאַר אונדז איז עס קיין פרידן ניט. מיר וואָלטן גריילעך וועלן פּראָקלאַמירן אויף פרידן פאַר יידן. אַ נס איז דאָך געשען: דאָס יידישע פאָלק האָט איינגעהאַלטן זיין קיום. נאָר ווער האָט איינגעהאַלטן דעם קיום? מיר, די באַצייטנס געראַטעוועטע! אָבער די זעקס מיליאָן? פון זייערטוועגן קאָנען מיר קיין פרידן ניט פּראָ־קלאַמירן. מיר זיינען זיי שולדיק געבליבן די באַצייטנדיקע רעטונגס־אַקציע, וועלכע איז שוין צוגעגרייט געוואָרן מיט טויזנטער יאָרן צוריק. זייט אונדזער וועג דורך דער געשיכטע איז פאַר אונדז אָנגעצייכנט גע־וואָרן, האָט די רעטונגס־אַקציע געהאַט אַ נאָמען...

ב. ריווקין

זעקס מיליאָן יידישע נשמות מאָגנען פון אונדז מיר זאָלן מיט די פאַר־איניקטע כוחות פון אונדזערע פרומע און פרייע צוריק אויפשטעלן אין אונדז דעם באַרג סיני פאַר אַ נייער מתן תורה — אַריינצוטאָן גאָט אין היינטצייטיקע רעטונגס־אַקציעס.

דער אמת פון באַרג סיני און דער אמת פון ברעכטעסגאַדן

היטלער גנבעט יידישע באַגריפן פאַר זיין געצנדינערייַ

פראַנץ ווערפל האָט צום ערשטן מאָל אונדז יידן אַ טובה געטאָן. ביז אהער האָט ער בלויז גענומען ביי יידן: — אין זיין באַרימסטן ווערק — „40 טעג פון מוסא־דאג", האָט ער ביי יידן גענומען זייער היסטאָרישן גורל און אָוועקגעגעבן די אַרמענער. אין זיין לעצטן ווערק — „דער אויסגעשווינדלטער הימל" — האָט ער ביי יידן גענומען זייער גבורה פון אמונה און אַוועקגעגעבן דעם קאַטאָליציזם. ערשט איצט, זייענדיק אַ פליכטלינג אין אַמעריקע, האָט ער זיך דערמאָנט אָן יידן און אָן דעם יידישן גאָט. אין דעם דייטש־יידישן פליכטלינג־אָרגאַן „דער אויפבוי" האָט ער אונדז מנדב געווען אַן אַרטיקעלע, באַטיטלט „אונדזער וועג גייט ווייטער" — מיט דעם הויפּט־געדאַנק, אַז היטלער פירט די מלחמה פון נאַטור־מענטש, פון חיה־מענטש, פון חיה־אָפּגאָט קעגן גאָט פון ישראל.

די גרויסע טובה, וואָס ער האָט אונדז געטאָן: — ער האָט געגעבן אַ צאָל יידישע זשורנאַליסטן די געלעגנהייט צו רעדן וועגן היטלערס געצנטום. און וועגן דעם דאַרף מען טאַקע רעדן. עס איז מער דערין, ווי פראַנץ ווערפל מיינט — עס איז נישט בלויז דער באַנייטער קאַמף פון געצנטום קעגן סתם העכערער רעליגיע; דער אויפשטאַנד פון חיה־מענטש קעגן יידנטום, וואָס האָט די חיה אין מענטשן געצאַמט; דער אויפשטאַנד קעגן קריסטנטום, מיט וועלכן דאָס יידנטום האָט באַשאַנקען די פעלקער, און זיי זענען איצט מוחל דעם געשאַנק. — ניין, היטלער מיט זיין געצנטום האָט זיך פאַרמאָסטן אַ סך העכער — איבערצושאַפן די גאַנצע וועלט, איינצושטעלן אַ נייע וועלט־אָרדנונג. און אי דעם ציל, אי דעם מעטאָד האָט ער ביי יידן גענומען, פאַלסיפיצירנדיק אי דעם ציל, אי דעם מעטאָד. — דער ציל — משיחס צייטן, דער מעטאָד — געשטאַלטגעבונג. נאָכטועדיק די יידישע מוסטערן, האָט ער זיך געגעבן דעם דייטשן המון, ווי אַ מוסטער־געשטאַלט, אויפשפּילנדיק פאַר אים

די פּאַרציטיקע דייטשע פירער־געשטאַלט, וואָס וועגן דעם האָב איך שוין איינמאָל דערציילט. די „פוילישער מערדער־גרוב", האָט אים געגעבן כח גובר צו זיין די סאָציאַליסטן און איינצונעמען דייטשלאַנד.

אָבער געשטאַלטגעבונג איז בלויז אַ האַלבער סעקרעט פון היטלערס דערפאָלג. דער גאַנצער סעקרעט איז, וואָס ער האָט דערפירט די געשטאַלטגעבונג ביז צו רעליגיעזער מדרגה. איבער דער מערדער־גרוב אין פוילן האָט ער אויפגעשטעלט אַ טראָן־באַרג פאַר דעם הויפּט־אָפּגאָט פון דייטשן אור וואַלד־פּאַרצייטן, וואָס זיין נאָמען איז געווען וואָטאַן, און ער פירט דעם אָפּגאָט מיט זיין גאַנצער אָפּגעטער־פמליה און זיינען גבורים־ממזרים אין מלחמה קעגן גאָט פון באַרג סיני. און דאָ, אין מלחמה קעגן ד׳, האָט ער זיך אָנגענומען מיט אימפּעט פאַר אַ פּאַרמעסט אויף דער גאַנצער וועלט.

אין זיין ניי־יאָר רעדע האָט ער געבלעקערדט: „איך, איך! איך בין האַרט. איך בין שטאַרק. די השגחה אַליין איז מיט מיר" — מיינענדיק מיט דער השגחה זיין הויפּט־אָפּגאָט וואָטאַן. (און ווען וואָטאַן הערט ניט, מיינט ער עס זיך אַליין.)

איז ווער דאַרף זיך רעכענען מיט דער געשוואָלענער איך־גאוה פון אַ מטורף, וואָס אין זיין איבערגעקערטן מוח האָט זיך באַזעצט אַ געץ? — אָבער מיר ידדן טאָרן ניט אַזוי גרינג אָפּ׳פּרטן דעם מטורף. דאָס איז דאָך דער מטורף, וואָס האָט אַ האַלבע וועלט אָנגעשטעקט מיט זיין אַנטי־ייד־טירוף. זיין אָפּגאָט־משוגעת, זיין זעלבסט־פּאַרגעטונג אין אָפּגאָט וואָטאַן, איז די היציקע פּאַרע, דער שוואַרצער פיבער אין זיין מוח, וואָס גיט די טרייבקראַפט צו זיין פסיכישער סטראַטעגיע, וואָס ער שיקט פאַרויס זיין מיליטערישע סטראַטעגיע, און וואָס ביז אַהער, ביז צו ענגלאַנדס ווידערשטאַנד, האָט זי געאַרבעט פאַר אים נאָך טיכטי־קער, ווי זיין מיליטערישע סטראַטעגיע, איינגעמענדיק פאַר אים 10 לענדער. זיין אָפּגאָט־משוגעת איז די קרוינונג פון זיין פסיכישער סטראַ־טעגיע, וואָס איינגעבנדיק איר גיפטיקע עסענץ — די פאַרטירופטע ידדן־שנאה — מיט מאַכט־הונגעריקע מאָסן — האָט זי זיי געמאַכט קניען פאַרגלאָצטע אויף היטלערס „נייער וועלט־אָרדנונג" — פאַר זייך מיליטערישער מאַשין זיי אַריבערצופאָרן — ענגלאַנד האָט דעם גיפט פון ידדן־שנאה ניט איינגענומען, לאָזט זיך פון אים ניט איינעמען.

אַט די סטראַטעגיע פון פאַר׳טירופטער ידדן־שנאה, געהייצט און געהיצט פון זיין אָפּגאָט־משוגעת, קערעוועט דאָס איצט זיינע טריט צו קלעטערן אויף משה רבינוס טרעפּ פאַר אַ פּאַרמעסט מיט אָפּגאָט קעגן גאָט פון באַרג סיני.

לאָמיר־זשע אים נאָכפאָלגן טריט־ביי־טריט, ווי אַזוי ער איז דער־גאַנגען צו זיין אָפּגעטעריי, און כדי ניט צופיל מאריך צו זיין, נעם איך אַ פּאַרטיקן פסוק פון אַ ספר, וואָס ליגט מיר ביי דער האַנט — פון דוד איגנאַטאָווס „יפתחס טראַגעדיע״ — אַ ווערק, וואָס קוקט טיפער אַריין אין דעם יידנס היסטאָרישן גורל און אין דעם סוד פון זיין אמונה, ווי פראַנץ ווערפלס ביידע ראָמאַנען מיט זיין „אופבוי״־אַרטיקל אינאייבעם. און דער פסוק לייענט זיך:

„ניט מענטשן שלאָגן זיך מיט מענטשן פאַר אַ לאַנד,
דאָס שלאָגן געטער זיך מיט געטער״

עס איז אַ כלל פון־ פאַרצייטן אַז ווען אַ פאָלקס־פירער פאַרגעשטאָל־טיקט אין אַ גאָט אָדער אָפּגאָט דעם פאָלקס הארץ־געלוסטעניש ווערט ער באַוואָפנט מיט גבורה. פאַרצייטן איז עס אויבן אויף געווען. פאַר יפתחן האָט זיך געשלאָגן ד׳ מיט דעם אָפּגאָט בעל און אים באַזיגט. אויך די מצריים, די גריכן און די רוימער האָבן אַרויסגעשיקט זייערע אָפּגעטער זיך שלאָגן מיטן יידישן גאָט. און דאָס איז געבליבן אמת ביז היינטיקן טאָג, כאָטש עס וואַרפט זיך נישט אַזוי אין די אויגן און מען מערקט עס ניט. אָבער היטלער גיט אַן אויגנשטעכנדיקן באַווייז.

ניט אומזיסט האָט ער ווי אַנטיוכוס אַנטקעגנגעשטעלט גאָט אַ געץ — עס ווייס, דער ימח־שמו, אַז גאָט איז אונדזער קאָמאַנדיר — דער שר פון ישראל.

און צום פאַרלייכטערן דעם געוויסן פון די אַפּיקורסים, לאָמיר עס דערווייל אָנרופן — גאָט איז דער אָנגעצילעוועטער לעבנס־ווילן פון אַ פאָלק, פילפאַך גע׳כפּלט דורך גלויבן, פערזאָניפיצירט אין אַן אומ־זיכטבאַרער געשטאַלט. גאָט — דער מאָביליזאַטאָר פון אַ פאָלקס אמונה אין זיך אַליין.

ביז מיר וועלן זיין אָפּגאָט־משוגעת ניט דורכשטודירן, וועלן מיר ניט וויסן, ווי אַזוי זיך קעגן אים צו מאָביליזירן. — אונדזער גאַנצע הינטער־שטעליקייט, אין אונדזער אָפּענטפער אויף היטלערס אַרויסרוף, נעמט זיך דערפון, וואָס מיר האָבן זיך גרינג געמאַכט דאָס האַרץ מיט דעם טרייסטעלע: ווער רעכנט זיך מיט אַ מטורף? — מיר האָבן זיך פאַררעכנט. ער האָט אונדז איבערגקליגט. ער איז קלוג מיט דער קלוגשאַפט פון אַ מאַנאָמאַניאַק — פון אַ „משוגענעם אויף איין פונקט״. ווי דער וואָס איז משוגע אויף דער איינרעדעניש, אַז ער איז פון גלאָז. ביז צום פונקט פון זיין משוגעת איז ער אַזוי אַ „נעבאַך״. אָבער ער איז גוואַלדיג קלוג און כיטרע אין פאַרטיידיקונג פון זיין „גלעזערנעם שטאַנדפונקט״.

היטלערס מאַנאַמאַניע — די שנאה צו יידן — האָט אים געגעבן דעם אומהיימליכן אינסטינקט פון אַ דעטעקטיוו אויסצושפּירן ביים יידן די אַלע מעלות, וואָס זענען געוואָרן זיינע חסרונות — צוליב פאַרנאַכלעסיקונג. ער איז אַזאַ בריה געווען מיט זיין סטראַטעגיע, ניט ווייל אַזאַ חכם. ס'איז ניט פון זיין אייגענעם קאָפּ. ער האָט דעם אייביקן יידן אַנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ און „געקידבעפּט" וואָס ער האָט פאַרמאָגט (דער אייביקער ייד שטייט דאָ פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק). און צוגעהאַלטן האָט ער אים פאַרן קאָפּ, האַבנדיק צוערשט אַ האַלבן מיליאָן, דערנאָך — אַ מיליאָן, צוויי, דריי, פיר מיליאָנען הילפלאָזע יידן, אויף וועמעס קעפּ צו טרעטן און פון זיי דעם אייביקן יידנס נשמה אַרויסצוקוועטשן.

און דאָ איז די פולע לייזונג פון דער היטלער־רעטעניש. עס וואָלט אים ניט געהאָלפן דאָס אויפשפּילן די קינפּטיקע גדולה פון דייטשלאַנד דורך דער פירער־געשטאַלט, ווען דער מאָמענט וואָלט אים ניט אונטער־געשפּילט — דער מאָמענט פון איבערגאַנג צו אַ נייער סאָציאַלער אָרדנונג, וואו געשטאַלטגעבונג, איז נאָך נויטיקער און נויטיקער. קיין איבערגאַנג צו אַ נייער וועלט־אָרדנונג אָן אַ געשטאַלט־געבנדיקן קונסט־אַקט!

סאָציאַליסטן מעגן זיך אויך איינהערן, ווי עס זאָל זיי ניט געפעלן — זיי האָבן גאָרניט וואָס זיך גרויס צו האַלטן. זיי האָבן פאַרשפּילט זייער סאָציאַליזם צו היטלערן צוליב אַ מום אין זייער פּסיכאָלאָגיע — טאַקע צוליב דעם מאַנגל אין געשטאַלטגעבנדיקן טאַלאַנט.

איר האָט געמאַכט אַ גוואַלד־ריס צווישן מענטש און אָרדנונג, וואָס צוערשט מאַכט איר אָרדנונג און דערנאָך מאַכט איר מענטשן אַריינצומאַכן זיי אין דער אָרדנונג — מענטש און אָרדנונג דאַרפן איבערגעשטאַלטיקט ווערן אין איין מענטש־באַשעפערישן קונסט־אַקט! — דאָס וואָס איר טוט, קאָן היטלער גרייליך נאָכטאָן און נאָך „בעסער" מאַכן — אַ בראַנד זאָל אים כאַפּן! — דורך שנאה צו יידן...

דורך שנאה נעמט מען איבער די שטריכן, די אייגנשאַפטן, אַפילו די פונקציעס פון שונא. פּרואווט עס אויס אויף זיך אַליין. — האסט! — וועט איר איבערנעמען די כאַראַקטער־שטריכן פון שונא. (אויף אונדזער איסט־סייד האָבן מיר געגנוגביישפּילן דערויף. שונאים גלייכן זיך אָפּט אויס אין זייערע מאַניערן און ראַליעס) שנאה פּרעסט אַריין די געשטאַלט פון שונא.

און דאָ איז דער גאַנצער סעקרעט פון היטלערס סטראַטעגיע. זיין גאַנצע סטראַטעגיע וואָלט ניט געהאַט קיין האַפט און קראַפט, ווען ער האָט ניט דעם יידן, דעם אייביקן יידן פאַר זיין געצוואונגענעם „אונטער־

שטיצער". דורך שנאה — ביז משוגעת — האָט ער אַריינגעפּרעסט אין זיך די געשטאַלט פון אייביקן יידן. און אין געשטאַלט־שפּיל, אפילו דעם אָרעמסטן געשטאַלט־שפּיל, איז אַ סימבאָל, אַ געשטאַלט גענוג צו פאַר־טרעטן אַ גאַנץ פאָלק. — די פאַרצייטיקע גענייאַלע יידישע געשטאַלט־געבער האָבן אויפגעשפּילט ישראל קעגן די סימבאָל־געשטאַלטן פון עמלק און אדום. און להבדיל אלף הבדלות — ווען היטלערן זאָל איינפאַלן אַ משוגעת צו פאַרפירן מלחמה קעגן יונייטעד סטייטס, וואָלט ער אויפגעשפּילט די פירער־געשטאַלט קעגן דער קאַריקאַטור פון אַנקל סעם.

עס איז גאָר נישטאָ אין נאַציזם אויסער דעם טירוף פון יידן־שנאה. אפילו די גאַנצע טעאָריע פון ראַסנריינקייט איז אונטערגעזאָגט געוואָרן פון יידן־שנאה — ניט פאַרקערט. ערשט דורכן יידן האָט דער נאַציזם באַקומען אינהאַלט. און דערזעלביקער טירוף פון יידן־שנאה זאָגט עס אים אונטער צו קלעטערן אויפן באַרג סיני און צו קידנעפּן דעם יידנס גאָט.

לעכערליך, יאָ? אָבער עס איז ניט צום לאַכן און חוזק צו מאַכן! פאַררעכענענדיק היטלערן פאַר אַ מטורף, האָבן מיר זיך פאַררעכנט. מיר האָבן פאַרזען, אַז דער מטורף פירט קריג און געווינט לענדער מיט דער געקידנעפּטער יידישער גלויבנס־גבורה.

דער סעקרעט דערביי איז, אַז ווען מען שפּילט קעגן יידן אין שנאה, ווערט מען ניט נאָר אַ כמו־געשטאַלטגעבער, נאָר אויך אַ כמו־מיסטיקער. עס איז אַלעמאָל אַזוי. פון הייליקער געשטאַלטגעבונג קומט מען צו גאָט. פון געמיינער געשטאַלטגעבונג קומט מען צו אָפּגאָט. — אפילו אַזאַ מפיל־פּירערל, ווי דער רומענישער קאָדרעאַנו, איז אויך אַ „מיסטיקער" געווען. ער פלעגט מערדערן מיט אַ צלם אין האַנט. דערציילט וועגן אים דר. שלמה ביקל. — „זיין נאַציאָנאַליסטישע התלהבות איז דערגאַנגען ביז צו מיסטישן שטות. זיינע נאָכפאָלגער זיינען געווען ביז צו וואַנזין פאַנטאַזירטע חסידים".

אָבער מיין שטאַרקסטע ראיה דערויף איז בעניטאָ מוסאָליני — דער חילוק צווישן מוסאָליניס פאַשיזם און היטלערס נאַציזם — מוסאָליני איז אַ בעסערער און גרעסערער אַקטיאָר פון היטלערן. ער קאָן די גאַנצע פאַרצייטיקע רוימישע פּראָזע אויף אויסנווייניק. האָט אַ רוימישער סענאַטאָר — קאַטאָ — געטענהט: — קאַרטאַגאָ מוז פאַרלענדט ווערן! — דעקלאַמירט ער עס איבער: — בריטאַניע מוז פאַרלענדט ווערן! און ער האָט אַ פּנים, וואָס לאָזט זיך גרימירן. און ער האָט אַ פאַרטיקע צעזאַר־ראָליע. שטעלט ער אָן זיין מאָרדע אויף צעזאַרן, אָבער מער ווי

די מאָרדע זעט זיך ניט אַרויס. — און ער איז געבילדעטער פון היטלערן. האָט מער טעאָריע און אידעאָלאָגיע. אַ תּלמיד פון סאָרעלן. אַ סינדיקאַליסט. זיין „קאָרפּעראַטיווער שטאַט" איז די איבערזעצונג פון סינדיקאַליזם אין פאַשיזם. אָבער זיין אידעאָלאָגיע איז קיין תּורה ניט געוואָרן ווי דער באַציזם אויף צו פאַרכאַפּן די מאַסן מיט די ראָסן. — פאַרוואָס אַזוי? ער האָט ניט געהאַט גענוג יידן, וואָס זאָלן אונטער צוואַנג, רציחה און הריגה, אים „אַרויסהעלפן". געשטאַלטגעבער פון דעם שוואַרצן מין מוזן האָבן יידן־שנאה פאַר זייער פינצטערער אינספּיראַציע. און ווען ער האָט מיט פאַרשפּעטיקונג איבערגענומען היטלערס יידן־שנאה־פּראָזעאָלאָגיע, האָט עס אויך קיין פּעולה מיט אים ניט געטאָן. ביי די איטאַליענער, וועלכע זיינען היפּשע יאָרהונדערטער פאַרנומען געווען מיט זינגען און שפּילן, האָט זיך אויסגעוועפּט די מיטלאַלטערליכע שנאה צו יידן. קענען זיי ניט, די איטאַליענער, אויף מוסאָליניס באַפעל, איבערחזרן דעם פאַרצייטיקן טריאומף־צוג פון רוים אויף גריכנלאַנד.

הייסט עס, אַז היטלער איז דורך שנאה צום יידן געוואָרן אומבאַזיגבאַר? אַ, ניין! דיזעלבע שנאה שטעלט אַ גרענעץ צו זיין נצחון און קען איינס־צוויי אים פאַרוואַנדלען אין מפּלה. און זי רוקט זיך שוין אויף אים. די געשטאַלטגעבונג, מיט וועלכער מען נעמט זיך אָן דורך שנאה, איז אַ פּסולע. מען נעמט זיך אָן בלויז מיט דער אויסערליכקייט פון אָביעקט פון שנאה. שנאה פרעסט אַריין דעם נעגאַטיוו פון געשטאַלט — איר פאַרקערטע אָפּשפּילונג. עס איז אימיטאַציע — אימיטאַציע צום סאָציאַליזם, אימיטאַציע צו געשטאַלטגעבונג. עס איז גאָרניט, עס איז טייוול, וואָרים טייוול איז גאָרניט, וואָס וויל ווערן אַ יש, און ער קאָן אַנדערש זיך ניט האַלטן. סיידן ער האַלט זיך אין איין אויפבלאָזן, אין איין אויפשרויפן זיך אַליין. דערפאַר אַזאַ מהומה, אַזאַ מישעניגע אין די מוחות ביי די קלאַסן און מאַסן, וואָס ווערן באַפאַלן פון היטלערישן טירוף.

און גייט ער איצט אימיטירן, אָפּקאָפּירן דעם יידישן גאָט, מוז עס זעלבסטפאַרשטענדלעך ווערן גאָט־טייוול — אָפּגאָט — אָפּגאָט־בעסטיע, אָפּגאָט־חיה־רעה. — און דאָס איז וואָטאַן — דער הויפּט־געץ פון פאַרצייטיקן דייטשן געצנטום (דאָס געצנטום איז סיי־ווי געלעגן נאָענט צום האַרצן דעם דייטש, וויפיל ער האָט זיך ניט געקריסטלט און ציוויליזירט) און דאָס איז אויך זיין אייגענע חכמה ניט געווען, נאָר די יועצים זיינע, מיט זיין הויפּט־בעל־יועץ אין פראַגן פון פילאָסאָפיע און רעליגיע, אַלפרעד ראָזענבערג, האָבן אים די חכמה איינגעגעבן: „פאַרוואָס האָבן די

פאַרצייטיקע פעלקער ניט געקענט באַשטיין קעגן יידישן פאָלק? ווייל זיי האָבן זיך געלאָזט אַריינטריפן אַן אָפּשפּריץ פון יידישן גאָט. דאָרום פאַרנעם זיך אויפן יידישן גאָט מיטן קריסטליכן צוזאַמען, פיר דעם שטרייט פון וואָטאַנען קעגן זייביידן”. — די יועצים זיינע האָבן אים די ראָליע אויפגעגעבן. און ער, דער אַקטיאָר, שפּילט די ראָליע — און דערפון זיין הצלחה. די אָפּיציעלע נאַצישע רעליגיע איז אומקער צום געצנטום, קאַמף קעגן יידנטום און קריסטנטום — מיט דער הויפּט־מצוה: ברוטאַליטעט. — גאָט אויף צו להכעיס: פון לא תרצח — תרצח! עס איז אַ מצוה צו הרגענען פאַר דער גלאָריע פון וואָטאַן און היטלער. מערדער דעם שטאַרקן, זשאַלעווע ניט דעם שוואַכן, דערענדיק אים — מאַכט אים רעכט! און עס זענען איינגעפירט געוואָרן פאַר דער יוגנט די פאַרצייטיקע געצנדינערישע שפּילן. דער יוגנט־בונד „קראַפט דורך פרייד” האָדעוועט זיינע מיטגלידער פאַר הענגסטן צו באַלויפן ווייבער.

דאָס גיט ער דער דייטשער פרוי: הענגסטן! דורך דעם וואָטאַן־געצנטום, מיט היטלערן אַלס אָפּגאָט־פירער, איז אָבער דערצויגן געוואָרן די יוגנט וואָס גיט ניט נאָר הענגסטן, נאָר אויך פאַראַשוטיסטן — און זיי זיינען מנצח.

אַ געגנבטע, אַ געגזלטע געשטאַלטגעבונג, אַ ברוטאַלע אימיטאַציע פון דער שם המפורשדיקער געשטאַלטגעבונג — געשטאַלטגעבונג איז אַ טריפענעם איינפּאַס — אָבער עס אַרבעט אומגעהייער — צו אונדזער אומגליק. עס באַווייזט טייוולשע וואונדער.

יאָ, טייוולשע וואונדער! ניט אמתע מענטש־געשטאַלטונג, אַ פאַלסי־פיצירטע, מיט דעם הויפּט־געבאָט, אָנשטאָט מענטש־באַשאַף — מערדער דעם מענטשן! אָבער עפּעס טוט ער דאָך מענטש־באַשאַף, רחמנא לצלן, דעם גרעבערן, לומפּיקן טייל פון מענטשן אויפגעכאַפּט — באַשאַפט ער דאָך זכרים־הענגסטן און מחבלים־פאַראַשוטיסטן — ציט ער אָן די סטרא אחרא פון קדושה, מינעט זיך טומאה מיט קדושה, שווינדלט פאַר די אויגן דער שקר מיטן אמת אינאיינעם, עפּעס גליטשיקעס, ניט צו כאַפּן — איז דאָס טייוולשקייט, פון טייוול — זיינען דאָס טייוולשע וואונדער.

און ער האָט זיך אַריינגעשלעפּט אין געצנדינערישן מיסטיציזם. די אימיטאַציע צו דער שם המפורשדיקער געשטאַלטונג גיט אים די אימי־טאַציע צו רוח הקודש. ער רעדט צו גאָט. ער דערמאָנט אַזוי אָפט די השגחה, וואָס פירט אים, מיינענדיק דעם אָפּגאָט וואָטאַן אָדער גאָר זיך אַליין. ער איז וואָטאַנס כהן גדול.

ער איז דער אורוואַלד־מכשף, דער הייליקער „מעדיצין־מאַן”. אין זיינע אינטימע געשפּרעכן מיט רווישנינגען פלעגט ער זיך באַרימען, אַז ער קען די קונסט פון דער שוואַרצער און ווייסער מאַגיק.

(און היטלערס אימיטאַטאָרס אין אַמעריקע ווייזן דיזעלביקע סימנים: — טייוולשקייט, גליטשיגקייט, דער אויגן־שווינדל מיט שקר און אמת, טריפּענער כישוף. קאַגלין קריסטלט, פאַררעדט הונגעריקע בייכער מיט הייליקע שקר־שפּרוכן און זיי צאַלן אים דערפאַר מיט זאַטע ממתקים. וויליאַם פּעלעי איז אַ מכשף, אַ מעדיום, אַ העלזעער, אַ טרעפער — און טרעפט צו די פאַקעטבוקס פון אַלטע ווייבער. — און עס טייוולט זיך אַפילו ביי וואַנגערן אין די גריבער פון זיין גאונישן געמיט, אין די פינצטערע שפּאַלטן פון זיינע אָפּערעס.)

און האָבנדיק שוין פריער צוגענומען פאַר זיך די ידישע וועלט־מיסיע, די משיח־ראָליע, האָט ער איצט געכאַפּט און איבערגעגעבן יהוהס פונקציע — צו רעגירן די וועלט — צו זיין אָפּגאָט וואָטאַן — און ער האָט זיך אָנגענומען מיט טאָפּלטן אימפּעט פאַר אַ פאַרמעסט אויף דער גאַנצער וועלט... — ער לאָזט דעם אָפּגאָט שפּילן קעגן גאָט פון באַרג סיני און אַליין שפּילט ער דעם אָפּגאָט־ממזר זיגפריד קעגן ידישן משיח... די גאַנצע וואַגנער־אָפּערע פון די פינצטערע היילן פון אורוואַלד פירט ער אויף אין אַן אימהדיקן וועלט־ספּעקטאַקל!

אָט צו וואָס ער דאַרף מאַטערן ביז שפיכת דמים דעם קאַנ־קרעטן יידן — אויפצושפּילן אַ געץ, אַ פאַהייליקטע, פאַרגעטערטע חיה רעה קעגן גאָט פון באַרג סיני; אויפצושפילן אַ וואַלד־קעניג, אַ דערלייזער מיט האַק און שפּיז קעגן ידישן משיח. אַ וואַלד־גזלנס, אַ פעלדפּעבלשער משיח! אַן אשמדאי־משיח!

אָבער איז דען דער ידישער גאָט ניט שטאַרקער פון יעדן אָפּגאָט? דאָס איז די מעשה: וואָטאַן האָט געפונען דעם ידישן גאָט אַן אָפּגע־שוואַכטן דורך דעם אָפּגעשוואַכטן גלויבן אין אים. גאָט איז אַזויפיל שטאַרק און באַווייזט אַזויפיל גבורה, וויפיל מען גלויבט אין אים. די אומגלויביקע יידן פרעגן: וואו איז דער ידישער גאָט מיט זיינע גרויסע מעשים? און אינדזערע גלויביקע האַרכן און שווייגן: טאַקע וואו איז ער?

אָבער קיינער וועט מיר ניט וועלן גלויבן, אַז דאָס איז דער סעקרעט פון היטלערס הצלחה: — אַז ער האָט פאַר זיין גלויבן אין אָפּגאָט וואָטאַן געגעבן באַשטעטיקנדיקע מעשים; און פאַר דעם גלויבן אין ידישן גאָט זיינען קיין באַשטעטיקנדיקע מעשים ניט געווען...

און אָט איז דער גאַנצער סעקרעט, וואָס איך בעט ניט אַזוי גיך

אויסצוזאָגן די אַפּיקורסים, זיי זאָלן אים ניט פּטרן פאַר דער צייט; גאָט לעבט. וואָרים אַלץ לעבט, וואָס שלאָגט זיך אָפּ ווי אַ שאָטן פון מענטשנס לעבעדיקן גייסט. אפילו אַן אָפּגאָט לעבט, כל זמן מען גלויבט אין אים, און קרבנות ווערן פאַר אים געבראַכט. און ער, דער יידישער גאָט, וועלכער איז די העכסטע אויסשטרעקונג פון מענטשליכן גייסט און פאַר וועלכן די גרעסטע קרבנות זיינען געבראַכט געוואָרן, לעבט אַוודאי און אַוודאי, און ער איז שטאַרקער פון אַלע אָפּגעטער.

עס וועט ניט זיין קיין טיוולשער היטלער־נצחון! טייוול איז גאַרנישט. און אשמדאי איז גאַרנישט. און אַזוי אויך וואָטאַן. און אַזוי אויך היטלער. היטלערס טיוולשע געשטאַלטגעבונג איז אַ ליידיקייט, אין וועלכער עס האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַ פונק — און זי נעמט־אָן דעם שיין פון עפּעס. (די לאַך פון בייגל נעמט אָן דעם שיין פון בייגל). — חיה רעה, ברוטאַליטעט איז שטויסקראַפט, טרייב־קראַפט פאַר אַ ווייל. און זי נעמט זיך באַלד אויס. עס איז הוילער נעגאַטיוו, פאַרלייקענונג, צעשטערונג — קיין פּאָזיטיווער צוגאָב ניט צום מענטשן, קיין פּאָזיטיווער כח ניט. דער נעגאַטיוו האָט זיך אָנגענומען מיט צייטווייליקער קראַפט, ווייל ערגעץ־וואו איז אַ פּאָזיטיווער כח אָפּגעשלאָפט געוואָרן. און ווייל אַ נעגאַטיוו, אַ ליידיקייט, אַ גאַרנישט, דאַרף היטלער אַלץ שטאַרקער בלאָזן פוסטן ווינט — ער טאָר זיך ניט אָפּשטעלן! — ביז עס וועט פּלאַצן. —

וואָטאַן קעגן גאָט. פּאַמעסט מיט חיה רעה אויף גאָט. אָבער חיה רעה וועט קעגן גאָט ניט בעשטיין. חיה רעה וועט זיך אַליין צעשטערן. היטלערס אַלע אייזערנע גוואַרדיעס וועלן זיך אַליין צעמערדערן.

מיר האָבן פאַרפלאַנצט די זריעה פון גאָט, אַ פונק פון גאָטס יושר, אַ גלי פון מענטש־באַשעפערישן שם־המפורש אפילו אין דער חיה־רעה. וואָס איז צוגעקומען דעם מענטשן איבער חיה־רעה — און הויפּטזעכליך פון יידישער אָפּשטאַמונג. ווער עס פאַלט צוריק צו דער חיה־רעה, ווערט אַן אוממענטש קעגן זיך אַליין, אַ זעלבסטצעשטערער.

מיר זיינען אין באַזיץ פון אַ וועלט־כח — גלויבט איר עס ניט? — היטלער באַווייזט עס.

ווי וואונדערלעך וואָלט געווען, ווען מיר דערשפּירן, אַז גאָט פירט פאַר אונדז די מלחמה מיט היטלערן!

בתנאי און בתנאי מיר זאָלן אָנטקעגנטאָן היטלערן, וואָס ער האָט אונדז געטאָן — אַרויסשטעלן אַן אַנטי־היטלער — אַ געשטאַלטגעבער, אַ מענטש־באַשעפער מיטן שם הויה. ערשט יעמאָלט, ווען מיר וועלן

דערהויבן אונדזער אַנטי־היטלעריזם ביז צו אַ רעליגיעזער מדרגה — ביז צו דער שפּירונג, אַז גאָט — דער לעבעדיקער סימן פון אונדזער אייגענער לעבעדיקייט — לעבט! — ערשט יעמאָלט וועט דער גאָט פון באַרג סיני, וואָס האָט אָנגעצונדן דעם פּונק אייביק לעבן אין יעדן יידן, וואָס איז ביים באַרג סיני געשטאַנען — ווידער נעמען אַרבעטן פאַר אונדז און שלאָגן — דערשלאָגן דעם שאָטן, וואָס האָט זיך אָפּגעשלאָגן פון אים, דעם שטן, דעם משחית, דעם אָפּגאָט, דעם געץ!

אַז מיר וועלן זיך גרייטן, אים אַרויסצורופן, און קרבנות ברענגען — וועט ער זיך אָפּרופן.

דער יום־טוב ספּעקטאַקל

אַלס הויפּט־אינסטרומענט פון יידישער קולטור־שאַפונג

איך האָב דאָס געשריבן צו דער 15טער יובל־אסיפה פון יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד אין פילאַדעלפיע, און איך שרייב עס איצט נאָך אַמאָל צום 20־יאָריקן יובל: דער פאַרבאַנד איז פּראַקטיש די פאַסיקע אָרגאַניזאַציע און ער האָט די נויטיקסטע מיטלען פאַר דער ווי־דער־אויפשטעלונג, פאַר דער ווידער־אויפריכטונג פון די פאַנאַנדערגעפאַלענע יידישע ימים־טובים.

זייט פאַר פינף יאָר איז דאָס פּראָבלעם — די באַנייאונג פון יום־טוב — אריינגענומען געוואָרן אין פּראָגראַם פון יעדער יידישער קולטור־גרופּירונג; עס איז געוואָרן זייער דרינגענדיקסטע פראַגע אויף דער טאָג־אָרדנונג, אָבער כמעט ווי גאָרנישט איז דערוויל נאָך געטאָן געוואָרן צו דער פאַר־יום־טובאונג פון אונדזערע וואָכעדיקע טעג.

פון מיין שטאַנדפּונקט דאַרף עס ווערן אונדזער הויפּט־פּראָבלעם; עס דאַרף אריבערשטייגן אין וויכטיקייט אונדזערע אַלע אַנדערע קולטור־פּראָבלעמען; וואָרום דער יום טוב ספּעקטאַקל גיט אַן ענטפער, וואָס שליסט איין אין זיך ענטפערס אויף אַ ריי פאַרשאַלטענע און אַנגעווייטאָקטע פראַגן אונדזערע:

אין אים איז פריער פון אַלץ דאָס מקוים ווערן פון שעפערישן יידישן וואָרט; אין אים איז די קרוינונג פון דער יידישער ליטעראַטור. דאָס טייערסטע וואָס מיר פאַרמאָגן — דער יידישער גייסט און שאַפונגס־פּראָצעס — ווערט דאָ, אין אַ פייערלעכן שפּיל דירעקט געטראָגן צום עולם, וואָס זאָגט זיך אָפּ צו לייענען דאָס געשריבענע אויפן פּאַפּיר.

פאַר איינוועגס איז דאָס שוין דער ענטפער אויף דער פראַגע פון יידישן בוך, וואָס איז אומפאַרקויפבאַר.

גלייכצייטיק איז דאָס דער ענטפער אויף דער פראַגע וועגן יידישער דערציאונג, וואו מיר זיינען אַלע צוזאַמען אריינגעפאַלן אין אַ קלעם: דער ווידערשפּרוך צווישן דער שולע און דער סביבה, פון גאַס און היים עסט אויף די פּרוכט פון דער גאַנצער לערערשער האָרעוואַניע; דאַרפן

די עלטערן, צוזאַמען מיט די קינדער, די לערער צוזאַמען מיט זייער אונטערריכט אריינגענומען ווערן אין אַ יום־טוב שפּיל — ווערט אַ נייע געהויבענע סביבה — אַ שותפותע ביי די לערער, קינדער און עלטערן — אויפגעשפּילט ווערן; און דורך וועכענטלעכע אָדער חודשלעכע ווידער־האָלונגען ווערט עס האָבן כוח זיך צו האַלטן.

עס איז אויך דער ענטפער אויף דער פראַגע וועגן יידישן טעאַטער, וואָס האָט פאַר אונדזערע אויגן זיך אויסגעשפּילט; אפילו דער בעסערער טעאַטער איז איצט געצוואונגען צו האַלטן זיך אויף די ברעגן פון שעטנז. יום־טוב איז דער טעאַטער פאַרן הונדערט־טויזנט־קעפּיקן עולם, וואָס איז אויסגעהונגערט נאָך יענעם גרויסאַרטיקן שפּיל, וואָס ער פלעקט אַמאָל אַליין מיטמאַכן. ווען דער טעאַטער פאַר יום־טובדיקע ספּעקטאַקלען וואָלט אָנגעשטעלט געוואָרן — איך וואָלט עס אָנגערופן דער צערע־מאָניאַל־טעאַטער — וואָלט אין זכות פון אים דער גאַנצער יידישער טעאַטער — און אַלע זיינע פאָרמען — אויפגעשטאַנען תחית־המתים.

ועל כולם איז עס אויך דער ענטפער אויף דער פראַגע וועגן דער יידישער יוגנט, וואָס אפילו איר בעסערער טייל — אין אונדזערע ראַדי־קאַלע, פּראָגרעסיווע, וועלטלעכע און נאַציאָנאַלע שולן דערצויגענע יוגנט — מאַכט אויך פּליטה, ווי זי וואָלט קיינמאָל קיין יידישע דערציאונג ניט דורכגעמאַכט, פאַרגעסנדיק כהרף עין אַלץ וואָס זי האָט געלערנט. ווען די פיינסטע פּראָדוקטן פון שעפעריש־טעטיקן יידישן גייסט וואָלטן אויפ־געהויבן געוואָרן פון דעם יום־טובדיקן צערעמאָניאַל־טעאַטער, וואָלטן זיי זיך אָנגעזען ווייט איבער די גרעניצן פון אונדזערע סעקאָנד־עווענוס. זיי וואָלטן אַריבערגעשיינט אפילו ווייט איבער בראָדוויי. אויף אַזאַ אופן וואָלטן מיר פאַרלאָפן דעם וועג דער יוגנט, און זי צוריקגעבראַכט פון די מקומות, וואוהין זי איז אַנטלאָפן, און די אויפגעפירטע ווערק גופא, האָבנדיק אַ ברייטערן, אַ קאָנטינענט, אַ וועלט־אַדרעס, וואָלטן במילא שוין דורך דעם אַלץ געשטיגן אין וויכטיקייט, אין פאַרנעם, אין פאַרמעסט.

מיט איין וואָרט, דער יום־טוב ספּעקטאַקל קאָן און דאַרף ווערן דער הויפּט־אינסטרומענט פון אונדזער קולטור־שאַפונג — מער פון בוך, שולע, לעקציע און פעריאָדישע שריפט; מער פון זיי אַלעמען צוזאַמענ־גענומען. אויב קולטור, די פאַרשפּרייטונג פון קולטור, דער קיום דורך קולטור, דער נצחון מיט קולטור איז פאַר אונדז אַזאַ בלוטיקער ענין, ווי מיר שווערן עס טעגלעך, דאַרף דער יום־טוב ספּעקטאַקל ווערן אונדזער ערשטע, באַלדיקסטע, היינט־מאָרגנדיקע אונטערנעמונג — דאָ אין לאַנד פריער פון אַלץ. און איך גלויב, אַז מערערע פון אונדזערע קרייזן וועלן

דערמיט מסכים זיין. וואָס זשע איז דער אָפּהאַלט? אויב די אידייע איז אַזוי לאַנג שוין אין אונדזערע פּראָגראַמען און אויף דער טאָג־אָרדנונג — פאַרוואָס זשע בלייבט זי נאָך אַלץ אין דער סטאַדיע פון גוטע וואונטשן און גייט ניט איבער אין מעשים? דער עיקר וואונדערט עס מיך אויפן פאַרבאַנד, וואו עס הערשט כמעט איינשטימיקייט וועגן דער פראַגע פון נויטיקייט פון יום־טוב, און וואו דער באַדאַרף פאַר יום־טוב דערטראָגט זיך צום צענטער פון יעדן ווינקעלע פון לאַנד — דער פאַרבאַנד, וואָס האָט אַזויפיל טעטיקייטן און געלעגנהייטן, וואָס בעטן זיך געפּייערט צו ווערן און וועלכער האָט מערערע פאַרזוכן געמאַכט אין דער ריכטונג און האָט די פּאַסיקע מיטלען און מענטשן — וואָס זשע שטערט דאָ דעם אי־בערגאַנג פון טעאָריע צו פּראַקטיק?

גלויב איך, אַז די מניעה איז געווען אין דעם פאַלשן צוגאַנג צום פּראָבלעם. עס איז געווען דער צוגאַנג, פון א י מ י ט א צ י ע — פון נאָכמאַכן די ימים־טובים פון אַמאָל, די ימים טובים פון די אַלטע.

דער כבוד פון באַגיין דעם ערשטן טעות באַלאַנגט, לכל הדעות, צו אונדזער געערטן לערער און טעאָרעטיקער דר. חיים זשיטלאָווסקי. מיט זיין גרונט־אידייע, וואָס איז פון אים באַצייכנט געוואָרן אַלס די פּאָעטי־שע ווידערגעבורט פון רעליגיע — אַז געטער שטאַרבן מיט זייערע רעליגיעס, און דורכמאַכנדיק אַן איבערגאַנגס־צושטאַנד פון גסיסה שטייען זיי אויף תחית המתים אין דער פּאָעזיע — האָט ער אונדז אַלעמען פאַר־פירט. עס האָט געהייסן: גאָט, וואָס האָט געמאַכט די ימים־טובים צו געבאָט, איז געשטאָרבן; מאַכן מיר אים צוריק לעבעדיק אַלס אַ פּאָעטישן סימבאָל און מיר פּראַווען ימים־טובים מחמת שיינקייט.

איז אַוועק אַ סדרה פון ראַדיקאַלע סדרים, וועלכע האָבן געגאָלטן כל זמן די מאָדע איז געווען פריש, און האָבן אלץ ווייניקער געקומען גילטן, ווען די הגדה מיט די קניידלעך האָבן זיך צוגעגעסן, ביז זיי זיינען דערפירט געוואָרן צו לעכערלעכקייט און חיזק־מאַכעריי.

אימיטאַציע מוז זיך אויסשעפּן. די גאַנצע גבורה פון דעם אַלטן יום־טוב איז געווען, וואָס דער גלויביקער האָט אים אויפגענומען אין פולן ערנסט, אַלס אַ הייליקן אמת פאַר אים גופא — אויב ער האָט זיך אַליין ניט אָפּגעגעבן קיין פולן חשבון, וואָס דער יום־טוב מיינט פאַר אים, האָט די טראַדיציע עס געטאָן פאַר אים. אָן דעם פולן ערנסט, אָן דעם פאַרהייליקטן אמת לאָזט זיך קיין יום־טוב נישט מאַכן. אויב מיר ווילן יום־טוב פאַר זיך, מוז ער מיט זיך סימבאָליזירן אַ גרונט־אמת פאַר אונדז; אניט איז דאָס אַרימע קאָמעדיע, וואָס לאַכט זיך באַלד אויס

— און די פייערלעכקייט ווערט אויסגעלאָשן, אידער נאָך זי האָט זיך רעכט צעצונדן.

אַ שריט נעענטער צו ערנסט און אמת — אָבער נאָך אַלץ אימי־טאַציע — האָבן געמאַכט די יעניקע, וועלכע זוכן צו אימיטירן די אַלטע ימים־טובים ניט אויס עסטעטישע בלויז, נאָר אויך נאַציאָנאַלע מאָטיוון. די ימים־טובים זיינען פאָלקס מנהגים. מיטפייערנדיק זיי, באַשטעטיקן מיר אונדזער צוגעבונדענקייט צום פאָלק. און דאָס מיינען זיי זייער ערנסט. און זיי בעמען אויך אָן דעם אמת, וואָס איז פארזיגלט אין יעדן יידישן יום־טוב — ווייניקסטנס דעם קרן פון דעם אמת. און דער קערן איז — די אידייע פון נאַציאָנאַלן קיום. דער יום־טוב פאַרקערפּערט די אמונה פון יידישן פאָלק און זיין ווייטערדיקן קיום; מיט דער אמונה פּרע־זערווירט זיך אויך די נאַציאָנאַלע ענערגיע, וואָס גיט דעם כוח צו זעלבסט־דערהאַלטונג. און וויבאַלד דעם קערן האָבן זיי, די נאַציאָנאַליס־טישע יום־טוב־נאָכמאַכער, אָנגענומען, האָבן זיי שוין אָנגענומען די שאָלעכץ ארום דעם קערן — די פאָרמע פון יום־טוב. און דאָ הויבט זיך אָן די אימיטאַציע, וואָס מאַכט אַ תל פון דער גאַנצער אונטערנעמונג.

ווייל די יידישע ימים־טובים זיינען א לבוש ניט סתם אויף דער פאָלקס־אמונה אין זיין קיום, נאָר אין אַ גאַנץ באַשטימטער פאָרמע פון קיום. די פולע אמונה פון פאָלק רעדט דורך די ימים טובים בזה הלשון:

דעם יידישן פאָלק איז באַשערט אויסגעלייזט צו ווערן, און דורך זיין אויסלייזונג אויך די פעלקער אויסצולייזן, צו וועלכע די יידישע תורה וועט נאָך אַמאָל געגעבן ווערן דורך דעם אויסגעלייזטן יידישן פאָלק — דאָס איז דער משיח־גלויבן.

און נאָך קאָנקרעטער רעדט דעם פאָלקס אמונה:

פונקט ווי גאָט האָט פאַרצייטן אויפגעלייזט די יידן פון מצרים, און האָט זיי געגעבן אַ תורה אין דעם מדבר, און צוזאַמען מיט דער תורה זיי געבראַכט קיין ארץ ישראל, וועט ער זיי צוריקברייננגען קיין ארץ ישראל, צו זייערע אייגענע פעלדער און וויינגערטנער, און עס וועט מקוים ווערן כי מציון תצא תורה.

דאָס איז פאַר דעם פרומען יידן דער היסטאָריש־נביאישער, פון עבר אויפן עתיד אָנווייזנדיקער זין פון די הויפט ימים־טובים, וואָס זייער פאַר־היסטאָרישער ערדישער אורשפרונג זאָל ניט האָבן געווען זיין. און לויט אָט דער פולער פאָרמולע פון פרומען יידנס אמונה זיינען געפורעמט די יידישע ימים־טובים: פסח, סוכות, שבועות (און אויך שמחת תורה) — וועלכע זיינען אויך הויפטזעכלעך די ימים־טובים, וואָס די נאַציאָנאַ־

ליסטישע בעלי תשובה ווילן מיטפייערן מיטן פאָלק (ראש השנה און יום כפור, וואָס פאַרלאַנגען אַ פערזענלעכן דין וחשבון מיט גאָט, וואָס דאָס קאָן ניט געמאָלט זיך אָן אַ לעבעדיקן גלויבן אין גאָט, נעמען זיי זיך ניט אונטער נאָכצומאַכן).

אָבער ווי אויפריכטיק זייער כונה זאָל ניט זיין, די נאַציאָנאַליסטישע מיטפייערער פון יידישן פאָלקס יום־טוב נעמען דאָך ניט אָן די פולע פאָרמולע פון פאָלקס־אמונה, נאָר אַ העלפט אָדער אַ דריטל דערפון — סתם קיום מיט אָדער אָן ארץ ישראל; די אנדער העלפט אָדער צוויי־דריטל איז ביי זיי אימיטאַציע. וואָרום אפילו ווען זיי נעמען אַריין ארץ ישראל אין זייער גערדאַנקען־גאַנג, איז עס ביי זיי אויף אַ ריין מענטשלעכן שטייגער — אַ יידישע הײם, אַ יידישע מלוכה — אָן דער נבואה, אָן דעם באַגלייטנדיקן משיח גלויבן, אָן גאָטס נדר צו מאַכן דאָס אויסגעלייזטע פאָלק פאַר זיין ווערקצייג אויף אויסצולייזן אַלע פעלקער (דערפאַר טאַקע איז די שטאָק־פרומע אגודה אזוי ביטער קעגן דער ציוניזירונג פון ארץ ישראל). און אויב די נאַציאָנאַליסטישע אימיטאַטאָרס לאָזן זיך איבער בלויז אַ העלפט אָדער אַ דריטל פון דעם קערן פון יום טוב, איז עס נאָך ערגער ביי זיי מיט דער פאָרמע פון יום־טוב. וואָרום דוקא די פאָרמע איז אַ לבוש אויף דער פולער אמונה. איז די פאָרמע פון יום־טוב ביי זיי כולה אימיטאַציע.

דערפאַר טאַקע קאָן עס ניט און וועט עס ניט אַרבעטן. בפרט, ווען ביים פאָלק האָט דער קערן פון יום־טוב — די אַלטע אמונה — זיך שוין אויך אויסגעגעסן. עס יום־טובט זיך מער ניט ביים פאָלק, ווי אַמאָל. נאָר אויף די קינדער אין די תלמוד תורהס זוכט מען קינסטלעך אַרויפ־צוווינגען, וואָס די עלטערן היטן שוין אליין ניט אָפּ. קאָן דאָס שוין אַ ממשות האָבן! — אָן אמת, וואָס ווערט גלייך ליגן אין קינדס הײם.

נאָר יואל ענטין און פּ. גינגאָלד אין אייערע רייען, און לייבוש לערער און י. שטיינבוים ביי די „שלום־עליכמניקעס", און דאַכט זיך אויך א. גאָלאָמב, דער געוועזענער דירעקטאָר פון געוועזענעם יידישן לערער סעמינאַר אין ווילנע, וועלכער איז איצט אין ארץ ישראל — וועלכע שטייען אַלע צוזאַמען אויף אָט דער מדרגה פון נאַציאָנאַליסטי־שער אימיטאַציע — זיי זיינען מקנא די תלמוד תורהס; זיי זיינען חושד, אַז דאָרט האָבן זיי אַ קערנדל פון דעם אייביק יידישן קערן — די אמונה אין קיום — און זיי פרואוון נאָכיאָגן און דעריאָגן די פרומע מיט בר מצוהס און בריתן און קדיש און קידוש... עס איז אַרויס־געוואָרפענע אַרבייט!... זאָלן זיי עס אויספּרובירן פריער אויף זיך

פערזענלעך, און זען צי זיי וועלן עס קאָנען מיטמאַכן אָן לצנות איבער זיך אַליין, און דעמאָלט ערשט זאָלן זיי עס אָנמעסטן אויף די קינדער.

אימיטאַציע איז פּרוכטלאָז. מיר דאַרפן זיך פאַרווערן יעדע אימי־טאַציע. וואָס עס איז ניט אמת פאַר אונדז אַליין, טאָרן מיר אויף קיינעם ניט ארויפצווינגען, אויף קינדער אודאי ניט. דאָס וואָלט געווען ממש פאַרברעכעריש. ימים־טובים זאָלן עס זיין, דורך וועלכע מיר פייערן די אמתן, וואָס זיינען אונדז אַליין הייליק און טייער. אויב אפילו מיר ווילן נעמען די מאָטיוון פון די אַלטע ימים־טובים, דאַרפן זיי גלייך איבערזעצט ווערן אין אונדזערע אמתן פון היינט און מאָרגן.

אָבער ווי אזוי מאַכט מען דאָס? לאָמיר אַלע צוזאַמען זיך צוקוקן ווי אזוי דאָס פאָלק מאַכט יום־טוב. עס איז אַ וואונדערלעכע קונסט, וואָס האָט אירע מאַגישע סעקרעטן. אַנשטאָט מקנא צו זיין דעם פרומען פאָלק, אַנשטאָט צו פּרואוון נאָכמאַכן זיינע אַלטע ימים־טובים אין ליג־נערישן געמיט, לאָמיר בעסער אויסשפּירן די סעקרעטן פון זיין יום־טוב קונסט, און פאַראַרבעטן זיי אין פאָרמען, וואו מיר וועלן ניט דאַרפן פעלשן אין די אמתן, אין וועלכע מיר אַליין גלויבן...

דער ערשטער סעקרעט איז גלייך אויף דער האַנט — אויבן אויף: דעם פאָלקס יום־טוב איז באַזירט אויף אַ גרונט־אמת; אויף אַן אמת, וואָס איז פאַר אים פון גרונט־וויכטיקייט פון ריזיקן ווערט; אויף גורל־אמת, אויף דעם אמת פון היסטאָרישן באַפעל — עס איז באַשערט דעם יידישן פאָלק צו שפּילן אַ היסטאָרישע וועלט־ראָלע צווישן די פעלקער.

אויפן סמך פון דעם, וואָס פאַרצייטן איז געווען יציאת מצרים, און מתן תורה, און ארץ ישראל, מיט נביאים און משיחים, זאָגט זיך דאָס פאָלק צו אַ וועלט־ראָלע אין דער צוקונפט, צווישן די פעלקער — וואָס אָט די זיך אַליין צוגעזאָגטע וועלט־ראָלע — אונטער גאָטס גאַראַנטיע — פאַרבייט אים — און האָט אים פאַרביטן — טעריטאָריע, מיט מלוכה, מיט אייגענער עקאָנאָמיקע, און וואָס האָט אים ביז אהער אויפגעהאַלטן ניט ערגער, נאָר אַביסעלע בעסער, ווי אַנדערע פעלקער זייערע טערי־טאָריעס, מיט מלוכות און אייגענע עקאָנאָמיקעס. אָן דעם גרונט־באַזיס וואָלט די יידישע פאָלקס־מאַסע זיך אַזעלכע גרויסאַרטיקע ימים־טובים ניט געקאָנט מאַכן.

פאַרזוכט אין אייער דעראינערונג דעם טעם פון אַמאָלקן יידישן יום־טוב! איר וועט דערשפּירן דעם טעם פון דערהויבנקייט, פון קינפטיקע אויסגעלייזטקייט און דערלייזערישקייט. דער יום־טוב איז געווען אַן

איבערלעבונג פון דער נבואה אויף משיחס צייטן — מיט דעם געשיכט־לעכן הינטערגרונט אלס א באשטעטיקונג דערויף.

האבן מיר אין אונדזערע נייע אמתן אן עקוויוואלענט פאר דעם — עפעס אזוינס, וואס איז פאר אונדז פון גלייכן ווערט? האבן מיר א ווערט, וואס זאל זיך קאנען פארמעסטן מיט יענעם גרונט־ווערט, וואס האט געגעבן דעם פאלק א וועלט־ראלע צווישן די פעלקער? אויב מיר האבן ניט, דארפן מיר זיך געבן, דארפן מיר זיך נעמען — אין איינקלאנג מיט אונדזער אינסטינקט און געירשנטן באוואוסטזיין — אניט איז א ייד זיין זינגלאז פאר אונדז. מיר דארפן זיך געבן און נעמען א פירנדיקע ראלע אין דעם סאציאלן איבערבוי, וואס די וועלט מאכט איצט דורך. און אויף דעם זאלן מיר יום־טובן. און ווער פון אונדז איז אריענטירט אויף ארץ ישראל, דארף פון זיין ארץ ישראל מאכן א באזע פאר יענעם וועלט־איבערבוי — ניט גלאט א היימעלע, א מלוכהלע, צוגלייך מיט אלע לייטישע פעלקערלעך...

און צום גליק האט דאס שעפערישע, דאס קינסטלערישע יידישע ווארט איבערגענומען פון דער פארצייטיקער אמונה יענעם נביאיש־וויזיא־נערישן כוח, וואס פורעמט פנימער, וואס געשטאלטיקט פאלק און פעלקער און סדרט צוקונפט־ארדנונג. עס איז זייער קענטיק אין דער יידישער ליטעראטור, מסתמא ניט ווייניקער אין דער העברעאישער. עס איז דערווייליק נאך א ליכט־שפראץ — א פונק. דארף מען אט דעם פונק אויפכאפן, און העלפן אים זיך ארויסשיילן פון אלע פארנעפלטקייטן, און דערפירן אים ביז לויטערסטער זיכטבארקייט.

דארף מען דאס קינסטלערישע ווארט אונדזערס, וואס טראגט מיט זיך דערלייזערישן כוח איינשפאנען אין יום־טוב דינסט. יום־טוב איז דאס ווארט געבראכט צו 100־גראדיקער שטארקייט דורך אויפשפילן אים. מיר, די מאדערנע אין אונטערשייד פון די אלטע, קאנען שפילן. אויב די אלטע האבן געהאט די מעלה איבער אונדז, וואס זייערע גרונט־אמתן און גרונט־ערנסטן זיינען געווען געשטיצט אויף דער אמונה און גאראנ־טירט פון גאט, וואס דער גלויבן אין אים איז ביי אונדז, היינטיקע, אזוי שוואך — און יום־טוב האט זיך ביי זיי געהאלטן דורך שבועה און נדר, דורך דער מצוה פון אפהיטן אים — האבן מיר אבער א מעלה איבער זיי — וואס מיר קענען שפילן, ווען מיר ווילן און וויפיל מיר ווילן — און דורך קינסטלערישן שפיל כסדר באנייען און דערפרישן דעם יום־טוב פאר אונדז — און אזוי אים אויפהאלטן.

און דאס איז דער צווייטער סעקרעט, וואס איז ניט אזא אויבן־

אויפיקער — אַז די פֿאָרם פֿון יום־טוב איז שפּיל, טעאַטער־שפּיל — ספּעקטאַקל. דאָס איז האַנדלונג אויף אַן אויפגעהויבענער פּלאַטפֿאָרמע, אויף אַ בינע; האַנדלונג אויף אַ העכערן „פּלעין" (דער ענגלישער זין פֿון וואָרט און דער טייטש חומש זין פֿאַלן דאָ גליקלעך צונויף). האַנדלונג אין אַ וועלט פֿון פֿאַרגעשטעלטע, אויסגעפֿאַנטאַזירטע זאַכן און באַציאונגען. און דאָס איז שפּיל. דער איבערגאַנג צו שבת פֿון וואָך, דאָס זעצן זיך צום סדר־טיש, וואָס פֿאַרוואַנדלט זיך כהרף עין אין אַ היסטאָרישער מאַפּע; דאָס אריינטרעטן אין דער סוכה, וואו גלייך מיט דעם ערשטן שפּרייז איבערן שוועל ווערט פֿון אַ בידל אַ געצעלט — דאָס אַלץ איז האַנדלונג און שפּיל. שפּיל אין העכערן זין פֿון וואָרט, וואָס מאַכט פֿון עבודה — פּשוטע אַרבעט — עבודה — פֿייערלעכן דינסט; דאָס איז טעאַטער־קונסט, אָנגעווענדט אויף מאַסן און דורכגעפֿירט דורך מאַסן; דאָס איז יענע טעאַטער־קונסט, וואָס גייט פֿאַראויס דעם לעבן און שאַפֿט לעבן און וועלכע איז דער קערנדיקסטער תוך פֿון אַלע גרויסע היסטאָרישע געשעענישן; פֿאַרוואַנדלט אַ מאַניפֿעסטאַציע אין אַן אַקטאַבער־רעוואָלוציע, מאַכט פֿון אַ האַק און אַ רידל אַ קבוצה און שפּייזט און שטאַרקט דעם ציוניזם וטראָץ אַלע געזעצן פֿון לאָגיק און עקאָנאָמיק...

אין דער יום־טוב קונסט זיינען דאָ אַזויפֿיל פּסיכאָלאָגישע קונסט־סעקרעטן, וואָס האָבן זיך ניט געחלומט ניט די פּסיכאָלאָגן און ניט די קונסט־טעאָרעטיקער; דאָרט איז מער געשטאַלט־פּסיכאָלאָגיע, וויפֿיל די געשטאַלט־פּסיכאָלאָגן ווייסן; און אינסטרומענטאַל־פּסיכאָלאָגיע איז דאָרט דאָ, וועלכע איז דאַכט זיך נאָך אויף דער וועלט ניטאָ; און מער סוגעסטיע איז דאָרט דאָ, וויפֿיל ביי אַלע היפּנאָטיזיאָרן, פּסיכאָ־טעראַפּן און „געדאַנקען־היילער" צוזאַמענגענומען.

אָט די אַלע סעקרעטן דאַרף מען איינס ביי איינס אַרויסגנבענען און זיי פֿאַרנוצן פֿאַר דעם קינסטלערישן אויפֿשפּיל פֿון ימים־טובים.

וועט איר דאָך זאָגן, אַז ביז מיר וועלן אַרויסגנבענען די אַלע סעקרעטן פֿון דער פֿאָלקס יום־טוב־קונסט און ביז מיר וועלן אַרויס־צווינגען פֿון שעפֿערישן יידישן וואָרט די נבואה אויף אַ וועלט־ראָלע אין דער גאָר נאָענטער צוקונפֿט — און ביז מיר וועלן איבערשמעלצן די מאַטיוון פֿון די אַלטע יידישע ימים־טובים אין אמתן, וואָס זיינען גילטיק פֿאַר אונדזער היינטיקן און מאָרגנדיקן טאָג — וועלן דאָך אַזוי אַוועקגיין יאָרן — און דער יום־טוב קאָן דאָך מער ניט אָפּגעלייגט ווערן: וועז ניט איצט, איז שוין באַלד אויס יום־טוב — וואָס זשע טוט מען?

ענטפער איך: לאו דוקא! עס דאַרף ניט נעמען יאָרן. מיר קאָנען גלייך אָנהויבן.

ווייל מיר קאָנען שפּילן; ווייל מיר האָבן טעאַטער; און מיר האָבן אַלערליי קינסטלער. דערלאַנגען זיי יום־טובדיקע טעקסטן — און זיי וועלן שוין אונדז אויפשפּילן אַזאַ יום־טוב, אַז מיר וועלן אַלע פאַרכאַפּט ווערן.

אָבער וואו נעמען די טעקסטן — באַשטעלן ביי אונדזערע פּאָעטן־דראַמאַטורגן? באַפעלן זיי: דערלאַנגט אונדז, זייט אַזוי גוט, אַ טעקסט פאַר אַ צוקונפט־סדר! וועלן זיי תיכף ומיד אונדז פאָלגן! מה דאָך, זיי האָבן זיך נאָך ניט אויסגעלערנט ווי געהעריק צו שרייבן טעקסטן פאַר דעם טעאַטער, וואָס איז פאַר זייערע אויגן — צו גרויס איז דער מהלך צווישן זייער שאַפן און אונדזער טעאַטראַלישער ווירקלעכקייט — וועלן גלייך ביי זיי נעמען פליען טעקסטן פאַר דער יום־טובדיקן צערעמאָניאַל־טעאַטער, וואָס עקזיסטירט נאָך ניט! איז וואָס־זשע טאָן, ווען אונדזערע פּאָעטן־דראַמאַטורגן זיינען נאָך ניט פאַרטיק מיט זייערע טעקסטן? איז מיין אויספיר, אַז אָנהויבן דאַרף מען — ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט קלינגען — פון יום־טובדיקע פאַרשטעלונגען, פון ספּעקטאַקלען, פאַר וועלכע פּאַסיקע טעקסטן זאָלן אַרויסגעצויגן ווערן פון די ווערק וואָס זיינען שוין פאַראַן — דאָס איז מעגלעך. און אַזוי גיין פון פאַר־שטעלונג צו פאַרשטעלונג, ביז די וואָרט־קינסטלער אונדזערע וועלן זיך פאַרקוקן, דערזענדיק, אַז זיי האָבן פאַר זיך אַ פאַרטיקן טעאַטער און אַ פאַרטיקע אוידיענץ, וועלן זיי נעמען שרייבן טעקסטן דירעקט — יום־טוב־טעקסטן פון אַ מין, וואָס זייער קינסטלערישע אינטואַציע וועט זיי אונטערזאָגן.

איז גלייך צו דער אַרבייט — צוטרעטן צו דער צוגרייטונג פון ערשטן יום־טוב טעקסט. און דער פאַרבאַנד איז איינער פון די באַרופענע, און אַז ער וויל קאָן ער ווערן דער הויפּט־באַרופענער. ער האָט דאָך אַזוי פיל טעטיקייטן און געלעגנהייטן, וואָס בעטן זיך געעיום־טובט צו ווערן. און זאָל זיין ערשטע האַנדלונג זיין נאָך 20־יאָריקער יובל פייערונג — צו באַשטימען אַ קאָמיסיע פאַר דער ערשטער יום־טוב־פייערונג. נעמען פאַר אַ טעקסט ביאַליקן, אָדער לייוויקן, אָדער יהואָשן. אגב האָט ער דאָך אונטער דער האַנט די וואַנדערנדיקע קליין־קונסט־טרופּע, און עס איז אַ סברה, אַז די קליין־קינסטלער וואָס זיינען געוואוינט און געניט אין אויפשפּילן לידער, זיינען פאַרלויפיק דער פּאַסיקסטער פּערסאָנאַל פאַר יום־טוב־ספּעקטאַקלען אויף פאַרטיקע פּאָעטישע טעקסטן.

צווייטער טייל

נאַטור און וואונדער

די נאַטור איז וואונדערלעך, און וואונדער זיינען נאַטירלעך.

„וואונדער איז אַן איבערנאַטירלעכע זאַך, וואָס איז פּאַרט מעגלעך; עפּעס, וואָס האָט קיינמאָל ניט געקאָנט פּאַסירן, און פּאַסירט דאָך" — אַזוי זאָגט די קלוגע שלאַנג אין גן עדן צו דער מוטער חוהן אין בערנאַרד שאָוס וועלט־מיסטעריע: „צוריק צו מתושלח".

די שלאַנג איז גערעכט; וואונדער זיינען וואונדער ביז זיי פּאַסירן; דערנאָך — אויס וואונדער — נאַטור און וואונדער הויזן זאַלבענאַנד. דאָס זיינען צווי שכנותדיקע לענדער מיט אַ באַוועגלעכן גרענעץ; דער גרענעץ רוקט זיך אַלץ טיפער אין וואונדערלאַנד אַריין.

פון אַנהייב, ווען די וויסנשאַפט איז נאָך ניט געווען, איז נאַטורלאַנד געווען גאָר קליין — אַ שפּאַן די גרויס; שפּעטער האָט נאַטורלאַנד אונטער דער קאָמאַנדע פון איר פעלדמאַרשאַל — די וויסנשאַפט — גענומען דעראָבערן ביי איר שכנה, וואונדערלאַנד, איין טעריטאָריע נאָך דער אַנדערער און זיי אונטערוואָרפן אונטער דער הערשאַפט פון נאַטור־געזעצן, אָבער וואונדערלאַנד איז דערפון ניט קלענער געוואָרן — פאַרקערט, נאָך גרעסער, טיפער, און ניט געקוקט דערויף, וואָס די וויסנשאַפט האָט פונאַנדערגערוקט די נאַטור און דערווייטערט מיטן שכל דעם גרענעץ פון וואונדערלאַנד אויף אַ מהלך — איז וואונדערלאַנד פונקט אַזוי נאָענט צו אונדז, ווי אַמאָל.

פונקט אַזוי נאָענט, ווי אין קינדער־לידעלע: „גאָט, גאָט, גיב אַ רעגן, פון אַלע קליינע קינדערס וועגן" — גאָט איז ביי דער טיר און שיקט אַ רעגן — די קינדערשע וויסנשאַפט.

און ווי ווייט די וויסנשאַפט זאָל ניט פאַרגיין נאָך אַ דערקלערונג פאַר אַ נאַטור דערשיינונג, אַפילו ביז צו די פלעקן אויף דער זון — וועט זי אַלץ קומען צוריק, מיט דער בשורה, אַז האַרט לעבן אונדז, וואו גאָט איז אַמאָל געשטאַנען, איז נאָך אַלץ וואונדערלאַנד; אַז די זאַכן און כוחות, וואָס באַוועגן זיך אונטער אונדזערע פינגער, זיינען אין תוך וואונדער; אַז אונטער אונדזערע פינגער באַלעבאַטיווען, אַנגעטאָן אין נאַטור־געזעצן,

די זעלביקע אור־כוחות, וואָס ווילדעווען אין די פּלעקן אויף דער זון און וואָס האָבן געוועלטיקט נאָקעטערהייט אין כאָאָס פאַרן וועלט־באַשאַפן; די זאַכן ווערן יעדע רגע פון דאָס ניי באַשאַפן.

אין אונדז און אַרום אונדז שפּילט זיך נאָך מעשה בראשית.

זאַכן זיינען כוחות, כוחות זיינען זאַכן, די מאַטעריע איז אַן ממשות, אַ פאַרגליווערטער גאַרנישט — אַ נס.

די גאַנצע וועלט האַלט זיך אויף אַ נס, די נאַטור רוט אויף אַ וואונ־דער, און דאָס וואונדער „וואונדערט" לעבן אונדז; נאָר מענטשנס אויגן קאָנען עס אַנדערש ניט זען, ווי נאָר דורך דער נאַטור און אירע געזעצן, וואָס פאַרשטעלן דעם וואונדער.

דערפאַר שרעקט זיך ניט פאַר וואונדער. וואָס פאַר אַ וואונדער עס זאָל ניט פּאַסירן מיט אייך, זייט זיכער, די וויסנשאַפט וועט צוקומען, וועט זי אים דערקלערן על פּי שכל און געזעץ.

***

דאָס זעלביקע האָט די וויסנשאַפט געטאָן מיט דעם וועלט־וואונדער — זי האָט אים פאַרשכלט און פאַרגעזעצלעכט.

מערקווירדיק איז נאָר, וואָס דער וועלט־וואונדער, ווי עס שיינט, פּאָלגט אויס דעם מענטשנס געזעצן. ענטפערט דערויף די מאָדערנע פי־לאָזאָפיע: דאָס איז דערפאַר, ווייל דער וויסנשאַפטסמאַן (דער מענטש) לעבט בלויז אין יענעם טייל פון וועלט־וואונדער, וואָס ער האָט אַליין פאַרשכלט; דרויסן פון זיין שטיבעלע אין וועלט־וואונדער — פאַר דעם תוך פון די זאַכן און כוחות — גילטן זיינע געזעצן ניט. און אַט די באַ־הויפּטונג פון דער פילאָזאָפיע נעמט זיך איצט באַשטעטיקן דורך דער וויסנ־שאַפט: ווען די פיזיקע — מיט אירע עקספּערימענטן און אינסטרומענטן — האָט זיך אַרויסגעכאַפּט דרויסן פון מענטשנס שטיקעלע אין וועלט־וואונ־דער: אין דער טיף פון מאַטעריע, הינטער די אַטאָמען און עלעקטראָנען, און אין דער הימלס הויך, הינטער די שטערן — האָט זי טאַקע אויסגעפונען, אַז דער וועלט־וואונדער איז גאָר ניט אַזוי געהאָרכזאַם צום מענטשנס שכל, ווי דער בעל שכל האָט עס ביז אַהער געמיינט. און שרעדינגער און קאָמפּ־טאָן לייקענען שוין אַביסעלע די אַליין־הערשאַפט פון די נאַטער געזעצן אין וועלט־אַל.

די וויסנשאַפט שטייט איצט אויפן גרענעץ צווישן נאַטור־לאַנד און וואונדער־לאַנד.

די וועלט, וואָס מיר קענען, איז אונדזער קאָפּ־אַרבעט, אונדזער איי־גענע שאַפונג — מענהט די פילאָזאָפיע שוין זייט בוירקלי; קאַנט האָט דעם געדאַנק פאַרטיפט, אַנוויינדיק געניו דעם גרענעץ ווי ווייט די פאַרנונפט, מיט איר לאָגיק, קאָן גרייכן, און ניט ווייטער; די פסיכאָלאָגיע איז אונ־טערגעקומען און האָט דעם געדאַנק אַזוי פאַראיינפאַכט, אַז אַפילו פשוטע בשר ודמס, וואָס זיינען ניט אייגעוויייט אין די סודות פון דער עלעק־טראָנען־פיזיק און אין די חשבונות פון דער העכערער מאַטעמאַטיק, קאָנען עס אויך פאַרשטיין. און איצט איז די פיזיקע, די פיזיקאַלישע אַסטראָנאָ־מיע, מיט עדינגטאָנען בראש, אונטערגעקומען מיט איר גרויסער הילף, און עס ווערט פעסטגעשטעלט, אַרום און אַרום, אַז דער מענטש באַשאַפט די וועלט, וועלכע ער באַוואוינט.

אָט דער גרונט־געדאַנק דאַרף אַריינגעהאַמערט ווערן אין מענטשנס באַוואוסטזיין. — פאַרוואָס איז דאָס אַזוי וויכטיק? — וויבאַלד די וועלט איז דעם מענטשנס אייגענע שאַפונג, איז דער מענטש אַליין אוודאי און אוודאי זיין אייגענע שאַפונג. און דעם מענטשן גייט כסדר אָן דער נס פון מעשה בראשית: עס באַשאַפט זיך דערפון דער געבאָט; מענטש, באַשאַף זיך אַליין.

די גאַנצע פילאָזאָפיע פון אונדזער צייט איז די פילאָזאָפיע פון מענטשן־באַשאַפונג. דייטשלאַנד פון פאַר היטלערן האָט געהאַט אַ פי־לאָזאָף ווייהינגער, וועלכער האָט מיט זיין בוך „די פילאָזאָפיע פון אַלס אויב" אַריינגעגעבן דער נאַציע מיט דעם געבראָכענעם געמיט אַ נייעם מוט צום לעבן.

„לעב אויס אַ וואונדער, אַן אילוזיע, ווי די אילוזיע וואָלט אַן אמת געווען, און די אילוזיע וועט אַן אמת ווערן, דאָס וואונדער וועט מקוים ווערן".

און נאָכזאָגנדיק בערגסאָנען, זאָגט בערנאַרד שאָו: דער מענטש קאָן אָפּטאָן אַ וואונדער, באַשאַפן פון זיך אַן איבער־מענטש, ווען ער פאַרטרויט זיין וואונטש צו דער אור־אור־לעבנס־קראַפט, וואָס אַרבעט דורך אים.

נאָר בערנאַרד שאָו האָט אַ טעות, ווען ער מיינט, אַז דער מענטש וועט דאָס אַלץ דערגרייכן דורך זיין באַוואוסטזיניקן ווילן. בערגסאָן איז גע־רעכטער, ווען ער זאָגט, אַז דער מענטש, מיט אַלע זיינע אמתן, באַקומט זיך אַרויס פון דער אינטואיציע, ווי אַ קונסט־ווערק שפּילט זיך אַרויס פון קינסטלער, ווי אַ ליד פון פּאָעט.

מיר זיינען יידישער פון דעם פראַנצויזישן יידן בערגסאָנען און וועלן

זיין געדעכטער פון אים, ווען מיר וועלן פאַרבייטן זיין אינטואיציע מיט רוח הקודש, וואָס האָט געאַרבעט אין יידן זייט מתן תורה און דורך נביאים און דורך די צדיקים ביז צום בעל־שם, און אַרבעט נאָך איצט אין אונדז, פּראָסטע יידן, הגם מיט אונדזער גראָבן אומגלויבן פאַרשטעלן מיר זיך אַליין דעם וועג.

***

וואָס־זשע איז פון דעם אַלעמען געדרונגען? וואָס־זשע דאַרף געטאָן ווערן מיט אונדז? מען דאַרף געבן דעם יידן אַ יידישע וואונדער־אילו־זיע אויסצולעבן — די אילוזיע פון דערלייזונג, און זאָל זי אין אים אָן אמת ווערן.

מען דאַרף העלפן קולטיווירן זיין ווילן, רופנדיק צו הילף די פּסי־כאָלאָגיע; מען דאַרף העלפן קולטיווירן זיין אינטואיציע, רופנדיק צו הילף די קונסט און קינסטלער, ספּעציעל דעם טעאַטער, וואָס זיין עסענץ איז ריינע קונסט־שפּיל.

און מען דאַרף האָדעווען אין אים דעם רוח הקודש, אַפּלערנענדיק פון די געהיימע מעטאָדן — פאַר אונדז אומגלויביקע „געהיימע". — פון די נביאים, צדיקים און משיחים.

אינטואיציע, רוח הקודש, קונסט־געפיל, און אויך ליבעס־געפיל — יאָ, יאָ, שעמט אייך ניט, ליבעס־געפיל — אַ לייבלעכע קרובע פון גלויבנס־געפיל — אַלע שטאַמען זיי פון איין מקור, אַלע האָבן זיי איין היים. דאָס שאַפונגס־קעמערל אין האַרצן, וואו דער נייער מענטש שפּילט זיך אַרויס.

וואָס־זשע טוט מען אָבער מיט דעם אומגלויבן, וואָס פאַרשטעלט אונדז דעם וועג? דאַרפן די פון אונדז, וואָס זיינען אַביסעלע גלויביק, קומען צו הילף די גאָר גאָר אומגלויביקע; עס איז פאַראַן אַ שטאַרקער מיטל, אפשר אַ צו שטאַרקער: לאָמיר זאַמלען וואונדער, יעדער פון אונדז זאָל ביי זיך אַרויסקריגן אַ וואונדער — אַ וואונדער, וואָס קאָן דערקלערט ווערן, נאַ־טירלעך, כדי צו איבערצייגן יעדן איינעם, אויפן סמך פון זיין אייגענער דערפאַרונג, אַז אין אים זיינען פאַרזיגלט און פאַרריגלט פאַרבאָרגענע כוחות, וואָס ווען זיי רייסן זיך אַרויס פון אונטערן זיגל און ריגל, טוען זיי אָפּ פאַר אים זאַכן, וואָס קומען אים פאַר ווי ניסים.

און קוים האָט דער אומגלויביקער געוואונען די איבערצייגונג, קאָן מען אים שוין לערנען, ווי צו פאַרווענדן זיינע כוחות פאַר זיין אייגענער טובה וועגן.

וואָרים די אַלע ניסים צילן צו איין גרויסן נס: צו אַ נייער מענטש־באַשאַפונג.

חשבון־הנפש

מיר זעען א נישטיקן מענטשל — זיין יעדער קער און ריר דעקלאַמירן אים אַלס פּוסטע כּלי, אָבער אין אַ שטונדע פון נסיון ווערט ער ווירדיק, גרויס. זיין יעדעס וואָרט, וואָס האָט פריער אָפּגעהילכט מיט דער פּוסט־קייט פון אַ פּוסטן פאַס, ווערט באַגלייט מיט אַ קלאַנג, וואָס דערמאָנט אָן אַ האַרץ־קלאַפּן. אזוי איז דער מענטש: ער איז ניט גענוג שטאַרק צו פרייען זיך, אָבער גענוג שטאַרק צו ליידן.

מיר אליין ווערן זיך מיט אַלע כּוחות קעגן אַ נסיון, וואָס דאַרף קומען; מיר אַמפּערן זיך מיט דעם אומזיכטבאַרן שונא, וואָס צילעוועט זיך אויף אונדז. אָן איבעררייס וועט מאַכן אונדזער לאַנג לעבן אַזוי־ניט־פּאַרענדיקט, אומזיסט און ארויסגעוואָרפן, אַז ער וועט ברעכן און רייסן אַלע אונדזערע געוואוינהייטן, פּאַרפליכטונגען און פּלענער פאַר דער צוקונפט. עס דוכט זיך אונדז, מיר ווילן פּאַרשפּילן דעם געווינס, וואָס מיר האָבן געמאַכט מיט עמעצן. דאָך דאָס, וואָס מיר האָבן געזוכט אויסצומיידן, איז געקומען איבער געוואַלט — עס קומט אַלעמאָל איבער געוואַלט, און מיר זיינען אי־בערראַשט: מיר פילן זיך פולשטענדיק צוגעגרייט.

אַלע אונדזערע ניט־פּאַרענדיקטע חשבונות, וואָס מיר פירן מיט דער וועלט, גיבן פּלוצלונג אַרויס זייער סך־הכּל; מיר דערזעען זיך ביי אַ סוף וועג, ביי אַ נייעם אָנהויב. און ווען דער ערשטער טריט פירט צו אַן אָפּ־גרונט, זיינען מיר גרייט צו שפּרינגען איבער אים, און ווען דער צווייטער טריט פירט צו אַ באַרג, זיינען מיר גרייט צו קלעטערן איבער אים. עס שלאָגט אין אונדז אַ מאָדנער אימפּעט. מיר ווערן ווי עלעקטריזירט דורך די באַהאַלטענע דראָטן, וואָס ציען זיך דורך אונדזער גאַנצער פּאַרגאַנ־גענהייט — דאָס זיינען די באַהאַלטענע געדאַנקען און געפילן, וואָס מיר האָבן קיינמאָל ניט געוואַגט צו דערטראַכטן און אויסצופילן זיי ביז צו זייערע וואָרצלען. די פּאַרשפּרעכונגען, וואָס מיר גיבן זיך דאַן, זיינען ווי שאַרפע חלפים, וואָס צעשניידן אונדז אויף העלפט. אָך, ווען מיר וואָלטן שפּעטער מקיים געווען די פּאַרשפּרעכונגען, וואָס מיר גיבן זיך אין דער רגע, בעת מיר געפינען זיך אונטערן חלף, בעת אונדזער ווילן, דער שטרענגער אברהם־אבינו, פירט אונדז, זיין בן־יחיד, צו דער עקידה — ווען מיר וואָלטן נאָר

מקיים געווען די חלף־שאַרפע פאַרשפּרעכונגען, וואָס שניידן אונדז ביז אין בלוט אריין, וואָלט דער האַר פון לעבן באַלד דערשפּירט אויף זיינע ליפּן דעם געזאַלצענעם טעם פון פרישן לעבנס־בלוט און וואָלט אינסטינקטיוו גענומען הויכן מיט זיין שעפערישן אָטעם און אָנאָטעמען נייע לעבנס־פאַרמען, אַ נייע־אָרדענונג. נאַטירלעך — אַ נייע לעבנס־אָרדענונג, ווען אַזעלכע לעבנס־שניטן מאַכן אין זיך ניט איינצלנע, נאָר הונדערטער און הונדערטער טויזנטער.

בשעת אַ מלחמה זעען מיר ווי מיליאָנען מענטשן קומען צו אַט־דער מדרגה אויף די שלאַכטפעלדער — יעדער איינער פון זיי איז זיך מפקיר מיט אַ הייליקן הפקר: גאָט נעם מיך, ברעך מיך, מאַך אַ ברכה איבער מיין לעבן, וואָס איך האָב צעשניטן פאַר דיר אין פּענעצעס. יעדער איינער, לויפנדיק אין דער אַטאַקע, מאַכט זיין בליק שאַרפער ווי די שאַרפקייט פון די טויזנט מלאך־המות־אויגן, וואָס זיינען אָנגעשטעלט אויף אים. די באַוועגונג פון זיין האַרצן איז האַסטיקער פון דעם שוואונג פון די פליענדיקע גראַנאַטן; זיין נשמה איז בריענדיקער פון די שטראָמען צעשמאָלצענעם בליי, וואָס פלייצן אַרום אים, — זיין בליק זאָל זיך ניט אָפּווענדן פון דעם אָנגעריכטן טויט, זיין האַרץ זאָל זיך ניט אָפּשטעלן פון שרעק, ווען גראַנאַטן קראַכן אונטער אים; די לעבער, וואָס די טויט־שרעק מאַכט אין זיין האַרצן און זיין נשמה, זאָלן תיכף פאַרלאָפּן און פאַרשמאָלצן ווערן מיט אָנגעגליטן מוט.

אַ נשמה, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַזאַ פייער־פּראָבע, ווערט פאַרוואַנדלט אין דעם אורשטאָף, פון וואַנען נשמות זיינען באַשאַפן געוואָרן — אין דער פאַרכישופטער ערשטער נשמה, וועלכע וואַרט נאָר אויף דעם באַפעל פון באַשאַפער: זאָלסט ווערן! — אום אַ גאַס צו טאָן זיך אין דעם פורעם פון באַשעפער. האָבן מיר אָבער איצט מיליאָנען פאַרכישופטע נשמות — אַ מיליאָן מאָל מער מאַטעריאַל, וויפיל דער אויבערשטער האָט געהאַט ביים באַשאַפן די וועלט — אַ צלם אלהים, אָדער אַ צלם חיה, זיך צו פאַרווילדעווען דורך שנאה און רציחה, אָדער זיך פאַראיידעלן מיט ליבע און אָפּערוויליקייט.

מיר האָבן שוין געזען ביידערליי מעטאַמאָרפאָזעס — אַ לאַנד נאָך אַ מלחמה איז אויפגעגאַנגען מיט אַ העלן ליכט, נשמות האָבן זיך געצונדן מיט רויטע, פאַנטאַסטישע פלאַמען און ווי ברענענדיקע פאַקלען באַלויכטן די צוקונפטס־וועגן דורך יאָרטויזנטער — און אויך פאַרקערט.

מיט וואָס דערקלערט זיך דער טאָפּלטער וועג?

אַ פאַרכישופטע נשמה קאָן לאַנג זיך ניט האַלטן; ווען זי באַקומט

קיין געשטאַלט, ווערט זי אויסגערונען און אויסגעטריקנט. און אַן אַרמיי, וואָס האָט זיך אומגעקערט פון שלאַכט, קען זיך פאַרוואַנדלען, דורך די אומגעהויערע פיזישע אָנשטרענגונגען, אין אַן אַרמיי פון אויטאָמאַטן, וועל־כע ווערגן און שטיקן מיט הענקערשער גלייכגילטיקייט יעדעס מענטשלעכע לעבן, וואָס קומט זיי אין די הענט אַריין. אָבער עס איז גענוג אַ פאַרבליבן טראָפנדל, אַ הויך אין איין פאַרכישופטער נשמה, — און זי צעגיסט זיך און צעפלייצט זיך ווי אַ באַלעבנדיקער טוי איבער די מיליאָנען פאַרשמאַכטע נשמות, וואָס נעמען זיך אַן מיט שטאַרקייט און באַדעקן זיך מיט אַ ווייניקן שוים...

אָט די מיליאָנען פאַרשאָלטענע, וואָס אָטעמען איין און אָטעמען אויס טויט און פאַרדאַרבן בעת מלחמה, קאָנען ווערן אַ מזל־ברכה פאַר דער מענטשהייט. דאָס זיינען מיליאָנען געפעסן, וואָס זיינען פאַרטיק און גרייט אַריבערצוטולפן מיט ליבע און פאַרגעבונג פאַר דעם שונא, מיט וועמען מען בייט זיך יעדע סעקונדע מיט סם־המוות קוילן. קאָנט איר עס גלויבן, אַז נאָך יאָרן פון מאָרדן און בלוט־צאַפּן איינס פון אַנדערן, זאָלן זיי אין דער שטיל בענקען און אויסגיין פון ליבע איינס צום אַנדערן? יאָ, עס איז אַזוי. דאָס איז געווען אַ לאַנגער ערב־יום־כפור. זיי האָבן זיך גענויטיקט אין אַ כפרה דורך בלוט, און זיי האָבן די כפרה באַקומען. איצט גאַרן זיי אין דער טיפעניש פון זייער האַרצן מען זאָל זיי מוחל זיין זייערע זינד.

עס זיינען נאָך אָפן די וואונדן, און מיר טאָרן ניט מוחל זיין די פעל־קער, וואָס רופן אַרויס כעס און צאָרן. זיי הויבן שוין אָן פאַרגעסן ווער ס'איז דער „שולדיקער". וועלן זיי איינזען זייער אייגענע שולדיקייט? זיי האָבן זיך געלאָזן שטופּן פון אַ טויטער האַנט, פון אַן אומגערעכטיקייט, אויף וועלכער זיי האָבן געקוקט מיט בלינדע אויגן; זיי האָבן זיך ניט־זע־ענדיק געמאַכט און זאַרגלאָז געגאַנגען מיט דעם וועג, אויף וועלכן די טויטע האַנט האָט זיי געשטופּט, — ביז וואַנען זי האָט זיי דערשטופּט צו אַ קאַ־טאַסטראָפע, אין וועלכער זיי שפּרינגען — איבער געוואַלט. קומט די שטראָף פאַר אַ פאַרנאַכלעסיקטער שולד...

מיט האַרמאַטן האָט מען אַריינגעקלאַפּט אין מענטשן דאָס באַוואוסט־זיין פון זיין שולד. דער קליינלעכער מענטשלעכער שטאָלץ, מיט וועלכן איין מענטש איז פאַרשטעלט פון אַנדערן, איז געבראָכן. אויסגעריסן מיטן וואָרצל איז די שרעק פאַר דעם ביסעלע אָרעם גליק, וואָס מען וויל איינ־קאַרגן און איינשפּאַרן אויפן גאַנצן לעבן. מיט אַ פייערדיקן בעזעם איז אויסגעקערט דער לייכטזין פון דער מענטשלעכער נשמה, — דער לייכט־זין, וועלכער האָט זי געמאַכט אומעמפּינדלעך פאַר האַרבע לעבנס־פראַגן.

דער ערנסט פון טויט האָט ברייט פאַנאַנדערגעעפנט דאָס מענטשלעכע האַרץ און אויסגערעדט מיט מילדן, ציטערנדיקן, פרעגנדיקן געוויסן — און דאָס האַרץ צוקט, צוקט: ווער וועט דער ערשטער אַרויסריידן דאָס וואָרט „פאַרגעבונג״ ?

דאָס וואָרט וואָלט באַטייט פיל מער ווי פאַרגעבונג צום שונא: פרייער פון אַלץ — די פאַרגעבונג צו זיך אַליין, די באַפרייאונג פון לאַסט פון פאַר־ברעכן, וואָס האָט צונויפגעדריקט דעם מענטשן; די באַפרייאונג פון שטאַלץ, פון שרעק. דאָס וואָרט וואָלט פאַרכישופט די מענטשלעכע נשמה און זי פאַרוואַנדלט אין דעם אורטייג. פון וועלכן די ערשטע מענטשלעכע נשמה איז געקנאָטן געוואָרן. און וואָס פאַר אַ געשטאַלט איר וואָלט איר ניט געגעבן, וואָלט זי אָנגענומען, — און דער שליסל דערצו איז דאָס באַזיג־וואָרט, דאָס וואָלט מיינען די באַנייאונג פון דעם מענטשן, דער אָנהויב פון אַ נייער וועלט־אָרדענונג.

פאַרצייטן וואָלט אַזאַ וואָרט געקענט אַרויסריידן נאָר גאָט — איצט קען עס אַרויסגערעדט ווערן מיט אַ מענטשלעכער צונג; פאַרצייטן וואָלט עס געהייסן אַ נייע רעליגיעזע באַוועגונג — היינט אַ געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג. זי וואָלט אָבער געהאַט דעם שוואונג און דעם אומבייט פון אַ רעליגיעזער באַוועגונג, ווייל דער אָנהויב צו דער נייער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג וואָלט געמאַכט געוואָרן מיט דעם איבערבויען פון דעם פונ־דאַמענט — פון דער מענטשלעכער נשמה.

משיח קומט אין שפּיל

משיח קומט אין שפּיל. יעדן איינעמס פּערזענלעכער משיח אויך: יעדער איינער קען דערלייזט ווערן — ארייגשפּילנדיק זיך אין דער געליי־טערטער געשטאַלט פון אים אַליין...

און אַזוי איז עס טאַקע — יעדער איינער וואַקסט, געדייט, ווערט דערהויבן און דערגידעריקט — לויט דער געשטאַלט, מיט וועלכער ער שפּילט זיך, ווען ער איז אַליין.

קינדער שפּילן זיך אריין אין דערוואַקסענע; און צו 17 יאָר זיינען מיר אַלע קינסטלער, פּאָעטן, אַקטיאָרן; מיר זעען, מאָלן און שפּילן אויס די קינפּטיקע געשטאַלט וועלכע ווערט שפּעטער אין אונדז מקוים...

אין די מערסטע פון אונדז שטאַרבט דער קינסטלער אָפּ; און מיט אים צוזאַמען אונדזער וויזיע וועגן זיך; זי ווערט פּאַרלאָשן, פּאַרטי־ליקט; אפשר בלייבט זי ערגעץ וואו אין בעהעלטעניש, אין אונטער־באַוואוסטזיין, אָבער פאַר אונדזער באַוואוסטזיין איז זי שטום און טויב; צו 40 יאָר זיינען מיר אַזעלכע ניט־געראָטענע פיזישע און גייסטיקע הויקערס...

וויזיאָנערן בלייבן נאָר די אמתע קינסטלער; ווען איר קוקט זיי אָן מיטן וואָכעדיקן אויג, זיינען זיי געוויינלעכע בשר ודמס; אַמאָל אומ־דערטרעגלעכע אויך; אָבער אין זייער זעלבסט־געפיל זיינען זיי אנדערש; מיט זייער אייגענעם אויג זעען זיי זיך כסדר אין פאַרוואַנדלונג; דאָס לייטערן זיי זיך אין שפּיל מיט זייער אייגענער וויזיע וועגן זיך; דער שפּיל נאָרט ארויס פאַר זיי דעם לעבנס אורקוואַל, בייע מענטשלעכ־קייט... געפיל... רוח הקודש.. דאָס איז זייער שאַפן .

עס איז אייגענטלעך ניטאָ קיין דערלייזונג אין יחיד — פאַר איין מענטשן אליין: איין מענטש אליין קען זיך ניט ראַטעווען, קען קיין הייליקער ניט ווערן, ווען מיליאָנען ניט געראַטעוועטע און ניט הייליקע שלעפּן אים צוריק.

און עס דערציילט זיך ווייטער אין דעם חלום וועגן צוקונפט־טעאַ־טער, אַז דער טעאַטער וועט ארויס אין גאַס און אין פעלד. און אומזיסטע ספּעקטאַקלען וועלן זיך שפּילן פאַר מיליאָנען...

אַלע גרויסע מאָמענטן פון דער געשיכטע זיינען ספּעקטאַקלען געוועזן, און רעוואָלוציעס האָבן אויסגענומען און זיינען געווען דערפאָלגרייך אויף אַזויפיל, אויף וויפיל זיי זיינען ספּעקטאַקלען געווען.

אָנגעהויבן פון שפּיל און אָנשטעל, און אזוי לאַנג געשפּילט און פאַרשפּילט זיך, ביז דער צופלייסנס איז אַן אמת געוואָרן.

דער שפּיל־פיבער האָט צעשמאָלצן דעם אַלטן נפש און די וויזיע פון צוקונפט־מענטשן האָט געפורעמט — און מיליאָנען זיינען אויף אַמאָל פאַרוואַנדלט געוואָרן.

אַן אָט דער „אויפאַמאַליקער" מיליאָנען־פאַרוואַנדלונג קען קיין רעוואָלוציע זיך ניט איינגעבן. איז אָבער דער אומגליק, וואָס אין די סאָציאַלע רעוואָלוציעס, וואָס מיר קענען — די פראַנצויזישע און די רוסישע — האָט עפּעס געפעלט צו פאַרענדיקן דעם ספּעקטאַקל; עס האָט געמאַנגלט אין וויזיע: מען האָט אין שפּיל ווייניק אויפמערקזאַמקייט געשאָנקען דער געשטאַלט פון דעם צוקונפט־מענטשן, וואָס האָט באַדאַרפט פאַרזיגלען די מאַסן־פאַרוואַנדלונג... און דערפאַר די נישט פאַרענדיקטקייט פון די סאָציאַלע רעוואָלוציעס, זייער האַלבער דערפאָלג.

פולער, גאַנצער איז געווען די מאַסן־פאַרוואַנדלונג אין די רעליגיעזע רעוואָלוציעס; וואָרום צו דעם שפּיל־פיבער האָבן זיי נאָך געהאַט פאַרענדיקטע וויזיע פון דעם צוקונפט־מענטשן; אַ וויזיע אין דער העכסטער פאָרמע — אין דעם געשטאַלט פון אַ נביא אָדער משיח־דערלייזער.

דאָס איז ריכטיק סיי וועגן די געלונגענע און סיי וועגן די האַלבגעלונגענע רעליגיעזע רעוואָלוציעס, וועגן די ריכטיקע און פאַלשע...

אפילו די שבתי־צביניקעס, אויב זיי זיינען ניט געווען מענטשן פון כולו־יום־טוב, ראש־חודשדיק זיינען זיי זיכער געווען.

איז אָבער דער אומגליק, וואָס די רעליגיעזע רעוואָלוציעס ווערן ניט אַלע מאָל אויפגעכאַפּט פון דער געזעלשאַפטלעכער מאַטעריע, פון דער עקאָנאָמישער אָרדנונג, זיי שטעמפּלען זיך ניט אָפּ אין דער סאָציאַלערווירקלעכקייט — בלייבן זיי אַ ווילע הענגען אין דער לופטן און פאַלן צו דער ערד אַראָפּ.

אַזוי האָט פּוילוס דער ערשטער פאַרראַטן זיין וויזיע. און זיין שליחות האָט ער דערזען אין דעם — צו פאַרוואַנדלען דעם אורשפּרינגליכן קריסטלעכן קאָמוניזם אין רוימישן קליין־בירגערטום...

דער בעל־שם האָט געהאָט אַ געניאַלן חוש — ער האָט אויף אַ האָר ניט אַריבערגעכאַפּט די מאָס.

די גייסטיקע פאַרוואַנדלונג און די עקאָנאָמישע דאַרפֿן גיין זאַל־באַנאַנד, אָבער ניט אין דעם זין, ווי די מאַרקסיסטן פאַרשטייען עס; אַז די גייסטיקע פאַרוואַנדלונג וועט שפּעטער צוקומען, נאָכהינקנדיק נאָך די עקאָנאָמישע פאַרוואַנדלונגען און שפּעטער וועלן צוקומען, סאָציאַלע איבערקערענישן; אַפילו ניט אין דעם זין פון שפּינאָזאַס מעטאַפיזיק — אַז גייסט און מאַטעריע זיינען צוויי זייטן פון איין סובסטאַנץ; נאָר גיכער אין דעם זין פון דער מאָדערנער פיזיקע, אַז מאַטעריע איז אַן אָפּגעשטאַנענע פאָרם פון ענערגיע.

די געזעלשאַפטלעכע מאַטעריע — די עקאָנאָמישע אָרדנונג, איז אַן אָפּגעשטאַנענע, פאַרגליווערטע פאָרם פון גייסטיקער ענערגיע, אָבער פאָרט גייסטיגע ענערגיע.

און כל זמן די געזעלשאַפטלעכע מאַטעריע איז ניט פאַרוואַנדלט, בלייבט זי געוועלטיקן איבערן גייסט — לויט מאַרקסן...

אָבער ווען די פאַרוואַנדלונג הויבט זיך אָן, די געזעלשאַפטלעכע מאַטעריע שמעלצט זיך און עקספּלאָדירט — ווי ראַדיום שמעלצט זיך און עקספּלאָדירט זיין מאַטעריע אין ענערגיע — דאַרף גלייך געפונען ווערן אַ כלי, אַ גייסטיקער פורעם, וואָס זאָל אויפכאַפּן די צעשמאָלצענע געזעלשאַפטלעכע מאַטעריע; אַ וויזיע פון צוקונפט־מענטשן, וואָס סימבאָליזירט מיט זיך די נייע אָרדנונג, דאַרף אריינגעוואָרפן ווערן אין דער מאַסע, זי זאָל האָבן אויף וואָס זיך ארויפצושפּילן אין דעם ספּעקטאַקל.

די געזעלשאַפטלעכע מאַטעריע פון דער וועלט — דער עקאָנאָמישער סדר — איז איצט דווקא רייף פאַר אַלץ־מענטשלעכער ברידערלעכקייט. אָבער די סאָציאַלע איבערקערענישן אין דער אייראָפּייאישער וועלט געפינען ניט קיין אויסדרוק אין סאָציאַלער וויזיע...

דער ייד האָט געהאַט דעם שליסל צו דער לאַגע; די גייסטיקע־צויבער־פאָרמולע; די וויזיע, וואָס סימבאָליזירט די נייע אָרדנונג פון דער וועלט — די משיח־געשטאַלט...

די משיח־געשטאַלט איז אַ ריזיקער רעזערוו פון גייסטיקער ענערגיע, וואָס מיר, די מאָדערנע, האָבן פאַרנאַכלאַסיקט, זי קען פאַרפלייצן אַ וועלט...

די משיח־געשטאַלט איז אַ צוזאַג און אַ נדר; אַ נבואה, אַז מיר וועלן דערלייזן די וועלט. צוויי טויזנט יאָר האָבן מיר זיך אריינגעלעבט און אריינגעגלויבט אין אָט דער דערלייזנדיקער וויזיע, זיך מוסר נפש געווען פאַר איר — געגאַנגען אויף קידוש־השם. די משיח־געשטאַלט פליסט אין

אונדזער בלוט, אפילו ווען מיר גלויבן ניט אין איר; האָט זי געפורעמט אונדזער גוף און נשמה, און אפילו אונדזער עקאָנאָמישע לאַגע און אונ־דער שיקזאַל אין דער וועלט — יענע צרהדיקע עקאָנאָמישע לאַגע, אויף וועלכער באָראָכאָוו האָט געקלאָגט, און דר. זשיטלאָווסקי און סיר־קין, און אפילו די בונדיסטן קלאָגן אויך צוביסלעך...

וואָרום וואָס איז אין אונדז, ווערט אויסער אונדז; גייסט שטייט זיך אָפּ און פאַרגליווערט זיך אין מאַטעריע.

דער נדר צו דערלייזן די פעלקער איז זיך אָפּגעשטאַנען אין אונדזער עקאָנאָמישער לאַגע: מיר אַליין קענען ביי זיך קיין סאָציאַלע רעוואָ־לוציע ניט דורכפירן, אָבער עקאָנאָמיש באַרירן מיר די ברעגן פון אַלע אָרדנונגען, און ווען עס קומט צו אַ ברוך, ווערן מיר די ערשטע גע־טריבן צום פראָנט: מיר גיבן די פירער, כאָטש לויט אונדזער עקאָ־נאָמישן פאַספּאָרט זיינען מיר דערצו ניט באַרעכטיקט...

אָבער דער נדר טרייבט. דאָס מאַניפעסטירט זיך אָן אונדזער וויסן אפילו אין געשיכטע פון יידישן פאָלק.

יידן זיינען צוגעגרייט אויפצונעמען די וויזיע — פון די מענטשן פון וויזיאָנערישן שניט — וואָס רופן, וועקן צו אויפשטייגערונג דורך קונסט — דורך פּאָעזיע, דורך מאַלעריי, מוזיק און טעאַטער, און דורך אַנדערע מעטאָדן...

אָבער עס וועט קיין צייט פאַר טעאַטער ניט זיין — דער ספּעקטאַקל וועט זיך שפּילן אונטערן פרייען הימל, אין די גאַסן פון ארץ ישראל: אַ משיח־דערלייזערישער ספּעקטאַקל...

משיחיזם און ציוניזם וועלן שליסן אַ שותפות — איינס דער אויס־דרוק פון דעם אַנדערן.

עס וועט געפּראַוועט ווערן, לאָמיר זאָגן, פסח־צייט אַ מעסיאַניש־ציוניסטישער סדר, אין דעם האַרץ פון תל אביב.

פאַר הונדערטער טויזנטער חלוצים.

אַ יידישער אָדער אינדישער משיח?

איז מאַכאַטמאַ גאַנדי דער באַרופענער צו ברענגען די טאָפּלטע רעוואָלוציע? — די רעוואָלוציע אין דער סאָציאַלער מאַטעריע מיט דער גלייכצייטיקער רעוואָלוציע אין דער מענטשלעכער פסיכיק, וואָס איינע אָן דער אַנדערער קאָן ניט דערפירן צו דערפאָלג די איבערקערעניש אין דער מענטש־אָרדענונג, סיידן ביידע אין אַ שותּפותן צוזאַמען?

ווער איז גאַנדי? — אַ שלאַנק, דעליקאַט לאַיערל פון לאָנדאָן; דערנאָך אַ פילאַנטראָפּ רעפאָרמער פאַר זיינע לאַנדסלייט אין דרום־אַפריקע; צולעצט, קומענדיק צוריק אין זיין היים־לאַנד, האָט ער זיך אַריינגעלעבט אין דער מוסטער־געשטאַלט פון אַ הייליקן, וואָס שוועבט תמיד פאַר דעם פאַרצויבערטן בליק פון הינדו — אויף אַזויפיל זיך אַריינגעלעבט, אַז ער האָט גענומען גילטן פאַר אַ וואונדער־מאַן.

גאַנדי איז דער קאָמפּראָמיס צווישן אינדיען און אייראָפּע: אינדיען איז פאַסיוויטעט און גאָט־זעערישקייט; אייראָפּע איז אַקטיוויטעט און מענטש־באַגרענעצטקייט.

צווישן דער איביקער פילאָזאָפיע פון אינדיען — צו באַצווינגען די גאַנצע וועלט אין זיך — און דעם אייראָפּעאישן רעוואָלוציאָנעריזם האָט ער געפונען אַ מיטלוועג: דעם באָיקאָט — באַצווינגען ענגלאַנד אין זיך, צוריקציענדיק זיך אין באָיקאָטירנדיק אַלע אירע אַנשטאַלטן, גוטע און שלעכטע איינפירונגען...

און מען קאָן ניט לייקענען, אַז דער באָיקאָט איז באַגלייט געווען פון אַ גייסטיקן אויפשוואונג. און איין צייט האָט זיך געדוכט, אַז אינדיען ווערט פאַרכאַפּט פון גאַנדי, און מיליאָנען פאָלגן אים נאָך, אָבער עס האָט געפעלט די פאַרוואַנדלענדיקע וויזיע, וואָס אין אַ רגע פון עקסטאַז שטעלט זי איבער די נאָכפאָלגנדיקע מיליאָנען; אַ וויזיע, וואָס פליצט פון זיך מיט שפּאָגל־נייער מענטשלעכקייט, וואָס דערהייבט דאָס פאָלק צו אַ מדרגה, וואו קיין שונא קאָן עס ניט דערגרייכן, און דער שונא הערט אויף צו עקזיסטירן.

אַזאַ באָיקאָט, ווי גאַנדי האָט אָנגעפירט, אַ באָיקאָט, אָן אַ גייסטיקער איבערפליצונג, אָן דער כהרף־עינדיקער מענטש־פאָלק־איבערשאַ־

פונג — האָט אומפּאַרמיידלעך געמוזט פירן צו בלוטיקע צוזאַמענשטויסן, וואָס דאָס איז געווען פונקט דער היפּוך פון דעם, צו וואָס גאַנדי האָט געצילט.

אין דער גאַנדי־באַוועגונג לויפט אַריין אַ שטראָם פון די געוויי־לעכע מזרחדיקע פאָלקס אויפשטאַנדן, וואָס מישן תפילה מיט שלאַכט און שלאָגן פּאַרויס אין פּאָלק און צוריק.

ניין, גאַנדי האָט ניט געגעבן מיט זיך אַ נייע מענטש־מוסטער־גע־שטאַלט, וואָס די, וועלכע פאַרקוקן זיך אויף איר, ווערן דורך איר איבער־געפורעמט; אַ געשטאַלט, וואָס הויכט פון זיך אַוועק אַ וויזיע, וואָס הוירט איבער די מענטשנס קעפּ און שוועבט פון מענטש צום הימל אַרויף און צוריק פון הימל צום מענטש אַראָפּ און לייגט פעסט נייעם גאָט־מענטש געזעץ.

גאַנדי איז ניט קיין געזעצגעבערישע געשטאַלט, נאָר אַ צדיק, וואָס האָרעוועט אויף פאַרגעשריבענע מצוות, און גלייבט אין גוטע מעשים, און רופט זיינע אָנהענגער אים נאָכצוטאָן — און זיי מאַטערן זיך אים נאָכ־צוטאָן, און מאַטערן זיך איבער.

נאָר אין מאָמענט האָט זיך געדוכט, אַז גאַנדי האָט געכאַפּט דעם שניט פון געזעצגעבער — ווען ער האָט געפּראַוועט דעם צערעמאָניאַל פון זאַלץ קאָכן ביים ברעג ים — האָט ער געווירקט מיט אָנשטעקנדיקער קראַפט, ווי אַ שטיקל נייע מתן תורה. איז דאָס געווען נישט מער, ווי אַ ברעקל אין אַ שפּליטער פון נייעם סדר — פון סדרן די צוקונפט־אָרדענונג.

ניין, גאַנדי איז געווען נישט מער, ווי אַ מיטלמעסיקער קאָמפּראָמיס צווישן אינדיען און איראָפּע, צווישן מזרח און מערב; ער האָט ניט געבראַכט און ניט געקאָנט ברענגען אינדיען צו דער פולער רעוואָלוציע, וואָס קערט איבער מענטש און אָרדענונג צוזאַמען.

געהערט ער יאָ, אָדער געהערט ער ניט צו די „מייסטערס פון גייסט", וואָס האַלטן די 330 מיליאָן הינדוסן אונטער זייער כישוף, אָבער ער איז ניט בכוח געווען אויפצואַוועקן דעם פאַרחלומטן מזרח פון זיין דרימל, אויפצוהויבן אים צו אַ נייעם טאָג און זונען־אויפגאַנג.

זיינען דאָס בכוח צו טאָן די אמתע „מייסטערס פון גייסט", די באַ־האַלטענע, די „מכשפים", די הייליקע אין די ווילדערנישן? — ניין, זיי אויך ניט.

יאָ, הייליקע זיינען זיי, אָבער הייליקע עגאָאיסטן. זייער אידעאַל איז זייער פּערזענלעכע רעטונג. יעדער זאָל פאַר זיך אַליין געראַטעוועט ווערן. זיי אַרבעטן זיך אַרויף צו דער מדרגה ווען זיי נעמען זען די

גאַנצע וועלט אין זיך, און אין די לעגענדעס לאָזן זיי דערציילן וועגן זיך, אַז הענגנדיק אויף אַ בוים צו פוסנס פון די הימאַלאַיען בערג האָבן זיי פּרעזידירט אויף אַ טעאָסאָפישן קאָנגרעס אין סאַן־פראַנציסקאָ.

דאָס דאַרף זיין זייער גרעסטער נצחון. און זיי גלויבן דערביי, אַז דורך זייערע גבורות וועט אינדיען און די וועלט שוין אַליין קומען צו דערלייזונג. און דערווייל זאָלן די 330 הינדוסן אויסגיין פון הונגער און פּעסט. און אַ דריטל פון זיי זאָלן בלייבן אומבאַרירבאַרע טמאים. דאָס איז באַשערט. דאָס איז שיקזאַל, אָדער ניט־אמת — אַ דוכטעניש, אַ פאַר־בלענדעניש.

אין זייערע זעאונגען זעען זיי אויך גאָט אַראָפּקומען אויף דער ערד — אָבער נאָר צו פילאָסאָפירן מיט די מענטשן, ניט אויסצולייזן זיי.

זיי וואַרטן אויך אויף משיחן אין די טעג — אָבער זיי רופן אים גרויסער לערער־מייסטער. ער וועט נאָר אַ רבי זיין, אַ גרינדער פון ישיבות אין די וועלדער.

ניטאָ קיין בריק צווישן דער פאַרכישופטער פילאָזאָפיע פון אינ־דיען צו דער קומענדיקער רעוואָלוציע אין דער וועלט־אָרדענונג. ניטאָ קיין האָפענונג פאַר אינדיען און פון אינדיען. אינדיען איז ניט ראוי צו זיין די אָנפירערין אין דער קומענדיקער גייסטיק־מאַטעריעלער פאַר־וואַנדלונג פון דער מענטשהייט.

עס איז נאָר דאָ איין פאָלק, וואָס קאָן דינען פאַר אַ בריק צווישן מזרח און מערב — און דאָס זיינען מיר יידן. אין אונדזער בלוט איז דאָ אי גייסטיקייט אי מאַטעריאַליסטישקייט. מיר זיינען פיין און גראָב, מיר פאַר־איייניקן כישוף מיט כוח. אונדזערע אידעאַלן מוזן מיר רעאַליזירן און מאַטעריאַליזירן.

ניטאָ ביי יידן קיין דערלייזונג פון יחיד, ווי נאָר אין דער דערלייזונג פון כלל. און אונדזער משיח וואָס דאַרף קומען — דער סימבאָל פון אונ־דזער דערלייזונג — וועט קומען פאַר ביידן — פאַרן יחיד און פאַרן כלל. און ניט קיין רבי איז ער, און ניט קיין וועגווייזער בלויז, אַ געזעלשאַפט־לעכער פאַרוואַנדלער; און ניט קיין מענטש און ניט קיין גאָט, נאָר אַ וויזיע, וואָס פלייש און בלוט וואַרפן אַרויס פון זיך אין דער ריכטונג פון גאָט — אין מאָמענט, ווען זיי באַדאַרפן נויטיק האָבן אַן איבערשמעלצונג . . .

מיט אַ צענדליק יאָר צוריק האָט עס געהאַלטן דערביי, אַז אינדיען זאָל ביי אונדז אויסקאָנקערירן די משיח־וויזיע. די טעאָסאָפן — וואָס ווילן זיין די פאַרמיטלער צווישן דער מערב־ציוויליזאַציע און אינדיען — האָבן אַ יונגען לעבעדיקן הינדו אויסגעקליבן אויף צו קרוינען פאַר משיחן.

קרישנאַמורטי האָט ער געהייסן. קרישנאַמורטי אַליין האָט אַפילו זיך ניט אָנגערופן משיח, נאָר די כלי פון משיחן, מיט אַ שטאַפּל נידעריקער. אָבער פאַרדעכטיק איז שוין געווען דאָס, וואָס ער, פרעדיקנדיק וואונטשלאָזיקייט, די גרינגשעצונג פון אַלע מאַטעריעלע תענוגים — ער האָט דווקא געקלעפּט צו רייכטום און מיליאָנען; און רייכטום און מיליאָנען האָבן געקלעפּט צו אים...

הייסט עס, ערגעץ וואו האָט ער געפעלשט. וואו? — שוין מיט דעם אַליין וואָס ער האָט זיך אָנגערופן מיט דעם נאָמען.

אַ ירידה, וואָס הויבט זיך אָן נאָך פאַר דער עליה; אַ רעליגיע, וואָס פאַרזינדיקט ביי איר געבורט.

קרישנאַמורטי אַליין איז געווען ערלעך גענוג פּריוויליק אָפּצוזאָגן זיך פון דער גדולה — צום גרויסן האַרצוויטיק פון די טעאָסאָפן; און דער פּאָסטן, פון איבדישן משיח איז איצט וואַקאַנט.

עס שטעקט אַ גרויסע סכנה אין אָנרופן זיך מיט דעם נאָמען משיח. אַ לעבעדיקער מענטש טאָר עס ניט. אַפילו ווען אַזאַ איינער הויבט אָן אין קדושה, וועט ער פאַרענדיקן אין טומאה: שבתי צבי האָט אויף אַזאַ אופן דעם קאָפּ געבראָכן. ער האָט זיך אָנגערופן משיח. און די איבערמענטשלעכע גאווה האָט די הייליקייט אויפגעגעסן.

זאָגט להבדיל אלף הבדלות:

אונדזער איבערגעניאַלער בעל שם! ווער נאָך פון אַלע מענטשנקינדער האָט זיך אַזוי דערנעענטערט צום משיח־סימבאָל? ער האָט דאָך בפועל ממש געטאָן משיחס ווערק: מענטשן באַשאַפן דורך פרייד. אָבער מיט אַ איבערמענטשלעכער עניוות האָט ער געטריבן פון זיך דעם חשד, ער האָט געהאַט די זעאונג פון משיחן, און ער האָט פאַרזאָגט זיינע תלמידים: משיח זאָל ביי אייך אַ זעאונג בלייבן.

דער אייביק־יידישער שטאַנדפּונקט: קיין מענטשלעכע פאַרקערפּערונג פאַר אַ געטלעכן סימבאָל.

**
*

לויט אונדזער גייסטיקער קאָנסטרוקציע און לויט אונדזער מאַטעריעלער לאַגע אין דער וועלט — דאָס גייט אַלעמאָל צוזאַמען — דער גלות, אונדזער צעזייטקייט און צעשפּרייטקייט, אונדזער איינגעקלעמטקייט צווישן קלאַסן און פעלקער, אונדזער הויזן ביי די געפערלעכסטע שפּאַלטן און ריסן אין דער געזעלשאַפט, פאַרוואָס מיר צאָלן מיט בלוט — לויט דעם אַלעמען זיינען מיר די איינציק באַרופענע.

מיר דאַרפן געבן דעם אימפּעט שטויס צו אַ נייער גייסטיקער פאַר־

וואַנדלונג פון דער מענטשהייט, ווי מיר האָבן עס שוין אַ צווייטמאָל און דריי מאָל געטאָן.

און עס האָט אונדז איבערגעליקט אויף אַ גרויסן שטייגער, ווען די פאָרמולע פון דער גייסטיקער פאַרוואַנדלונג פלעגט אַריינגעוואָרפן ווערן אין אַ צייטיק ווערנדיקער מאַטעריעלער, פּאָליטיש־עקאָנאָמישער פאַר־וואַנדלונג.

(אויך דעם בעל שמס חסידות איז אונטערגעקומען אין דער ריכ־טיקער צייט — צענויפצוהאַלטן דערמיט די יידישע קליינשטעטלדיקער קליינבירגערלעכקייט, וועלכע איז איינגעקלעמט געוואָרן צווישן פּוילישן פּריצימטום און רוסישן פּויערטום).

אַלעמאָל ווען די וועלט איז אין אַ טעמפּן ווינקל, און די לאַגע איז אירראַציאָנעל (ניטאָ קיין שכלדיקער אויסוועג) — דאַרף קומען אַ נייער מענטש־געזעלשאַפטלעכער שעפּערישער אַקט.

ווי דאָס איז סימבאָליזירט אין דער לעגענדע פון מתן תורה: קיין אויסוועג איז ניט געווען. אַ פאָלק פון שקלאַפן, וואָס האָבן געבענקט נאָך די פלייש־טעפּ פון מצרים — ווי זאָלן זיי איינגעמען דאָס פאַרשפּראָכענע לאַנד? ... האָט זיך גאָט באַוויזן צו זיי פון באַרג סיני, און דער שקלאַפן־דור איז אויסגעשטאָרבן, און אַ נייער שטאָלצער מדבר־דור איז אויסגע־וואַקסן.

אַזוי איז אויך איצט — די גאַנצע וועלט איז אין אַ קלעם, צווישן פעלקער און קלאַסן צוזאַמענשטויסן, און יידן אין מיטן פון אַלע צוזאַ־מענשטויסן.

אַ נייע מתן תורה דאַרף קומען פון די יידן צו די פעלקער. און אַ גראַנדיעזער ספּעקטאַקל וועט זיך שפּילן פון אינדיען ביז עגיפּטן, פון מאָסקווע ביז ירושלים, מיט דער סימבאָלישער משיח־געשטאַלט, אַלס אומזיכטבאַרן דירידזשאָר.

די גוטע און שלעכטע מלאכים אונדזערע

עס זייַנען דאָ גוטע מלאכים, וואָס באַגלייטן דעם מענטשן, ווען ער קומט אויף דער וועלט. ער קאָן מיט זיי בערג אויפרייסן, וועלטן איבערקערן.

אין די אַלטע לעגענדן, אין די פאָלקס מעשהלעך, וואָס זייַנען איבערגעגאַנגען פון דור צו דור, איז יעדעס געפיל און יעדער באַגריף פּערזאָניפיצירט. הייליקע פאַרלאַנגען, גוטע וואונטשן, זייַנען ביי יידן געוואָרן גוטע מלאכים, ביי אַנדערע פעלקער — שרעטעלעך, קליינינקע גוטע גייסטער, וואָס טוען דעם מענטשנס שווערע אַרבעט און ברענגען אים טייערע אוצרות.

עס זייַנען ניטאָ קיין מלאכים, עס זייַנען ניטאָ קיין שרעטעלעך אויסער דעם מענטשן, אַלץ ליגט אין אים, אין זייַן מוח און אין זייַן נשמה. אַלץ הענגט אָפּ פון זייַן ווילן און ווינטשן.

די יידישע מיסטיקער האָבן געזאָגט, אַז יעדע מצווה באַשאַפט אַ מלאך, יעדע עבירה באַשאַפט אַ שד.

דאָס איז אַלץ פּאָעזיע, דיכטערישע פאַנטאַזיע, וועלכע באַשאַפט פון יעדן באַגריף, פון יעדן געפיל, אַ פאַרקערפּערטע פּערזענלכקייט. געמיינט האָבן זיי, אַז דעם מענטשנס גוטע מעשים, וואָס זייַנען דער אויסדרוק פון גוטן ווילן און ווינטשן, רופן אַרויס צו טעטיקייט די גוטע העלפנדיקע קראַפט, וואָס ליגט פאַרבאָרגן אין אים, און איין מאָל אַרויסגערופן צו טעטיקייט, ווערט די דאָזיקע קראַפט, ווי לעבעדיק, ווי באַשאַנקן מיט באַוואוסטזיין, און זי ווירקט פאַר זייַן טובה וועגן, ווי אַ גוטער איבערגעגעבענער פרייַנט, טוט אָפּ פאַר אים וואונדער אָן זייַן וויסן, פירט אים צום ריכטיקן ציל מיט דעם קירצסטן וועג, דורך אומגעריכטע צופאַלן, דורך „קפיצת הדרך" — מיט איין וואָרט, די פאַרבאָרגענע קראַפט אין אונדז האָט אַלע מעלות, וואָס די גלויביקע שרייבן צו צו די מלאכים־באַשיצער.

און אַזוי פאַרקערט. שלעכטע מעשים, דער אויסדרוק פון בייזן ווילן

און ווינטשן, גיבן דעם מענטשנס פאַרבאַרגענע כוחות די צעשטערנדיקע אייגנשאַפטן פון שדים און מחבלים.

די מלאכים און די שדים — דאָס זיינען אַלץ דעם מענטשנס פאַר־באַרגענע כוחות, וואָס געשטאַלטן זיך און ווערן אַרויסגערופן צו אַ זעלבסט־שטענדיקן לעבן לויט זיין ווילן און ווינטשן.

יאָ, דאָס איז דער כישוף פון וואונטשן און פאַרלאַנגען — לויט דער לעגענדע. און די נייסטע פסיכאָלאָגיע שטימט איין מיט דער לעגענדע. איין מאָל לאָזט מען די פאַרלאַנגען און וואונטשן אַריין אין זיך און מען לאָזט זיי אין גאַנג — געווינען זיי ווי זעלבסטשטענדיקייט איבער אונדז און נעמען געוועלטיקן צום גוטן אָדער צום בייזן. וואָרום יעדער געדאַנק, פאַרלאַנג, האָט לעבן אין זיך, יעדעס טיילכעלע פון אונדזער נשמה האָט אונדזער גאַנצע נשמה אין זיך, און ציט אונדזער גאַנצן נפש אַריין.

ווי דאָס איז סימבאָליזירט אין דער לעגענדע וועגן „דיבוק". אַ שלעכטע מחשבה, אַ זינד, וואָס מען איז באַגאַנגען — איז ווי אַ דיבוק האָט זיך אין מענטשן אַריינגעכאַפּט.

די לעבעדיק געוואָרענע זינדיקע מחשבה, דער דיבוק, וועט אַרויס־שרייען קעגן דעם מענטשנס ווילן, וועט אַרבעטן מיט זיינע הענט און פיס, און ער וועט זיך ניט קאָנען העלפן...

און אַזוי ווי די פרומע פאַרציטיקע יידישע וועלט האָט אויך אומ־שולדיקע ליבע באַטראַכט פאַר אַ תאווה, האָט זי אויך אין ליבע געזען אַ קליפה, אַ דיבוק.

און דאָס איז דער סוזשעט פון אַנ־סקיס דראַמע. אַ מיידל וויל ניט חתונה האָבן, ווייל זי איז גאַר פאַרליבט אין אַ בחור, וואָס איז געשטאָרבן. זאָגן אַלע גוטע און פרומע לייט, אַז אַ דיבוק האָט זיך אין איר באַזעצט.

קומט אַנ־סקי און זאָגט: ניין, ליבע איז כשר, ליבע איז הייליק. און צו דער פאָלקס־לעגענדע האָט אַנ־סקי צוגעגעבן אַן אייגענעם שלוס. די ליבע ווערט אויסגעלייזט. אַ מלאך, אַ געלייטערטע נשמה באַהעפט זיך מיט לאהן און נעמט זי אַוועק אויף יענער וועלט.

דאָס איז דער זין פון אַנ־סקיס „דיבוק": ליבע איז אַ לעבעדיק באַ־שעפעניש — אָבער ניט אַלע מאָל אַ שלעכט באַשעפעניש ווי דאָס פאָלק מיינט. און אַפילו ווען ליבע איז אַ שלעכט באַשעפעניש, קאָן זי דער־הויבן, געאַיידלט און געלייטערט ווערן און ווערן אַ מלאך.

אָבער דער דאָזיקער זין איז ביי אַנ־סקין קוים, קוים אָנגעדייט. פיל שאַרפער האָט אַנ־סקי אַרויסגעבראַכט, אַז פאַרלאַנגען זיינען לעבעדיקע

באַשעפּענישן, אין זיין צווייטער ניט פאַרענדיקטער דראַמע, וואָס קאַציזנע האָט פאַרענדיקט און איז געשפּילט געוואָרן אין וואַרשע פון דער ווילנער טרופּע.

אַ רבי זינדיקט אין זיינע מחשבות, טראָגט זיך אַרום מיט הולטאַיסקע געדאַנקען: אויסערלעך אַ נזיר, קוועלט ער זיך אינערלעך מיט תאווה.

נו, נו, פאַרשפּרייט זיך צווישן די חסידים אין רבינס הויף אַ ווילדער קלאַנג, אַז מען האָט דעם רבין געזען ביינאַכט הולטאַיעווען מיט גויעס און שדכעס, רחמנא ליצלן, אין אַ חורבה אויסערן שטאָט. די גבאים לייקענען; זיי שווערן, אַז דער צדיק האָט פּונקט דעמאָלט גאָר געפּראַוועט חצות אין זיין חדרל...

דאָס איז געווען אמת. אָבער ווען ער האָט געפּראַוועט חצות, האָבן זיינע תאוות געטאַנצט אַ שדים־טאַנץ אין אים — און האָבן אָפּגעוואָרפן פון זיך לעבעדיקע שאָטנס אין דער חורבה.

און דאָס האָבן די חסידים געזען, — בפועל ממש געזען, שווערן זיי.

דאָס שטימט מיט דעם יידיש־מיסטישן גלויבן, אַז יעדע מצווה — אפילו אַ געטראַכטע — באַשאַפט אַ מלאך, און יעדע עבירה — אפילו אין געדאַנק — באַשאַפט אַ שד.

מיר באַהויפּטן נאַטירלעך ניט, אַז עס איז בוכשטעבלעך אַזוי, אָבער דער פּסיכאָלאָגישער אמת איז, אַז פאַרלאַנגען — גוטע און שלעכטע — רעגירן דעם מענטשנס לעבן, ווי זיי וואָלטן לעבעדיקע באַשעפענישן געווען...

דעם זעלביקן געדאַנק, אין אַן אַנדער פאָרמע, באַגעגענען מיר ביי איבסענען:

איבסענס בוימייסטער, סאָלנעס, גייט שטענדיק אַרום אין אַ טראַנס. מיט יאָרן צוריק האָט אַ יונג מיידעלע געמאַכט אויף אים אַ געוואַלדיקן איינדרוק. ער האָט זי פאַרגעסן, אָבער דער איינדרוק איז געבליבן טיף איינגעגראָבן אין זיין נשמה. ער איז באַשאַנקען מיט אויסערגעוויינלעכע כוחות. ער קאָן בויגן מענטשן צו זיין ווילן. ער קאָן אַלץ דערגרייכן דורך זיין ווינטשן. רעדנדיק וועגן זיינע כוחות צו דערגרייכן אַלץ דורך ווינטשן, דריקט ער זיך אויס, אַז עס זיינען דאָ „העלפערלעך און דינערלעך". ער לאָזט אָבער איבער אויף אַן אַנדער מאָל צו דערקלערן ווער עס זיינען די „העלפערלעך און דינערלעך". דער פאַרפאַסער קערט זיך שוין ניט אום מער צו דער טעמע. און עס איז ניט נויטיק. פאַר סאָלנעסן, דעם אומאַנטוויקלטן מענטשן, זיינען אויסערגעוויינלעכע כוחות שרעטעלעך, וואָס העלפן אים און דינען אים. דער אינטעליגענטערער לייענער, אָדער הערער, ווייס שוין אַליין, אַז די „העלפערלעך און דינערלעך" פון דעם מאַן

מיט די וואונדערבאַרע כוחות זיינען זיין אויסערגעוויינלעך אַנטוויקלט וועלן און ווינטשן.

דער מאַן מיט די וואונדערבאַרע כוחות איז אָבער אַ שלעכטער מענטש. ער איז אַ בוימייסטער, אָבער ער לאָזט ניט די יונגע טאַלאַנטן אויף דעם געביט זיך אַנטוויקלען און געווינען באַרימטקייט. זיין קראַפט צו בויגן מענטשן צו זיין ווילן, צו היפּנאָטיזירן, נוצט ער אויס פאַר ניט־ריינע געשעכטלעכע באַפרידיקונגען. דאָס קליינע טייוולשע מיידעלע, וועלכע האָט געמאַכט אויף אים אַזאַ טיפן איינדרוק, איז אויך פון אים פאַרהיפּ־נאָטיזירט, און כאָטש אַן זיין פולן באַוואוסטזיין, ניט מיט קיין ריינעם צוועק, ווערט דאָס מיידעלע, ווען זי איז שוין אַ בליענדיקע, צויבערלעכע שיינקייט, דער שד וואָס ברענגט זיין אונטערגאַנג. אַ נאַטירלעכער רע־זולטאַט פון זיין בייזן וועלן און ווינטשן.

די גאַנצע העכערע שיינע ליטעראַטור איז די לעצטע יאָרן דורכגע־דרונגען פון דער פילאָזאָפיע וועגן די וואונדערבאַרע כוחות פון שטרעבן, פון וועלן און ווינטשן.

אין דער מערקווירדיקער אַמעריקאַנער דראַמע „יורשים”, פון סוזאַן גלעספּל, זאָגט איינער פון די האַנדלנדיקע פּערזאָנען:

„מיר האָבן הענט, ווייל מיט הונדערטער טויזנטער יאָרן צוריק, איידער דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן, איז געווען אַן איינפּלוס, אַ שטרעבן, צו טאָן וואָס איז קיינמאָל פריער ניט געטאָן געוואָרן. עס זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געוואָלט זיין מער ווי דאָס לעבן איז דעמאָלט געווען. פון דעם דאָזיקן שטרעבן זיינען געקומען טאַטן, און די טאַטן האָבן באַ־שאַפן די זאַך, מיט וועלכער עס ווערן אויפגעטאָן גרויסע טאָטן”.

און ווייטער:

„מיר האָבן זיך אַליין געמאַכט — דורך דעם וועלן זיין מער ווי דאָס לעבן, דורך אונדזער העכערן שטרעבן”.

און ווייטער:

„מיר זיינען וואָס מיר זיינען, ווייל אין אַלע צייטן זיינען געווען מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט זיין מער ווי דאָס לעבן איז געווען”.

גאָט האָט געזאָגט צו אברהמען:

„איך וועל דיך מאַכן פאַר אַ גרויס פאָלק, איך וועל גרויס מאַכן דיין נאָמען, און זיי אַ בענטשונג!”

ער וועט טאָן פאַר אים אַלצדינג, אָבער אַ בענטשונג מוז ער אַליין ווערן. „זיי אַ בענטשונג!” דורך דיין אייגענעם שטרעבן, דורך דיין איי־גענעם וועלן און ווינטשן, זאָלסטו אויסאַרבעטן אין זיך דעם וואונדער־

באַרן כוח צו זיין אַ בענטשונג, אַ ברכה פאַר זיך אַליין און פאַר אַנדערע.

„זיי אַ בענטשונג!" זאָגט דער נייער חסידיזם צו יעדן מענטשן. דו קאָנסט דאָס דערגרייכן דורך דיין שטרעבן, דורך דיין וועלן און ווינטשן. קיינער וועט דיר דערצו ניט העלפן. גאָט האָט אברהמען דערצו ניט געהאָלפן. אַליין, מיט דיינע אייגענע כוחות, מוזטו עס דערגרייכן.

און דו קאָנסט עס דערגרייכן!

זיי אַ בענטשונג!

באַשליס, אַז דו מוזט פאַרשפּרייטן ליכט, פרייד, זונשיין אַרום דיר. טרייב אַרויס פון דיין נשמה פאַרצווייפלונג, מרה־שחורה, כעס, בייזע פאַר־לאַנגען, איינגערעדטע שרעק. ווייל און ווינטש צו זיין געזונט, מונטער, אָוועקצושמייכלען יעדע אומאַנגענעמלעכקייט, אַריינצוזאַפּן אין זיך אַלץ וואָס גיט טרייסט און האָפענונג און מוט. לערן דיך, ווי אַזוי דערפאָלגרייך צו ווערן, ווי אַזוי צו דערגרייכן די שטופע פון קאָנצענטרירונג, אַז דיין גאַנץ וועזן זאָל דענקען איין פאַרלאַנג, אָדער, אין דער שפּראַך פון אונ־דזערע מיסטיקער, ווי צו דערגרייכן די מדרגה פון דביקות, באַרעכן אַז עס איז ווערט דו זאָלסט אָוועקגעבן צייט און מי אויף דעם, ווייל די באַלוי־נונג איז גאָר ניט אָפּצושאַצן, די פּראָצענט פון דיין אַרבעט איז דער כוח אויפצוטאָן וואונדער, צו ווערן דער מייסטער פון דיין אייגענעם שיקזאַל און אַ קוואַל פון פרייד פאַר אַנדערע. באַרעכן דאָס אַלעס און שאָקל אַראָפּ פון זיך דיין פוילקייט, דיין נאַריש אָפּלייקענען אַלץ וואָס איז פאַר דיר ניי, און פלייס זיך, לערן, נעם זיך צו דער אַרבעט און —

זיי אַ בענטשונג!

דער כישוף פון דעם נאָמען

(אויטאָ־סוגיעסטיע אין דער אָנווענדונג אויף דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט).

דאָ ווילן מיר באַהאַנדלען אַ פּסיכאָלאָגישן גרונט־אמת, פון וועלכן אַ סך אַנדערע אמתן נעמען זיך אַרויס ווי טייכלעך פון אַ קוואַל. — עס האַנדלט זיך וועגן די פאַרוואַנדלונגען — וואָס מענטשן — יחידים און גאַנצע מאַסן — מאַכן אָפט דורך. מיר זעען עס אין טאָג־טעגלעכן לעבן, און מיר האָבן דערפון אַ סך ביישפּילן אין דער געשיכטע. ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך? — גייען מיר צו דער פּסיכאָלאָגיע, און מיר פרעגן: — ווי אַזוי? — אַנטפּלעקט זי אונדז אַ סוד, אַ פּסיכאָלאָגישן געזעץ — דאָס געזעץ פון רע־אינטערפּרעטאַציע, פון זעלבסט אויסטייטשונג.

אין די געוויינלעכע טעקסט־ביכער פון פּסיכאָלאָגיע ווערט דער געזעץ באַהאַנדלט — נאָך אונדזער מיינונג בלויז טיילווייז באַהאַנדלט — אונטער די נעמען: זעלבסט־היפּנאָז, אויטאָ־סוגעסטיע.

די אָנווענדונג פון דעם געזעץ ביי די פּסיכאָלאָגן איז אַ גאַנץ ספּעציעלע, מען קאָן זאָגן: אַ מעדיצינישע. ער דינט זיי אַלס היילמיטל אין ספּעציעלע פאַלן צו היילן „שטיקלעך מענטש" — איינצלנע אברים, וואָס זיינען קאַליע געוואָרן דורך עפּעס אַ פּגימה אין די נערוון; צו היילן וואונדן אין מענטשלעכן כאַראַקטער — שיכּרות, משוגעתן און אַנדערע חסרונות. זיי „פאַרריכטן" דעם מענטשן.

מיר מאַכן פון דעם געזעץ אַ ברייטערן געברויך. מיר ווענדן אים אָן אויף דער גאַנצער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט, אויף דעם נאָרמאַלן דורכשניטס מענטשן, וועלכער ליידט אויסערלעך אויף קיין חסרונות ניט, אויסער דעם הויפּט־חסרון: נאָרמאַלע דורכשניטלעכע נישטיקייטן — אַ חסרון, וואָס דאָקטוירים־פּסיכיאַטרען נעמען זיך ניט אונטער צו היילן, נאָר די רעליגיע פאַרזיכערט, אַז זי טוט עס: זי העכערט דעם גראַד פון מענטשנס נשמה; זי גיט אים ניי־געבורט.

מיר ווילן אָבער דאָ דעם געזעץ באַהאַנדלען ריין פּסיכאָלאָגיש.

אַרויסנעמענדיק אים פון די רעליגיעזע פּלאָנטערס, אין וועלכע ער איז פאַרוויקלט; מיר וועלן ניט רופן צו הילף דעם אויבערשטן — מיר וועלן אים באַהאַנדלען ווי אַ וואָכעדיקן ענין, כדי ניט אַרויסצורופן קיין שום ווידערשטאַנד ביי די לעזער. ווייל דער געזעץ איז אַזוי וויכטיק, זאָל ער פון זיי אָנגענומען ווערן אָן שום ספיקות — דערנאָך וועלן מיר זען, וואָס רעליגיע קאָן צו אים צוגעבן.

אַזוי ווי דער געזעץ האָט אַ ברייטערע פאַרווענדונג, ווי די פּסיכאָ־לאָגן מיינען, איז ער אויך אין תוך אַ סך ברייטער ווי אויטאָ־סוגעסציע: ער אַרבעט אין אונדז כסדר, אָן ספּעציעלע הכנות; ער איז אַ פּערמאַנענ־טער טייל פון אונדזער געמיט און באַוואוסטזיין; ער פורעמט אונדז; ער דערהויבט און דערנידעריקט; ער מאַכט אונדז פאַר דאָס וואָס מיר זיינען.

מיר וועלן באַטיטלען דעם געזעץ: דער כישוף פון דעם נאָמען.

דער כישוף פון דעם נאָמען מיינט, אַז די נשמה שאַפט זיך דורך דעם נאָמען, וואָס זי גיט זיך אַליין; דורך דעם וואָרט, וואָס זי רעדט אַרויס אויף זיך; דורך איר אייגענעם פירוש אויף זיך; דורך איר זעלבסט־אויסטייטשונג און זעלבסט־אָפּשאַצונג.

מחמת אין דער נשמה איז דער נאָמען די עצם־זאַך; און אַלץ ווענדט זיך אָן דעם נאָמען נאָך, אָן דעם ווי זי האָט זיך אויסגעטייטשט.

נעמט אַ מאָס פון אייער אייגענעם לעבן, שטעלט אָן אויף אים דעם לאָמטערן פון אייערע דעראינערונגען, וועט איר זיך איבערצייגן, וויפיל מאָל דער ליכט פאָס האָט געענדערט זיינע פאַרבן. ניט איינמאָל האָט איר זיך אָפּגעשטעלט און „עס האָבן זיך אייך געעפנט די אויגן“, „עפּעס נייעס איז אין אייך אויפגעגאַנגען“ און איר האָט געביטן אייער שטימונג. וואָס הייסט דאָס? איר האָט זיך אַנדערש אויסגעטייטשט, און ניט נאָר די האַנדלונגען, אַפילו די געדאַנקען אייערע פאַר פילע יאָרן האָבן געענדערט זייער אינהאַלט נאָך אייער פאַרלאַנג. וועט זיך אייך לייגן איצט אויפן שכל, אַז אין אַ געוויסן טאָג פון אייער לעבן קאָנט איר זיך אָפּשטעלן און זאָגן צו זיך אַליין: איך וויל איצט באַוואוסטזיניק אונטערנעמען אַ נייע אויסטייטשונג פון מיין גאַנצן לעבן. יאָ, איר טוט עס אויף טריט און שריט!

דער מענטש קאָן זיך אַליין בענטשן, און געדייען אונטער זיין איי־גענער ברכה.

אַ ווי גויטיק דער היינטיקער מענטש דאַרף אַ ברכה אויף זיך! וואָרים אַזוי ווי דער היינטיקער דורכשניטלעכער מענטש איז, טויג ער ניט. אַזוי

ווי ער איז, איז ער אַ גאַרנישט, אַ שוואַכלינג, אַ טאַלאַנטלאָזיקייט; אַ הילפלאָזער, אַ געצוואונגענער, אַ געגנויטער; אַ שקלאַף פון די אומשטענדן.

זאָגן מיר אָבער אַז יעדער איינער קען אַרויסרופן אין זיך פעאיקייטן, ווילן, זכרון, פאַרשטאַנד; גבורה און טאַלאַנט, אַפילו ווען ער האָט פריער גאַרניט פאַרמאָגט פון דעם; און אַנשטאָט צו זיין אַ שקלאַף פון די אומשטענדן, זאָל ער ווערן האַר און מייסטער איבער זיי.

דאָס איז אונדזער איבערצייגונג, און אין דער איבערצייגונג זיינען מיר ניט אַליין; דאָס איז דאָס לעצטע וואָרט פון דער פסיכאָלאָגיע.

צו יעדן איינעם פערזענלעך זאָגן מיר: מענטש, טו זיך אָפּ אַ וואונדער, באַשאַף זיך פון דאָס ניי!

ווען דו ביסט קראַנק, קליין און נישטיק, מאַך זיך געזונט, גרויס און שטאַרק! — דו קענסט עס. עס איז דאָ אַ פאַרבאָרגענער כוח אין דיר. ווען דיין געמיט איז געבראָכן, קענסטו לאָזן אים אָנקוועלן מיט פרייד — עס איז דאָ אַ געהיימער קוואַל אין דיר.

אָבער ווי אַזוי קאָן אַ מענטש זיך אַליין איבערשאַפן, און פאַרוואָס קאָן אַ מענטש זיך בענטשן און געדייען אונטער זיין אייגענער ברכה? דאָס איז דערפאַר, ווייל אויך איצט ניט ווייסנדיק דערפון שאַפט דער מענטש זיך אַליין סיי ווי סיי. נאָר ער שאַפט זיך שלעכט. אַנשטאָט זיך צו בענטשן, פאַרשילט ער זיך. ער פאַרשילט זיך מיט פאַרשיידענע קללות — טאָג־טעגלעך — אומבאַמערקט. אָבער זיין ערגסטע קללה אויף זיך אַליין איז — זיין איינרעדעניש, אַז דאָס וואָס ער איז געוואָרן דורך ירושה און אומשטענדן דאָס איז ער, און מער קאָן ער ניט זיין. ער רעדט זיך איין, אַז אים איז שוין באַשערט צו זיין אַ גאַרנישט און אַ שוואַכלינג, און עס איז פאַרפאַלן. עס איז אים איינגעטיילט געוואָרן, מיינט ער, אַ קליין ביסעלע פעאיקייט, אַז עס איז אים אָפּגעמאָסטן געוואָרן אַ קליין ביסעלע כוח — קאָן ער דען זיך העלפן? אַנדערע זיינען מזלדיקער פון אים — גלויבט ער. גיי שפּאַר זיך מיט גאָט, נאַטור און אומשטענדן.

און אַזוי ווי ער רעדט זיך איין, אַזוי איז ער.

און אַזוי ווי ער גלויבט, אַזוי איז ער — אַן אומבאַהאָלפענער, אַן אָפּגעמאָסטענער, אַן אָפּגעוואויגענער.

אַ געבונדענער, אַ געצוואונגענער, אַ געגנויטער — אַ שקלאַף פון די אומשטענדן — פון די אומשטענדן אין אים און אויסער אים.

אָבער עס איז ניטאָ אַזאַ נויטווענדיקייט, דער מענטש זאָל מוזן בלייבן דאָס וואָס ער איז און ניט מער!

יעדער קען איבערשפּאַרן די נויטווענדיקייט, איבערצווינגען דעם

צוזאַנג און דורכפירן אין זיך אַ נייעם שאַפונגס־אַקט און באַשאַפן זיך פון דאָס־ניי.

ווי אַזוי? אַט אַזוי ווי ער האָט זיך אויסגעטײטשט צום שלעכטן, זאָל ער זיך אויסטייטשן צום גוטן.

זאָל ער נאָר זיך באַפרייען פון דער אײנרעדעניש, וועלכע איז זיין קללה.

איבער יעדן פון אונדז הערשט אַ שלעכטע אויסטייטשונג און זי שאַפט די נויטווענדיקייט פון אַלע געזעצן, אונטער וועלכע מיר זיינען אונטער־וואַרפן. וואָס מיר פאָדערן איז נישט מער און נישט ווייניקער, ווי איבער־צושפּאַרן די נויטווענדיקייט. מיר ווילן זיין מער וויפיל אונדז איז באַ־שערט, מיר ווילן זיך ניט באַנוגענען מיט די אונדז געשטעלטע גרענעצן. מיר זיינען פאַרמשפט צו אַ געוויסער מדרגה פון כוחות. איבער אונדז הענגט אַ פסק־דין, וואָס עמעצער האָט אונדז אַרויסגעגעבן, — דאַרפן מיר זיך באַפרייען פון דעם משפט, זיך לויז מאַכן פון דעם פסק־דין! זיינען מיר אַליין עס, וואָס פאַרמשפטן זיך אַליין; מיר אַליין זיינען עס, וואָס גיבן דעם פסק אַרויס איבער זיך — דורך שטענדיקע און אומאויפהערלעכע, מיאוסע און געמיינע, בייזע און נידעריקע אויסטייטשונגען אונדזערע אי־בער זיך אַליין.

אויף די פראַגן: וואו און אויף וואָס פאַר אַן אופן גייט די אויס־טייטשונג? — ענטפערן מיר: הער זיך צו צו זיך אַליין! מעגלעך אַז אָפיציעל, פאַר דער וועלט, פאַרמאַגסטו געדאַנקען פיין געשפּיצטע און אידייען הויך געטורעמטע, און דו פאַרמאַגסט די שענסטע און די בעסטע מיינונג וועגן זיך, אָבער דאָס אַלץ וואַלגערט זיך אין דיין אויבערשטן מאָרך־קעסטעלע און עס הויבט דיר ניט אָן צו נוצן, — וואָרים אינעווייניק קלאַפּט דאָס הערצעלע טיק־טאַק און אַ פסק, טיק־טאַק און אַ פסק, און פסקנט גאָר אַנדערש, ווי דו רעדסט וועגן זיך.

דאָס זיינען ניט אַזוי די אָפענע, באַוואוסטזיניקע זעלבסט־פאַראור־טיילונגען, נאָר די שטילע באַהאַלטענע, היטן־אַרומיקע זעלבסט־אויס־טייטשונגען, וואָס גנבענען זיך אַריין אין געמיט מיט די ניט געוואָלטע, ניט געמיינטע געפילבעלעך, נאָך גיכער מיט די קליינע, אומבאַמערקטע האַנדלונגען . . .

דו טענהסט, דו ביסט אַ גיבור, און קוים באַווייזט זיך אַן אַנדער אמתער גיבור, ווי דו ווערסט אויסער זיך, דו קענסט עס ניט פאַרטראָגן און דו געפינסט ניט גענוג ווערטער אויסצושרייען דיין פאַראיבל, — און דערמיט באַשטעטיקסטו, אַז אַליין ביסטו אַ חלוש. אַ שוואַכלינג . . . דו ביסט פאַר־

ליבט אין פּראַכט און רייכטום, וואָס בליען אַרויס פון אַן אײדעלער נשמה, און טאָמער נעמט גלאַנצן דער שטערן פון דיין חבר מיט דעם ליכט פון נשמה־שטראַלן, ווי דו, ווערסטו ניט מיד וואַרפנדיק קנאהדיקע בליקן, — און מיט דעם זאָגסטו עדות, אַז אַליין ביסטו אַן אביון וואָס פאַרמאָגט נאָר אַ בעטלער־טאָרבע... דו רימסט זיך מיט דער פרייהייט, וואָס דו טרויסט צו אַ מאַן און אַ פרוי, און ווען דער מאַן און יענע פרוי האָבן געטאָן גלוסטן, לויפט גלייך אַריבער דיינע ליפּן אַ שוים פון כעס און אַנטריסטונג, און דו רעדסט אַרויס אַ וואָרט, — הלוואי וואָלטן עס דיינע אייגענע אויערן ניט געהערט... און צו דער אייגענער צייט פריידיקסטו די דרייסטע טאָט. און נאָך איידער די געפאַר האָט זיך דערנענטערט צו דיר, האָט דיין האַרץ שוין אַ טיאַכקע געגעבן, און דו? — דו האָסט עס אָנגענומען פאַר ליב... און ווען דו פירסט צוזאַמען דעם חשבון, שטעלט זיך אַרויס, אַז דיין „איך" איז אַ באַשטימטע באַשעפעניש מיט פעסטע גרענעצן, וואָס ליגט זיך צונויף פון לויטער קללות: בעל־קנאה, בעל־תאווה, בעטלער, פייגלינג, שוואַכלינג... דו ביסט ווי דער פראָש וואָס יידישע קינדער — קליינע, מיין איך, — גלויבן, אַז ער איז אַ גלגול פון אַ רשע, און זיין קוואַקן איז אַ פלוכן און שעלטן.

און ווען דו כאַפּסט זיך אויף אין אַ געווויסן פרימאָרגן און פרעגסט זיך אַליין: ווער בין איך? און ניט טראַכטנדיק ענטפערסטו זיך: איך בין אַזעלכער און אַזעלכער! אַ פאַרטיקער, אַ באַשטימטער, ניט צו ענדערן! און דו רעכנסט אויס אויף די פינגער אַלע די געוויסע אייגנשאַפטן, וועלכע שטעלן צוזאַמען דיין אינערלעכן באַגאַזש, און דו פילסט זיך אַרומעגרינגלט מיט הויכע מויערן, אַרומגעצאַמט מיט פעסטע גרענעצן... ביז אַהער און ניט ווייטער, דאָס און ניט עפּעס אַנדערש, אַזוי און ניט מער! און דו טענהסט צו זיך: איך בין אַ פאַרמשפּטער, אַ צוגעשמידטער צום שיקזאַל, וועלכער איז אומאָפּהענגיק פון מיין ווילן, אַ פאַרגליווערט שטיק פלייש... ניין, האָסט אַ טעות, ברודער לעבן!... דאָס איז ליגן, שקר וכזב! דו זוך אָקאָרשט אויס, דערגרונטעווע דעם אמת וועגן זיך, לאָז זיך אַרונטער אין די טיפענישן, וואו דיין נשמה האָט זיך אַזוי ליב צו פאַרשטעקן... און וועסטו זי אויסגעפינען, וועסטו איינזען, אַז זי שטעלט פאַר מיט זיך אַ תוכחה, מיט וועלכער דו אַליין פאַרשילסט זיך אַליין; אַ צעטל פון קללות איז אָנגעשריבן אויף אירע לוחות; טאָג־טעגלעך, שטונדע פאַר שטונדע שילסטו זיך אין די ביינער אַריין אומבאַמערקטערהייט דורך אַ קער, דורך אַ מאַך מיט דער האַנט, דורך אַ קרים מיטן אויג, דורך אַ לאַך, דורך אַ טראַכט, דורך אַ פאַרביילויפנדיקן געפיל... ווען איך דער

איבערפלאַך פון דיין נשמה שרייט און קלאָגט: אומגליק, אומגליק! — קומט פאַר אין איר אונטערגרונט אַן אומגעריכטער פראָצעס, וואו דו פאַרדאַמסט זיך אַליין, וואו דו ביסט גוזר אויף זיך אַ גזרה און טראָגסט אַרויס אַ פסק: חייב מיתה! און ווען דו כאַפּסט זיך אויף אין אַ פריי־מאָרגן און דו פילסט זיך שלעכט, מאַדנע, געפּייניקט, מיאוס, — גיכער פרעג זיך אויס: ווי איז דער נאָמען פון דער קללה, מיט וועלכער איך האָב זיך פאַרמיאוסט? ערגעץ וואו מוז זי אודאי לויערן אויף דיר! דיין יעדער טראָט איז אַרומגענומען מיט זיין „איך", אַ קללה אויף זיך. און דו זאָלסט זי אַנטדעקן! דאַן דאַרפסטו נאָך טרעפן איר נאָמען! און האָסטו אים, ביסטו געראַטעוועט: ענדער בלויז איר נאָמען. און דו פאַרוואַנדלסט די קללה אין אַ ברכה!

אָבער פון וואַנען נעמט זיך די גבורה צום געדאַנק, וואָס איז דאָך קיין ממשות ניט, גוזר צו זיין אויף אונדזער ממשות — אונדזער פלייש און בלוט, זי זאָל אויספאָלגן זיינע גזירות און באַפעלן?

אָט דאָס איז די מעשה — געדאַנק איז יאָ ממשות:

אין דער נשמה איז דער נאָמען די עצם זאַך. דאָס מיינט בלויז דער געדאַנק, אַז עפּעס עקזיסטירט אין אונדז, איז שוין גלייכצייטיק אַ ווירק־לעכקייט אין אונדז. ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך? איז דאָס ניט אַן אָפענער ווידערשפּרוך? געדאַנק און ווירקלעכקייט?

לאָמיר ניט פאַרגעסן אַז ווירקלעך זיין אין דער נשמה הייסט ניט מער און ניט ווייניקער ווי זיין אין געדאַנק. דער געדאַנק איז דאָ, איז ער שוין דערמיט ווירקלעך. ווי נאָר עס האָט זיך עפּעס באַוויזן אין אונדזער געדאַנק, נעמט ער שוין אַן אָנטייל אין אונדזער עקזיסטענץ. פּרוּווט נאָר אַ טראַכט טאָן וועגן „גליק" ווי אַ שימער פון גלאַנץ וועט באַטויען אייער בליק, און פּרוּווט זיך זאָגן: „איך בין גליקלעך", ווי איר וועט ממש פילן, אַז אייער האַרץ איז אייך געוואָרן ברייטער ווי לענגער. בלויז דער קיום פון געדאַנק קאָווירט שוין פאַר זיין ווירקלעכקייט, פאַר זיין אמתדיקייט. וועט איר דאָך פרעגן: טויזנטער געדאַנקען פליען אַפּטמאָל דורך אונדזער מוח אין איין רגע, עס שווימלט מיט געדאַנקען, זיי שטויסן און שטופּן זיך, פאַלן אַן איינער אויף דעם אַנדערן, ווידערשפּרעכן און פאַרלייקענען זיך, און ווען איין געדאַנק געלינגט צו פאַרבייטן דעם אַנ־דערן, צו פאַרנעמען זיין פּלאַץ, וויל ער אפילו קיין זכר ניט איבערלאָזן פון זיין פאַרויסגייער — היינט ווי קענען זיי אַלע זיין אמת? איז דען יעדע עקזיסטענץ פון יעדן געדאַנק אַן אמת און אַ ווירקלעכקייט? יאָ, יאָ, אַן אמת און אַ ווירקלעכקייט, — זיי אונטערשיידן זיך בלויז אין גראַד אמת,

און גראַד ווירקלעכקייט, אײנער פאַרמאָגט בלויז אַן אויגנבליקלעכע און פאַראיבערגייענדיקע עקזיסטענץ, אַנדערע, אָבער, אַ דויערנדיקע און בלייב־דיקע עקזיסטענץ. און אמתער פון אַלע זיינען יענע געדאַנקען, וועלכע זיינען בכוח אַריינצושעפּן אין זייער שפּיל וואָס מער פון אונדזער לייב און לעבן, צו פאַרנוצן וואָס מער גייסטיקע און קערפּערלעכע אָנשטרענגונגען און זיי ברעכן זיך דורך סוף כל סוף אַ וועג צו האַנדלונגען.

אַלזאָ, די געדאַנקען, וואָס איבערזעצן זיך אין האַנדלונגען; וואָס גייען איבער אין האַנדלונגען; וואָס באַשטעטיקן זיך דורך האַנדלונגען — יענע זיינען די אמתע, די אַנטגילטיקסטע געדאַנקען, וואָס גיבן דעם נאָמען.

געדאַנקען־האַנדלונגען, אָדער האַנדלונגען, וואָס זיינען געדאַנקען — דאָס איז אַלץ אײנס.

ווייל עס איז אַן איינגערעדטע זאַך, אַז דער געדאַנק מוז פאָרויסגיין, כדי די האַנדלונג זאָל קריגן אַ פּנים; אַז זי איז הער נאָכפאָלג פון גע־דאַנק. „באַקלער פריער וואָס דו קלייבסט זיך טאָן, און נאָכדעם טו” — זייער גוט. ווי אָבער אַז איך וויים אַליין ניט, וואָס איך מיין אויף צו אמתן, אָדער מיינען מיין איך טאַקע זייער גוט, אָבער איך בלייב בלויז ביים גוטן געדאַנק; קומט אַ צווייטער גוטער געדאַנק און זעצט זיך אַוועק לעבן ערשטן. און דו ווייסט שוין אַליין ניט, וואָסער געדאַנק איז בעסער; קומט אַ דריטער גוטער געדאַנק און קוקט די צוויי ערשטע אין די אויגן אַריין: בין איך ניט בעסער פאַר ביידן? — ווער קומט די בכורה? אַלע זיינען גוטע און בעסערע! זיץ איך אַזוי, זיצסטו אַזוי און פלאַסטערסט אויס דיין נשמה מיט גוטע אַבזיכטן און נאָך בעסערע כוונות, און דאָס איז דאָך, ווי איר ווייסט, דער קירצעסטער וועג אין גיהנום אַריין. דאַרף איך גרייפן צו האַנדלונגען, און יענע וועלן באַשליסן, וועלכער מיין מיינער איז הער בעסטער, אָדער בעסער געזאָגט, זיי וועלן אים ערשט באַשאַפן.

און עס איז אַמאָל נויטיק, ווען אַ מענטש איז מטושטש, און ער וויים ניט, וואָס ער מיינט, ער זאָל פאָרויסשיקן אַ האַנדלונג, איידער נאָך ער וויים, וואָס ער מיינט, וועט די האַנדלונג שוין אים אויסזאָגן, וואָס ער האָט געמיינט.

בלייבט ביי אונדז, אַז די אמתע געדאַנקען זיינען די יעניקע, וועלכע באַהויפּטן זיך שפּעטער אַלס האַנדלונגען. די האַנדלונג איז די העכסטע אינסטאַנץ פאַר אמתדיקייט, די האַנדלונג האָט דאָס לעצטע וואָרט! איי־דער די האַנדלונג האָט באַשטעטיקט, האָט די אידייע נאָך קיין אמתן נאָמען

ניט. דעם נאָמען גיט די האַנדלונג, זי איז די אויסטייטשערין און איר אויסטייטשונג גילט.

יאָ, אין דער נשמה איז דער נאָמען די עצם זאַך און דעם נאָמען גיט די האַנדלונג, אָבער ווער גיט דעם נאָמען דער האַנדלונג גופא? ווען מיר וועלן זיך גוט צוקוקן, וועלן מיר דערקענען, אַז די האַנדלונג גופא האָט נאָך אויך קיין ענטגילטיקן נאָמען ניט. ווי אָפט טרעפט עס, איר האָט באַגאַנגען אַ טאַט — און קוים ווי איר האָט זי באַגאַנגען ווי צוויי דערקלערונגען, צוויי אויסטייטשונגען וואַרפן זיך אַרויף אויף איר און ווילן זי דערראַבערן פאַר זיך, און איר צוויפלט, וואָס פאַר אַ נאָמען צו געבן אייער קינד, ווען צוויי נעמען ראַנגלען זיך פאַרן כבוד עס אָנצורופן. און ווען איר זייט שוין יאָ זיכער, און איר ווייסט, דאַכט זיך אַזוי גוט, וואָס אייער טאַט באַטייט, גיט אַ ריר דעם צודעק פון אייער באַוואוסטזיין, וועט איר באַלד דערשפּירן, אַז אין שטראָם פון אייער זיכערקייט שלאָגט יעדע מינוט אַריין אַ כוואַליע פון אומזיכערקייט און צוויפל, און ווען אַפילו איר זייט זאַט און אָנגעטרונקען מיט זיכערקייט, און איר מערקט ניט דעם שונא, וואָס לויערט אויף אייך אין אַ באַהעלטעניש, שטייט איר אויפצומאָרגנס אויף, און איר דערקענט זיך ניט — איר קוקט אויף די נעכטיקע טאַטן אייערע גאָר מיט אַנדערע אויגן: דאָס, וואָס איז געווען העלדיש און איידל פון אייך, איז געוואָרן קליינלעך און לעכערלעך, וואָס הויך — נידעריק... און איר חידושט זיך, ווי אַזוי האָט איר געקאָנט אָפּטאָן אַזאַ מיאוסקייט? — אַנדערע נעמען, אַנדערע פּנימער קענטיק, אַז תמיד גייט אין אונדז אַ מלחמה פון די נעמען — איינע האַלטן אָפּ נצחונות, אַנדערע כאַפּן מפּלות... וועלכע זיינען די גערעכטע, וועלכע די אומגערעכטע? אַלע זיינען די גערעכטע! פרעגט בעסער, וועלכע זיינען די שטאַרקערע? וועלכע וועלן גובר זיין? דאַרף קומען די צווייטע האַנדלונג און געבן אַן ענטפער אויף דעם.

איז דאָך ווידער אַ פראַגע: מיט וואָס בין איך באַוואָרנט, אַז די צווייטע האַנדלונג וועט געבן דעם ענדגילטיקן נאָמען? איז אין אמתן גערעדט, זי קען אויך אויסגעלייגט ווערן אויף צוויי — אָדער מערערערליי אַרטן, העכערע און נידעריקערע, — דאַרף די צוקונפט נאָכקומען און באַשטעטיקן, די פאָלגנדיקע האַנדלונגען דאַרפן דעם נאָמען געבן. די קייט פון די קעגנזייטיקע, זיך פאַרטייטשנדיקע האַנדלונגען ווערט קיינמאָל ניט אָפּגעשלאָסן, עס קאָן אַלע מאָל אונטערגענומען ווערן אַ נייע אויסטייטשונג. פאַרשטייט זיך, וואָס מער פריערדיקע האַנדלונגען שטייען און זאָגן עדות פאַר אַ געוויסן נאָמען, אַלץ שווערער ווערט די אַנדערשדיקע אויסטייטשונג, און ווען איינער איז שוין ווייט אַריינגעפאָרן אין לעבן און

נעמט עס קערעווען אויף צוריק, וועט ער זיך אַנמאַטערן, אידער ער וועט דערגרייכן זיין אויסגאַנג־פּונקט — אָבער אוממעגלעך איז עס ניט . . .

און איצט לאָמיר זיך דערמאָנען, אַז אײדער מיר רעדן וועגן יענע געדאַנקען, מיט וועלכע מיר טײַטשן זיך אַליין אויס, וועלכע גיבן אונדז די נעמען. אײדער די סאָרט געדאַנקען ווערן ווירקלעכקייט, מאַכן זיי דורך עטלעכע סטאַדיעס, וועלכע ברענגען זיי אַלץ נעענטער צו איר. אָנ־פאַנגענדיק מיט דעם ריינעם געדאַנק, וועלכער איז דער בלאַסטער אָפּ־שיין — דער אָנהויב פון דער ווירקלעכקייט, דורכגייענדיק דורך דעם פאַר־לאַנג און ענדיקנדיק מיט דעם גלויבן, וועלכער איז שוין כמעט ווי ווירקלעכקייט.

דער גלויבן איז דער פאַרזיי פון דער מאַטעריאַלער ווירקלעכקייט אין אונדז. דורך דעם געדאַנק ווערט זי פאַרשוואַנגערט, דורך דעם פאַר־לאַנג ווערט זי אויסגעטראָגן, דורכן גלויבן ווערט זי געבאָרן. דורכן גלויבן געווינען מיר אויף אַ באַשטעטיקדיקן עקספּערימענט, אַז געדאַנק און ווירקלעכקייט אין אונדז זיינען איינס. וויפיל מאָל זיינען אַזעלכע עקספּערימענטן צופעליק געמאַכט געוואָרן! אַלס ריי ביישפילן קאָנען די־נען די „וואונדערבאַרע היילונגען“, וואָס וויפיל איר זאָלט זיך ניט באַ־מיען זיי אָפּצולייקענען, וועט עס אייך ניט געלינגען. ניסים געשעען אויף אַ פּשוטן, נאַטירלעכן אופן. נעם זיך אַריין אין קאָפּ, גלויב, אַז דו ווערסט געזונט, און דו וועסט געזונט ווערן. גלויב, גלויב, אַז דו ליידסט אַזוי ווי דער געקרייציקטער קריסטוס און בלוטיקע וואונדן וועלן דיר אַרויס־שלאָגן אויף די פיס און אויף די זייטן, און אַ בלוטיקער קראַנץ אויף דיין שטערן, — אַזוי ווי ביי קריסטוסן, אַזוי זיינען באַשאַפן געוואָרן די הייליקע, איצט האָבן דעם „נס“ איבערגענומען דאָקטוירים און היילן נערוון חולאתו דורך דעם היפּנאָז פון גלויבן. עס גרינדן זיך אַפילו רעליגיעזע סעקטעס אויפן סמך פון היילונגס „וואונדער“ דורכן גלויבן. דער גלויבן ווערט קונצן־ניסים, אויף פאַרבלענדונגען. קריינקעלעך, וויטאַקלעך ווערן גע־האָלפן גלויבן ווערט געוואויגן און געמאָסטן. עס ווערט באַשאַפן אַ גלויבנס אַפּטייק.

די געבענטשטע קראַפט פון גלויבן ווערט פאַרשווענדעריש פאַר־ווענדט אויף קלייניקייטן, אויף פאַרשיידענע באַבסקע רפואותלעך. קול־טיווירט, אַנגעהאַדעוועט ספּעציעל צום צוועק פון קראַנקייטן. און די אומגעהויערע קראַפט פון גלויבן פאַרוואָס זאָלן מיר ניט מאַכן אַ בעסערן געברויך פון איר?

אַ געדאַנק, וואָס איז אָנגעזעטיקט מיט גלויבן, ווערט אַ קראַפט, וואָס

שאפט זיך אליין. אזא געדאנק איז ווי א פורעם שטענגעלע, וואס איז אריינגעטונקט אין די פליסיקע צעגליטע מאסע פון דער נשמה, און די פליסיקייט באוועגט זיך, שארט זיך ארום דאס פורעם־שטענגעלע, קלעפט זיך און באהעפט זיך צו אים, און פלעכט זיך אויס נאך אים. דאס פורעם־שטענגעלע זויגט דעם חיות, די זאפטן פון דער גאנצער נשמה־סביבה. אזא אידייע קראפט איז ווי א שטארקער שפראצערל, וואס ברעכט זיך דורך א וועג דורך דעם דיקן שלוים פון די ארומגערינגלטע געדאנקען — שא־לעכצן,— ער ברעכט זיך דורך א וועג צו האנדלונג.

און איצט, אז מיר וויסן שוין, ווי דער געדאנק ארבעט, ווי ער גיט אונדז א נאמען און פורעמט אונדז; ווי ער לויפט צו דער האנדלונג נאך א באשטעטיקונג, און ווי די האנדלונג רופט צו הילף דעם געדאנק אויף אויסצוטייטשן זיך, און דער אויסטייטשנדיקער געדאנק דארף ווידער אמאל אנקומען צו דער האנדלונג פאר א באשטעטיקונג — עס איז א כסדרדיקע קעגנזייטיקע הילף צווישן זיי!

און נאר וואס האבן מיר זיך דערוואוסט, אז דאס איז דער גלויבן, וואס קרעפטיקט דעם געדאנק צו האנדלונג — אידער דער געדאנק דער־גרייכט די האנדלונגס־סטאדיע גייט ער דורך א גלויבנס־סטאדיע — איצט אז מיר וויסן דאס אלץ, קאנען מיר שוין צוטרעטן צו דער ברכה, מיט וועלכער מיר ווילן זיך בענטשן.

פאר א מוסטער וועלן מיר זיך נעמען די קללה. דער ברכה־מעטאד זאל נאכפאלגן דעם קללה־מעטאד. עס איז א קאפיע!

דער כלל איז: בענטש זיך, אזוי ווי דו האסט זיך פארשאלטן! דו האסט געגלויבט דיין קללה אויף זיך אליין! — דאס איז דער גאנצער סעקרעט. איבערחזרנדיק אין קורצן דאס פריערדיקע:

ווי אזוי ביסטו געקומען צו דער פארמינדערונג, און פארקלענערונג פון דעם גראד פון דיין נשמה? — מיר וויסן שוין: דורך א פארהוילענער, אפענער —פארשילטונג. דורך אריינשליידערן אין זיך די זידל־נעמען: זינדיקער, פוילנצער, שוואכלינג, ניט־צוגעפאסטער, אומפעאיקער, פאר־ברעכער!... מיר וויסן: אזעלכע קללות קומען תיכף, ווי נאר מען האט זיי ארויסגערעדט; זידלסטו זיך: זינדיקער! — פילסטו די שולד, דריקט דיך די לאסט, פארגינסטו זיך ניט קיין אומשולדיקע, פרייע, ניט באלאסטעטע טאטן, — זינדיקסו ווייטער און בלייבסטו דער זינדיקער... זידלסטו זיך: שוואכלינג! — טרויסטו זיך ניט אן קיין טאט, וואס פאדערט גבורה, ווערט דיין קראפט איינגעשרומפען, און פארשלונגען, בלייבסטו דער שוואכלינג... זידלסטו זיך: פארברעכער! — א פלעק פון שאנדע, א פלאמע

פון בזיון דעקט צו זיין נשמה און פֿאַרשטעלט די אַלע וועגן, דערלויבסטו זיך ניט צו גיין פֿאַרזיס, גייסטו ווי אַ גנב — בלייבסטו דער פֿאַרברעכער... די קללות זיינען מקוים געוואָרן. און כדי צו פֿאַרוואַנדלען די קללות, מיט וועלכע מיר האָבן זיך געשאָלטן, אין די ברכות מיט וועלכע מיר ווילן זיך בענטשן, נויטיקן מיר זיך אין אַ נייער אויסטייטשונג.

פֿאָלג נאָך דעם ביישפּיל פֿון די קללות. ניט די אויסגעפּוצטע געדאַנקען, מיט וועלכע דו באַצירסט דיינע ליפּן זיינען דער עיקר, נאָר די שטילע גנבישע געדאַנקעלעך, וואָס דו באַהאַלסט בחדרי־חדרים — אין זיי גלויבסטו! דו באַקליידסט זיי מיט געפּיל. און וואָס נאָך וויכטיקער: דו האַנדלסט לויט דיין גלויבן. דו ביסט זיי מקיים!...

איין קליין געדאַנקעלע, וואָס איז זיך מקיים אין אמונה, באַטרעפֿט מער, און באַשטייט קעגן אַ מנין, קעגן צען מניינים ניט געגלויבטע אויסגעפּוצטע געדאַנקען, וואָס טאַנצן אויף דיינע ליפּן.

גיב־זשע גוט אַכטונג אויף אָט די טיוולשע געדאַנקעלעך, שפּיר זיי אויס, ווען זיי פּרעפּלען זייער שעלטעריי דיר אין האַרצן אַריין — און האָסטו זיי געפּאַקט, קער זיי גלייך איבער אין זייער היפּוך, — אין ברכות — ניט קיין שוואַכלינג בין איך, זאָג, נאָר אַ גיבור! — און זיי זיי מקיים, אומגעצאַמט, דורך האַנדלונג אין אמונה — וועלן די ברכות פּונקט אַזוי אָנקומען, אפשר נאָך גיכער, ווי די קללות.

עס איז אַזוי לייכט איבערצוקערן די קללה אין אַ ברכה; די ברכה הויערט דאָנעבן און וואַרט — גאָר אָפּט סאַמע אונטער דער קללה. — אָט האָסטו זיך געזידלט: שוואַכלינג! — פֿאַרוואָס? דיר דוכט זיך, אַז דו קאָנסט זיך ניט באַהויפּטן קעגן די מענטשן אַרום דיר, קעגן דער סביבה. דאָס מיינט פּשוט ניט־צוגעפּאַסטקייט זאָגט עדות, אַז מיר זוכן זיך נאָך אַליין; עס איז אַ באַפֿעל: מיר זאָלן זיך אויסגעפֿינען! — לאָז זיך דאָס אויסלייגן צום גוטן: עס שטאַמט דערפֿון, וואָס מיר זיינען ביז אַהער זיך ניט טריי געווען; מיר האָבן פֿאַרלאָזן די אייגענע און געגאַנגען אויף פֿרעמדע וועגן, און פּלוצלינג האָבן מיר איבערגעריסן, געבראָכן מיט זיי. איז דאָך דאָס זייער פֿיין. עס ווייזט, אַז מיר גייען צוריק צו זיך. דערפֿאַר טאַקע האָבן מיר דערפֿילט אונדזער ניט איינשטימיקייט מיט דער סביבה. ווען מיר וואָלטן געווען איינגעזונקען אין דער סביבה, ווי ביז אַהער, ניט אויסגעשיידט פֿון איר, וואָלטן מיר עס גאָר ניט דערפֿילט. מיר זיינען פֿאַלשטענדיק אונטער איר איינפֿלוס, מיר שפּירן קיין שום קעגנזאַץ ניט, מיר האָבן נאָך גאָר קיין אייגענעם פּנים ניט... אָבער אַז מיר האָבן ענדלעך עס יאָ דערשפּירט, בעט זיך דאָ אַ גוט וואָרט, ניט קיין טאַדל.

עס איז די שעת הכושר, דער גינציקער מאָמענט, אונטערצוגעבן זיך מוט מיט אַ בענטשונג. נעמען מיר און זידלען זיך גאָר אָפּ דערפאַר: שוואַכלינג! — פאַרוואָס קומט דאָס אונדז?

דאָס איז איינער פון אַ סך מעגלעכעביישפּילן, וואָס אַלע שטרייכן זיי אונטער דעם פאַקט, אַז יעדע קללה ווייזט אָן אויף אַ געוויסער ברכה, זי איז צוגעבונדן צו איר. די קללה איז אַ ניט־געלונגענע, פאַרקערטע ברכה. פיר אונטער אַ טיפערע אורזאַך אונטער דער האַנדלונג, וועלכע דו האָסט געשטעמפּלט מיט אַ נאָמען, וואָס האָט דיך מיאוס געמאַכט. עס קען ניט אָנגעגעבן ווערן אין דער נשמה איין אורזאַך, מען זאָל ניט געפינען אונטער איר נאָך אַ טיפערע. אַזוי איז שוין דער מענטש, און דאָס איז זיין גליקלעכער מזל. זיין נשמה האָט מערערע גרונטן, טיפערע איינער פאַר דעם אַנדערן, זי איז גרונטלאָז. טראָג אַריבער די אויסטייטשונג אויף אַ טיפערן גרונט, און אין דער נייער אויסטייטשונג זאָלסטו זיך באַשטימען!

יאָ, דאָס איז די מערקווירדיקע אַנטדעקונג, וואָס מיר מאַכן, ווען מיר הויבן אָן אַרבעטן אויף דער אייגענער איבערשאַפונג דורך זעלבסט אויסטייטשונגען, דורך דעם כישוף פון דעם נאָמען — עס שטעלט זיך אַרויס, אַז אונדזער נשמה האָט עטלעכע גרונטן, עטלעכע עטאַזשן, און יעדער עטאַזש האָט זיך זיין באַזונדערע אָרדענונג פון געזעצן, וואָס זיינען גרונט־פאַרשידן פון די געזעצן פון די אַנדערע אָרדענונגען. און עס ווענדט זיך אויף וועלכן עטאַזש, אין וועלכער נשמה־אָרדענונג מיר לעבן — אַזעלכע געזעצן גילטן פאַר אונדז — ניט בלויז פאַר אונדזער נשמה, נאָר פאַר אונדזער פיזישן וועזן אויך, פאַר אונדזער לייב און לעבן. אין וועלכער אָרדענונג מיר לעבן, זיינען מיר מחויב אָפּצוהיטן אירע געזעצן, און אונדזער קערפּער מוז זיך אויך זיי אונטערוואַרפן.

כדי צו פאַרשפּאָרן אַ סך רייד, וועל איך זיך באַנוצן מיט אַן אילוסטראַציע.

עס איז אונדז באַפאַלן אַ מרה־שחורה. מיר ווייסן ניט, וואו אַהין צו טאָן זיך. עס איז ניט גוט, ניט גוט, עס גייט אונדז דאָס לעבן ניט איין. עס רופט זיך אַפילו אָפּ אויף אונדזער געזונט: דער מאָגן אַרבעט ניט ווי געהעריק; דאָס האַרץ קלאַפּט ניט ווי עס באַדאַרף צו זיין.

גייען מיר צו אַ דאָקטאָר, וועט ער שטעלן אַ דיאַגנאָז, אַז אונדזערע נערוון זיינען זיך צעפאָרן, אונדזער לעבנס־ענערגיע איז צעקראָכן. ער וועט אונדז פאַרשרייבן נערוון־שטאַרקנדיקע רפואות, קור־בעדער אָדער באַרג־לופט. פאָלגן מיר אים, גרייזעלעך מעגלעך, אַז מיר זאָלן געזונט

ווערן. די נערוון וועלן זיך באַרואיקן, די מרה־שחורה וועט זיין ווי אָפּגע־ווישט; דער מאָגן און דאָס האַרץ וועלן נעמען אַרבעטן ווי עס באַדאַרף צו זיין.

דער דאָקטאָר האָט אונדז געהיילט לויט די געזעצן פון דער פיזיש־מעכאַנישער נשמה־אָרדענונג.

ווען מיר גיין מיט אונדזער מרה־שחורה צו אַ טאָלסטאָיאַנישן מאָ־ראַליסט, וועט ער רעדן מיט אונדז גאָר אַנדערע דיבורים: מיר האָבן געקרימט און געפעלשט קעגן אונדזער געוויסן, וועט ער זאָגן; מיר האָבן געהאַנדלט אומגערעכט צו זיך און צו אַנדערע, מיר האָבן אונדזער פליכט ניט געטאָן. דער קראַנקער געוויסן האָט אונדז קראַנק געמאַכט. די איינ־ציקע סגולה — שלום מאַכן מיטן געוויסן.

און נעמען מיר אָן דעם טאָלסטאָיאַנישן מוסר־דיאַגנאָז, וועלן אונדז ניט העלפן קיין רפואות און קיין קור־בעדער. אָבער מיר וועלן יאָ געזונט ווערן, ווען מיר וועלן זיך איבערבעטן מיטן געוויסן און נאָכקומען זיינע פליכט־פאָדערונגען.

דער טאָלסטאָיאַנער וועט אונדז היילן לויט די געזעצן פון דער מאָראַ־לישער שכר־ועונש אָרדענונג אין אונדזער נשמה.

ווען מיר וואָלטן זיך געווענדט צו אַ ניטציאַנישן מיסטיקער, וואָלט ער זיך אויסגעלאַכט: אוודאי האָט דער קראַנקער געוויסן דיך קראַנק געמאַכט! אָבער ווער האָט דיר געהייסן זיך צוהערן צו זיינע מיינונגען און דערלויבן אים גראַבלען דיך? צום טייוול מיט דעם קליין־עגאָאיזם און די קליין־שרעק פון קליין מענטשעלע! גיי העכער. לאָז אין דיר געוועל־טיקן דעם גרויס עגאָאיזם פון דעם איבערמענטשן, וואָס שטייגט דורך דיר...

און ווען מיר זיינען וויפיל ניט איז ניטציאַניש געשטימט און מיר הערן דעם רוף פון איבערמענטשן אין זיך, איז גריילעך מעגלעך, אַז ניט קור־בעדער און ניט געוויסנס־רעצעפּטן וועלן אונדז געזונט מאַכן, נאָר דווקא האַנדלונגען פון גרויס־עגאָאיסטישן פאַרנעם.

מיר ווערן געהיילט לויט די געזעצן פון דער איבער מענטש־אָרדע־נונג אין אונדז, וואָס איר גרונטגעזעץ איז, אַז כוח־איבערפלוס קומט, ווען מען פאָדערט עס — זאָל זיין אַפילו פאַר עגאָאיסטישע צוועקן, אַבי אויף אָן אָרט ניט געבליבן שטיין. אַבי אַריבערגעשפּאַרט די באַשערטקייט, אַבי אַרויפגעשטיגן אויף אַ העכערן פלעין, אַבי אָפּגעשאַפט די מחיצה, מיט וועלכער דער דורכשניט־מענטש פאַרשטעלט זיך דעם וועג אַרויף. — דורכ־שניטס־מענטש מיינט קיין כוח־פאַרמערונג, וואָס דאָס איז פאַרגוואַלטיקונג

פון מענטשן, ווען טבע איז דווקא אויסצושטרעקן זיך נאָך כוח...

און אַ יידיש־קאַבאַליסטישער, משיחיסטישער מיסטיקער וואָלט געזאָגט: יאָ, איבערמענטש, אָבער אַ צדיק־איבערמענטש. וואָרים עס איז דאָ מער צוזאָג פון כוח־פאַרמערונג אין פאַרשווענדן זיך אין ליבשאַפט צו אַנדערע, ווי אין אַרויספאָדערן כוח אין ליבשאַפט צו זיך אַליין. און ווען עס איז דאָ אַ ניצוץ פון משיחן אין אונדז, וועלן מיר געהיילט ווערן ניט דורך רפואות, און ניט דורך דעם מוסר־געוויסן און מאָס־פאַר־מאָס יושר, און ניט דורך דער רשעות פון איבערמענטשן, נאָר דורך גרויס־נשמהדיקן דערלייזונגס־פאַרמעסט.

מיר וועלן געהיילט ווערן לויט די געזעצן פון דער משיחיסטישער אָרדענונג אין אונדז, וואָס איר גרונט־געזעץ איז: ווער עס גיט אַוועק רייכטום, מער אַפילו ווי ער פאַרמאָגט, ווערט ער באַרייכערט כפל־כפלים...

אָט די אַלע אָרדענונגען צוזאַמען, מיט זייערע באַזונדערע געזעץ־סיסטעמען, זיינען פאַראַן אין אונדז — עטאַזש איבער עטאַזש, פלעין אויף פלעין — און יעדער פון אונדז לעבט צוביסלעך אין אַלע אָרדענונגען, אָבער איין אָרדענונג איז פאַר אים די הערשנדיקע, וואָס אירע געזעצן פאָלגט ער הויפּטזעכלעך אויס. און איינמאָל האָבן מיר אָנגענומען אַ סיסטעם פון געזעצן, גילטן זיי פאַר אונדז; מוזן מיר זיך אונטערוואַרפן בלב ונפש — אַניט ווערן מיר באַשטראָפט. אַ צדיק וועט האַרבער באַשטראָפט ווערן פאַר אַ לייכטער עבירהלע, ווי דער געוויינלעכער בשר ודם.

עס איז דער געזעץ פון אַלע אָרדענונגען — יעדער זאָל זיך פירן לויט דעם מנהג פון זיין פלעין — אָבער נאָר ביז אַ צייט.

וואָרים עס איז יאָ מעגלעך אַריבער צו וואַנדערן פון אָרדענונג צו אָרדענונג, אַריבערצוטראָגן זיך פון פלעין צו פלעין — צו זינקען אָדער שטייגן. זיי זיינען האַרט נאָענט איינע צו דער אַנדערער, גלייך אונטן אָדער גלייך אויבן, אָדער איינע אין דער אַנדערער — אונדזערע רוים־באַגריפן פאַסן זיך ניט אין דער נשמה־אַריין.

און עס טרעפט, מיר האָבן זיך מיט אַ נעגעלע פאַרטשעפּעט אָן אַ נידעריקערן פלעין, און דער גאַנצער נפש ווערט אַרונטערגעצויגן; אָדער פאַרקערט: מיר האָבן מיט די שפּיץ־פינגער זיך איינגעקלאַמערט אָן רוים פון אַ העכערן פלעין (אָדער דאַרף מען זאָגן: פון אַ טיפערן פלעין) — און דער גאַנצער נפש אונדזערער ווערט אַרויסגעצויגן: מיר דאַרפן נאָר גלייך נעמען מקיים זיין די געזעצן פון העכערן פלעין. איין גרויסע האַנדלונג אין גייסט פון העכערן פלעין איז אָפט גענוג פאַר אַ הויב־שטאַנג.

און מאָדנע: גלייך דערפילן מיר, ווי די נשמה־אַטמאָספערע האָט זיך

געביטן: מיר אָטעמען אַ נייע לופט. מיר זעען אַנדערש. מיר האָבן זיך אַרויסבאַפרייט פון אַ פאַרבלענדעניש. אַ נייע הויט אויף אונדז. די אַלטע באַגריפן, מיט זייערע געזעצן, זיינען פלוצלינג בטל געוואָרן. מיר טראַכטן און פילן גאָר אויף אַ נייעם אופן. אַ נייע ערד און אַ נייער הימל.

און מיר וואונדערן זיך: פאַרוואָס האָבן מיר עס פריער ניט געזען? וואו זיינען מיר פריער געווען? — און עס דוכט זיך: די נייע אָרדענונג איז די גאַנצע צייט מיט אונדז געווען. מיר האָבן נאָר געדאַרפט אַביסל אַנדערש אַ קוק טאָן, וואָלטן מיר זי דערזען.

די לערע וועגן די אָרדענונגען און פלעינען אין דער נשמה האָט אַ פיל ברייטערע פאַרווענדונג, ווי מיר מאַכן עס דאָ פון איר; און זי האָט פיל ווייטערע קאָנזעקווענצן, וויפיל עס איז אונדז נויטיק אין דעם מאָמענט; דאָ באַרירן מיר נאָר איין ברעג אירן, צו וועלכן דער „כישוף פון דעם נאָמען" האָט אומגעריכט אונדז צוגעפירט.

דער כישוף פון דעם נאָמען איז אַ טייל פון אַ גרונט־געזעץ, וואָס נעמט אַרום אַלע אָרדענונגען אין דער נשמה; אַליין איז עס דער אויס־דרוק פון יענעם גרונט־געזעץ, וואָס האָט גילטיקייט בלויז פאַר איין נשמה־אָרדענונג, פאַר דעם שכלדיק־פסיכאָלאָגישן רעזשים אירן.

אָבער אויף אָט דעם פלעין — און די מערסטע פון אונדז געפינען זיך אויף אָט דעם פלעין — איז דער כישוף פון נאָמען פון געוואַלטיקער וויכ־טיקייט. דער געזעץ לערנט אונדז, ווי אַזוי דורך אַ געדאַנק־וואָרט־האַנד־לונג קאָנען מיר זיך משנה שם זיין — זיך אַ נייעם נאָמען געבן. ביי־אויסגעטייטשט ווערן. דורך געדאַנק־וואָרט־האַנדלונג, וואָס געהערן צו אַ העכערן פלעין, ווערן מיר אַנגעהעריקע צו יענעם פלעין — מיר ווערן באַנייט, ניי־באַשאַפן. די האַנדלונג שטעמפלט אונדז פאַר נייע באַשעפע־נישן. און דאָס הייסט געבענטשט זיין.

און עס איז קיינמאָל ניט שפּעט, נאָך היינט קענסטו זיך אָפּשטעלן און אומקערן זיך אויף צוריק — דער וועג שטייט פאַר דיר אָפן, און אַ מערקווירדיקע זאַך: ווי נאָר דו האָסט געגומען פאַרלאַנגען נאָך נייער אויסטייטשונג, ווי דו דערפילסט, אַז זי שטייט שוין לאַנג גרייט דיך אויפצונעמען, די נייע אויסטייטשונג האָט שוין לאַנג אַרומגעשוועבט דיינע קליינלעכע וואָכעדיקע האַנדלונגען און זיי געהייליקט. און עס זעט אויס אַז צוויי אויסטייטשונגען — אַ נידעריקע און אַ העכערע — הויזן אַלע מאָל אין דיין נשמה. דיין נשמה לעבט און וויל ניט פאַרגליווערט ווערן. די שעפערישע אומוואַנדלונג רוט ביי דער שוועל, און וואַרט נאָר די טיר זאָל זיך עפענען, זי בעט זיך: זאָלסט עפענען — די דערלייזונג איז דאָ!

און ווי נאָר דו האָסט פאַרטראַכט די נייע אויסטייטשונג, די נייע זיך זעלבסט־דערקלערונג, שפּרינג וואָס גיכער אַריבער די גריבער: פאַרלאַנג און גלויב — און שטרעב צו האַנדלונגען. האַנדל נאָך דעם געזעץ פון דער נייער אָרדענונג, וועלכע דו האָסט פאַרקלערט. און די האַנדלונג זאָל זיין אַ גרויסע, אומוועלצנדיקע האַנדלונג, זי דאַרף אָנזאָגן אַ גרויסע בשורה, זי דאַרף איבערלאָזן אַ קענטיקן סימן און פאַרבלייבן אין זכרון. זי איז דיין מאָנומענט, און פון אונטער אים וועט אויך אַרויס־וואַקסן דער צוויג, פון וועלכן עס וועט שפּראָצן דיין נייער לעבן, זי, די האַנדלונג וועט דיך אַריבערטראָגן אין דאָס פאַרשפּראָכענע נייע לאַנד.

תיכף נאָך דיין גלויבן זאָל פאָלגן דיין האַנדלונג, וועלכע זאָל אים באַשטעטיקן, וועלכע זאָל באַווייזן, אַז דיין גלויבן איז ערנסט און הייליק. גלויב און האַנדל דערביי, האַנדל אין דער פאַרויסזעאונג, אַז דו באַזיצט שוין דעם שאַץ, צו וועלכן דו שטרעבסט, נאָך וועלכן דו פּילסט אַ באַדער־פעניש, טרוי זיך צו און ריזיקיר, נעם אָן, דו ביסט שוין רייך געוואָרן מיט דעם שאַץ און שענק פון אים אַ מתנה דיין חבר, און דער רייכטום וועט זיך ניט פאַרזאַמען, זיך ניט פאַרשפּעטיקן, ער וועט נאָכקומען, און דו וועסט שעפּן קראַפט, שעפּן גלויבן. און דו וועסט אַריינוואַקסן אין דער געשטאַלט, וועלכע דו האָסט פאַרחלומט, און עס וועט מקוים ווערן דיין יעדער פאַרלאַנג, פאָדער! און דאַן וועט עס געשען, אויף דיין פאָדע־רונג וועט זיך באַווייזן דאָס געפאָדערטע, און דו וועסט נאָר דאַרפן אָנ־קלאַפּן, און אַ טיר וועט זיך עפענען, און אַלץ וועסטו נעמען, וואָרים אַלץ וועסטו זיך אַליין געבן.

יאָ, יאָ, עס איז קיינמאָל ניט אויסגעשלאָסן די באַפרייטע, און די דערלייזנדיקע טאַטן, וועלכע זאָלן דיך משנה שם זיין און איבערענדערן דיין נאָמען, לויזבינדן פון דעם געזעץ פון נויטווענדיקייט און פאַרוואַנדלען דיין זינד אין גערעכטיקייט און דיינע קללות אין ברכות. דער מענטש אַליין איז דער, וועלכער בענטשט זיך, וועלכער שעלט זיך. וואָרים דער מענטש גיט זיך אַליין דעם נאָמען, וואָרים דער מענטש איז דאָס וואָס ער גלויבט צו זיין!

די משיח־געשטאַלט אַלס מעכטיקער פאַרוואַנדלונגס־מיטל

(דער כישוף פון דעם נאָמען פאַר מאַסן־געברויך).

ווען מיר ווענדן אונדזערע בליקן צו די פאָלקסטימלעכע משיח־באַוועגונגען, ווערן מיר דערשטוינט פון אַ מערקווירדיקער דערשיינונג: מיר זעען, ווי צענדליקער, הונדערטער טויזנטער מיליאָנען, גאַנצע, דורות ווערן פלוצלינג פאַרוואַנדלט ווי דורך אַ כישוף — זיי ווערן פאַרכאַפּט פון אַן אַנשטעקנדיקער קראַפט, פאַרצוקט פון אַ שעפערישן שטורעם, פאַרטראָגן אין אַ נייעם גייסטיקן לאַנד. ביי די טויערן פון אָט דעם לאַנד ווערן זיי איבערגעשאַפן אין זייער דענקען, פילן און האַנדלען; איבערגעבאָרן אין זייער פלייש און בלוט. און ווען מיר טרעטן צו נעענטער, דערפאַרן מיר, אַז דאָס האָט געווירקט אויף זיי די געשטאַלט, וואָס האָט געשוועבט פאַר זייערע אויגן — אַ לעבעדיק פאַרקערפּערטע, אָדער ווי אַ לעבעדיקע וויזיע, וואָס זיי האָבן אַריינגענומען אין זיך — אָט די געשטאַלט האָט זיי פאַרכישופט.

מעג עס זיין אַ פיקציע, אַן אויסגעטראַכט פאַנטאַסטיש בילד, וועלכן זיי שרייבן צו אַ געוויסע האַנדלונג אָדער אַ געוויס וואָרט, אָבער דערמאָנענדיק דאָס וואָרט, ווידערהאָלנדיק די האַנדלונג, רופן זיי אַרויס אין זיך אַ מענטש־שעפערישן אַקט, ווערן זיי באַרייכערט מיט אַן איבערמאָס פון גייסטיקן רייכטום. זיי פאַרקוקן זיך אויף דער געשטאַלט. יענע שטראַלט אויס איר האַנט און עס גיט אַ גאָס אַ כוואַליע לעבנס־ענערגיע, און נאָענטע און ווייטע, איינצלנע און מאַסן — ביז די סאַמע שפּעטסטע דורות — שטייען זיי און טרינקען פון לעבעדיקן שטראָם. באַהעפטנדיק זיך צו אַ נאָמען, צו אַ וואָרט, לעבן זיי איבער די געשטאַלט, וואָס האָט זיך פאַרקלערט אין זיי. די פיקציע ווערט אָנגעטאָן אין פלייש און בלוט, ווערט ווירקלעכקייט, דערמיט באַווייזנדיק, אַז די פיקציע איז אמת געווען, אמתער ווי אַלע אמתן, מיט וועלכע מיר שפּייזן זיך אין געוויינלעכן טאָג־טעגלעכן, אומפּרוכטבאַרן און אומשעפערישן לעבן.

די משיח־געשטאַלט דערפילט די זעלביקע פונקציע, וואָס דער „כישוף פון נאָמען", נאָר אויף אַ סך אַ גרעסערן שטייגער: וואָס דער „כישוף פון נאָמען" טוט פאַר יחידים, טוט די משיח־געשטאַלט פאַר די מאַסן — זי פאַרוואַנדלט זיי. און זי טוט עס גיכער, טיכטיקער, פולער. אַנשטאָט אַכטונג צו געבן און מעסטן און ציילן אונדזערע קליינע טריטעלעך, וואָס אַמאָל געלינגען זיי און אַמאָל פאַרפעלן זיי, און מיר ווערן געשטרויכלט; אַנשטאָט מיט געוואַלט איינצוהאַלטן די נייע העכערע אויסטייטשונג, אין וועלכער מיר דאַרפן זיך אַריינציען און פון וועלכער מיר קאָנען יעדע מינוט זיך אַרויסגליטשן — ווערט דאָ די נייע העכערע אויסטייטשונג געגעבן אַלס אַ געשטאַלט, פאַרויסערלעכט, פאַרלעבעדיקט, פאַרקערפּערט, ווי אַ מוסטער פאַר די אויגן: — שטרעק זיך צו איר, פאַרקוק זיך. קום, זע און ווער ענלעך צו איר.

די משיח־געשטאַלט איז דער „כישוף פון נאָמען", וואָס איבער אַ העלפט פון כישוף איז שוין דורך איר אָפּגעטאָן: די נייע אויסטייטשונג וואַרט שוין אין איר ווי אַ פאַרטיקער לבוש, וואָס מען דאַרף נאָר אויף זיך אָנטאָן.

האָט די משיח־געשטאַלט גאָר גרויסע מעלות איבערן „כישוף פון נאָמען", אָבער זי איז אויך ניט פריי פון חסרונות.

ערשטנס, איז זי היסטאָריש אַן איבערשכלדיקע געשטאַלט. די מאַסן האָבן געגלויבט אין אוממעגלעכקייטן. מיט זיי פלעגן ניסים געשען. מיר ווייסן אָבער אַז ניסים, אויב זיי געשעען, געשעען זיי אויף אַ נאַטירלעכן אופן. מיר דאַרפן אַרויסנעמען דאָס נאַטירלעכע פון דעם נס, די פסיכישע איבערלעבונג, וואָס עס האָט אַרויסגערופן. מיר דאַרפן לערנען שעפעריש האַנדלען, ניט אַרויסלאָזנדיק פון אויג די רעאַליטעט.

מיר ווייסן אויך: ווי געוואַלטיק גרויס דער נס איז ניט געווען ביי זיין געבורט, פלעגט ער דאָך מיט דער צייט אויסגעטריקנט ווערן, פאַרקליינערט ווערן, אויסוויינען זיך אין הוילן גאַרנישט; בלייבן פלעגט נאָר דער שאָלעכץ, דער שיידל פון נס: קירכן, פאָרמען, צערעמאָניען, וואָס מאַכן שוין קיין ווירקונג ניט אויף די הערצער און גייסטער.

זיי האָבן פאַרפעלט זייער ציל, זיי האָבן זיך געצילט אויף אַ פאַלשן פונקט — אין אַ ליכטיקייט. זיי האָבן פאַרוואָרפן זייערע בליקן איבער דאָס לעבן, אין הימלישן רוים — האָט דער ניי אַרויסגערופענער לעבנס־שטראָם זיך אויסגעגאָסן אין דער אַלוועלטלעכער פוסטקייט; דאָס לעבעדיקע איז אויסגעלאָפן, און דער שטראָם האָט פאַרבלאָנדזשעט אויף אומזיסטיקע און נישטיקע וועגן.

מיר וועלן אָנווענדן דעם שעפערישן אינסטרומענט, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט אין דער מעסיאַנישער געשטאַלט, אויף דאָס פּראַקטישע, אויף דאָס ווירקלעכע, אויף דעם איבערבוי פון אונדזער אינערלעכער און אויסערלעכער סביבה. מיר ווייסן: אַלע מאַטעריעלע פּראָבלעמען זיינען געבונדן אין גייסט; זיינען פאַרקניפּט אין אַ גייסטיקן קניפּל. און עס איז גאַנץ עגאַל, וואו דער קניפּל איז צוערשט פאַרוויקלט געוואָרן — אין אונדז אָדער איבער אונדז, אָבי מיר ווייסן, אַז די קללה, וואָס פאַרשילט דאָס לעבן, ווערט אויסגעשפּראָכן אין דער שטיל, אין געהיימען, מיט אַ פּליסטערן אין אונדז. לאָמיר אויפבינדן דאָס קניפּל און אויסגעפינען די גייסטיקע קללה וועלכע פאַרשילט דאָס לעבן, וועט שוין אונדז לייכט זיין אָפּצוטרעפן די ברכה, מיט וועלכער דאָס לעבן דאַרף געבענטשט ווערן, כדי ער זאָל דורכמאַכן אַ שעפערישע פאַרוואַנדלונג. די ברכה וועלן מיר פאַרקלערן אין אַ געשטאַלט, וועלכע זאָל אונדז פאַרוועבן, פון וועלכער מיר זאָלן זיך לאָזן פאַרצוקן. דעמאָלט זיינען מיר אין באַזיץ פון דער מעסיאַנישער געשטאַלט, מיט וועלכער מיר וועלן נעמען שאַפן אַ לעבעדיקן וואונדער אויף אַ נאַטירלעכן אופן.

און קיינמאָל שוין וועט זי ניט פאַרוועלקט ווערן. איז דען די לעבעדיקע ווירקלעכקייט אָרום אונדז ניט אומאויסשעפּלעך? אַלע מינוט דערלאַנגט זי אונדז נייעם רויען שטאָף, מיר זאָלן עס באַלעבן. אַלע מינוט שטעלט זי אונדז נייע שטערונגען אין וועג, מיר זאָלן זיי באַזייטיקן. און אַלע מינוט וועט אונדז אויסקומען זיך צו ווענדן צו דער בענטשנדיקער געשטאַלט מיט אַ נייער פאָדערונג נאָך קראַפט און באַגייסטערונג, כדי תיכף זיי צו פאַרברויכן אויף נייע נצחונות איבער דער ווירקלעכקייט. און דאָרט וואו עס איז דאָ אַ פאָדערונג אויף קראַפט, אַ ברענענדיקער פאַרלאַנג נאָך איר, נעמט זי זיך קיינמאָל ניט אויס. עפנט זיך אין אונדז אַן אומענדלעכער קוואַל.

און וואָס מיר האָבן פריער שיער ניט פאַררעכנט פאַר אַ חסרון ביי דער משיח־געשטאַלט, — איר אוממעגלעכקייט, איר איבערערדישקייט, איבער־שכלדיקייט, — ווערט גאָר פאַרוואַנדלט אין אַ מעלה — אַ מעלה וואָס דער „כישוף פון נאָמען" האָט קוים מיט שוועריקייטן פאַרמאָגט. מיטן כישוף פון נאָמען זיינען מיר ביט זיכער, אַז מיר וועלן אַלעמאָל זיך קאָנען אַן עצה געבן, ווי צו שעפן נאָך און נאָך קראַפט. מיר דאַרפן כסדר טאַפּן דעם גרונט פון דער נשמה און זיך אָנשטרענגען צו געפינען נייע עפענונגען צו דעם קוואַל פון קראַפט. אין דער משיח־געשטאַלט האָבן מיר אַן אינסטרומענט, וואָס האָט כסדר אין בויערן

עפענונגען צו דעם אומאויסשעפּלעכן קוואַל פון קראַפט. ווייל עס איז אַ געשטאַלט, פאַרטראַכט אויף אומענדלעכקייט. אַן „אומענדלעכע״ געשטאַלט איז אַ חסרון, ווען עס איז ניט אַנגעקלאַמערט אַן דער ערד, אַן לעבעדיקן לעבן; אַז מען פאָרט מיט איר רייטנדיק אויף די וואָלקנס, ווערט זי טרוקענער געצנדינסט. אָבער ווען צוגעבונדן צו דער רעאַ־לער ווירקלעכקייט, איז די משיח־געשטאַלט אַ שעפּ־שטאַנג צו דעם ברונים אין אונדז, וואו עס קוועלט קראַפט פון אומענדלעכן רעזער־וואַר פון לעבנס ענערגיע.

די משיח־געשטאַלט וועט אונדז צופירן צו די ברעגעס פון דער אומענדלעכקייט. דעם היינטיקן, אויפגעקלערטן מענטשן, וועט אָפּ־שוידערן — ער דערשפּירט אַ פּרימיטיוון שרעק, ווי נאָר ער דער־הערט אַרויסרעדנדיק דאָס וואָרט: „אומענדלעכקייט!״ אָבער דער טייוול איז ניט אַזוי שרעקלעך, ווי מען מאָלט אים! די אומענדלעכ־קייט איז דער היימישסטער, אינטימסטער פאַקט אין אונדז — נישט צו מאַכן צאָרנדיק ליבע טאָג־טעגלעכע וואָכעדיקע מענטשן! פון דער אומענדלעכקייט פליסט צו אונדז דער לעבנס חיות, דאָס לעבנס גע־הימניס, דער וועלט אוצר פון קראַפט איז אַזוי נאָענט, ממש מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. דאָס אומגליק פון אונדזער צייט, וואָס מיר, היינט־וועלטיקע, זיינען בלינד געוואָרן צו זאַבן, וואָס אין די אַלטע צייטן פלעגט מען זען מיט אַן אומבאַוואָפנטן אויג. און דאָס איז אויך דאָס איינציקע, וואָס טיילט אונדז אָפּ פון דער אַמאָליקער גייסטיקער ריכ־טונג פון אונדזער פאָלק.

מיר האָבן זיך פאַרצוימט דעם וועג; מיר האָבן זיך פאַרשטעלט מיט אַ שייד־וואַנט. אונדזער קליינטשינקן „איכעלע״ האָבן מיר אין אונדזער קורצזיכטיקייט באַפעסטיקט אויף אַ שפּאַן פון אונדזער לעבנס־עמפּינדונג. מיר האָבן זיך אַרומגעצירקלט מיט אַ שמאָלינקן קרייז און זיך דורך דעם פאַרוואַנדלט אין באַגרענעצטע ווענס.

אומוואָרפן די שייד־וואַנט, אַרויסרייסן דעם „איך״ פון זיין אומ־מעכטיקער נאָענטקייט, פאַרפלאַנצן אים אין אומענדלעכער ווייטקייט פאַראומענדלעכן אונדזער אייגענע געשטאַלט — דאָס איז דער מעסיאַני־שער בליק אויפן מענטשן!

דער קליינטשינקער „איך״ — דאָס איז אַ קללה, מיט וועלכער מיר האָבן זיך אַליין פאַרשאָלטן, אַן אורטייל האָבן מיר איבער זיך אַרויס־גערעדט: ביז אַהער און ניט ווייטער! מיר האָבן זיך אַליין פאַרשלאָס

אין דעם פאַרשאָלטענעם קרייז, פון וועלכן עס איז ניטאָ קיין אויסוועג; זיך פאַרשפּאַרט מיט געזעצן, וועלכע זיינען ניט אָפּהענגיק פון אונדז; זיינען מיר געבליבן שטיין אויף אַן אומבאַוועגלעכן פּונקט און זיך צוגעשמידט צו אים, ווי צו אַ שאַנדסלופּ.

ווען מיר קוקן אַריין אין זיך, הויבן מיר אָן אויסצורעכענען, און מיר מאַכן דעם חשבון הנפש: אַזויפיל און אַזויפיל מעלות און חסרונות באַזיצן מיר — אַלץ אָפּגעוואויגן און אָפּגעמאָסטן... מיר זיינען גע־געבענע, אומפאַרענדלעכערע, — די נאַטור אָדער די אומשטענדן — מיר שלים־שלים־מזל — האָבן איבער איר קיין שליטה ניט, זי איז אַ פּאַר־טיקע, ווי זי שטייט און גייט, האָבן מיר זי באַקומען. עפּעס אַ צערי־סענע, אַ צונויפגעשטוקעוועטע איז זי, אַ צונויפמישעניש פון שטיק־לעך הייליקייטן, פון ברעקעלעך עבירות, וועלכע קענען קיינמאָל גאַנץ ניט ווערן, וואָרים וויפיל מאָל האָבן מיר זיך שוין געפּרואווט באַפרייען און ווידער זיינען מיר פאַרפאַלן געוואָרן אין דעם זעלביקן מיש־מאַש — אוממעכטיקע, אָרימע, אומגליקלעכע זיינען מיר — גייסטיקע בעטלער! פאַרמשפּט זיינען מיר! — אַזוי זיינען מיר אין דער שטיל זיך מודה און מתוודה און דערמיט אַליין האָבן מיר ערשט אין דער אמתן אַרויס־געגעבן איבער זיך דעם פּסק־דין, די ביטערע גזירה, וועלכע הענגט אי־בער אונדז.

דאָס איז די קללה, וועלכע פּלאָגט און פּייניקט, וואָס מיר האָבן זיך באַגרענעצט. די רעטונג איז, די הייליזאַמע ברכה — מיר זאָלן צעברעכן די צוימען, פאַנאַנדעררוקן די גרענעצן — זיך פאַנאַנדערגרענעצן! דע־מאָלט ערשט וועט דאָס געהיימניש פון אַלע געהיימנישן אויפדעקן פאַר אונדז דעם קוואַל פון אורשפּרינגלעכער לעבנס־קראַפט. מיר דאַרפן זיך נעמען באַטראַכטן, ווי פאַרקלערטע, באַלויכטענע, זיך געשאַפענע, מעסיאַנישע געשטאַלטן — דעמאָלט וועט די מאָס פון קראַפט, פון וועל־כער מיר זיינען אימשטאַנד אַנצושעפּן פון דעם אייביקן לעבנס־קוואַל — זיין אומבאַגרענעצט!...

דער וועג איז פאַר אונדז אויסגעטראָטן; די מיטלען ווערן אונדז אין האַנט געגעבן, — דאָס יידישע פאָלק, דורך זיין טויזנט־יעריקער גע־שיכטע, דורך זיינע אָפּקומענישן און קוועלענישן, דורך אויפאָפּפערונג פון בלוט און גייסט, דורך זיינע בעסטע און געניאַלסטע קינדער — די נביאים און משיחים — האָט זיי פאַר אונדז אָנגעגרייט!...